STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 18790

# YIHES

## Ester Kreytman

**THE MAX PALEVSKY YIDDISH LITERATURE COLLECTION**

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-18790-9

D:\YIDDISH\TITLES\9780657187903T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

אסתר קרייטמאן

# יחום

## דערציילונגען און סקיצן

מיטי,

די קאָפּיע באַקומען פֿון מעדעם ביבליאָטעק פֿון פּאַריז. אַ היסטאָרישער זעלטענער ביך. ס'איז פֿאַר דיר.

אויב דו ביסט אינטערעסירט אין קאָפּיעס פֿאַר דײַן לייען קרייז, האָב איך צוגעגרייט אַ „מײַסטער־קאָפּיע" און קאָן זייער גרינג דיך" צושטעלן וויפֿל קאָפּיעס עס גלוסט דיך.

ש.

# יחוס

אַלע כאַראַקטערן אינם דאָזיקן בוך

זענען דורכאויס פיקציע

אסתר קרייטמאַן

אסתר קרייטמאַן

# יחוס

## דערציילונגען און סקיצן

פאַרלאַג „נאַראָד פרעס"

לאָנדאָן 1950

# "ICHUS"

*BY ESTHER KREITMAN*

(SHORT STORIES)

*Copyright by*

ESTHER KREITMAN

LONDON . 1949

Published by The Narod Press, London

# אינהאלט


1. אַטלעסענע קאַפּאָטע .. .. .. .. .. 7
2. די נייע וועלט .. .. .. .. .. .. 25
3. ר׳ מאירל .. .. .. .. .. .. 31
4. שלמה׳קע .. .. .. .. .. .. 41
5. יחוס .. .. .. .. .. .. .. 47
6. זייגערס .. .. .. .. .. .. .. 68
7. בליץ .. .. .. .. .. .. .. 74
8. דזשים . .. .. .. .. .. .. 80
9. הינט .. .. .. .. .. .. .. 86
10. אָפּגעפּאַסט זיך .. .. .. .. .. .. 91
11. געוואָרן אַ טרעמפּ .. .. .. .. .. 96
12. צו שפּעט .. .. .. .. .. .. 102
13. 2 ביבליאָטעקן .. .. .. .. .. .. 115
14. זי איז נישט בלינד .. .. .. .. .. 118

**פונם אייגענעם מחבר:**

---

**„רעליקוויע"**

דערציילונגען

**„דער שדים טאַנץ"**

ראָמאַן

**„בריליאַנטן"**

ראָמאַן

**„יחוס"**

דערציילונגען

און סקיצן

**„דעבאָראַ"**

ראָמאַן

אין ענגליש איבערזעצט פון „שדים טאַנץ"

# אַן אַטלאַסענע קאַפּאָטע

די גליסקערס האָבן געוווינט אין דאָרף מקדמונים. יידל גליסקער האָט געירשנט אַ קראָם, וואָס האָט געהאַלטן אַלצדינג וואָס זיין דאָרף און אַ סך דערפער אַרום האָבן געברויכט.

אייגנהענטיק און אַליין האָט ער געפירט מסחר. אַ הויכער, אַ ברייט־פּלייציקער, אַ מענטש וואָס האָט געקאָנט זיין שטעטל באַשטיין, האָבן די פּויערים פאַר אים דרך־ארץ געהאַט.

אפילו ס׳ווייב האָט ער צום געשעפט ניט צוגעלאָזט, סיידן ווען ער האָט געדארפט פאָרן איינקויפן סחורה.

— אַ יידינע — האָט יידל געהאַלטן — דאַרף היטן די שטוב, אַכטונג געבן אויף די קינדער, ס׳איז געזונטער פאַר ביידע...

זיין ווייב רחל האָט אָבער געהאלטן גראד פארקערט. נאָר געוווסט גאנץ ווויל, אַז יידל זאָגט ניין, מיינט ניין און ענערגיע איז פאראן געווען אַ סך. האָט זי זיך איינגעפירט אן אייגן מסחר.

זי האָט זיך גענומען צו מילכיקס.

יידל האָט איר נישט געשטערט. אַבי זי מישט זיך נישט אין זיינע עסקים, האָט אים נישט געאַרט.

פארקערט — ווען די מיידן האָבן וואָס צו טון — האָט ער איר נאָך געהאָלפן אויסקליבן עטלעכע בהמות, באַצאָלט די פּויערים דאָס זייעריקע, אַפילו אַ גלעזל בראָנפן אויף מזל־ברכה מיט זיי אויסגעטרונקען.

רחל האָט געפירט מסחר נישט ערגער פון יידלען. פּונקט ווי דער מאַן האָט זי זיך אויף קיינעם נישט פאַרלאָזט; אַליין געטון אַלצדינג, אַליין געמאָלקן די קי, געוואַרעמט די טעפּ זויער־מילך, געשלעפּט די שווערע שטיינער, אויסגעלייגט זיי אויף די קעזן, אַליין אויסגעשלאָגן די פּוטער, אפילו אַליין די קעז־זעקלעך אויפגעניית.

די טעכטער האָבן בלויז געפּאַשעט די בהמות אין פעלד. אויסגעזוכט די טיפּסטע גראָזן, די זאַפטיקסטע — פלעגן די בהמות אַהיימקומען יעדן אָוונט מיט אייטערס נאָר צום פּלאַצן. רחל האָט זיך מיט גרויס נחת אָנגעקוקט ... 

אייטערס געגומען לענגער ווערן, האָט זי אַ גיכן רוק געטון דאָס בענקל, אַן אָפּגעהיטענעם איבער־רוק פונם מילכשעפל און אַן אַנדערע באַפרייט פון דער איבערלויפנדיקער שפע.

די קי האָבן איר געלעקט די הענט מיט די נאַסע צינגען; בהמהוואַטע באַדאַנקט זיך.

די וואַרעמע מילך אין די שעפלעך, דער ריח פון מיסט אין שטאַל, האָבן ביי רחלען כחות געוועקט.

זי וואָלט דעמאָלט געקאָנט אייזן ברעכן.

די מיידן ווידער, פון ליגן אַ גאַנצן זומער צווישן הימל און גראָז, גע־וואַרעמט און געברוינט פון העלער זון, זענען זיך צעוואקסן, ווי די סאָסנעס אינם שכנותדיקן וואַלד.

האָבן עס יידן, וואָס זענען געקומען צופאָרן אויף צונויפגעקלעפּטע וועגעלעך מיט איינגעשפּאַנטע מיחושדיקע פערדלעך, אויפצוקויפן ביי רחלען די מילך מיט דער פּוטער מיט די צעוואַקסענע קעזן, געזען און ס׳האָט זיי געאַרט. האָבן יידן, וואָס האָבן מורא געהאַט צוצוגיין נאָנט צו רחלס שטאַל אַ קו זאָל נישט אַמאָל אויף הערנער אויפכאַפּן, נישט געקאָנט צוזען וואָס ביי די גליקסקערס וואַקסן דריי מיידן, ווי די שיקסעס להבדיל, וואָס יידל אַליין איז מיט אַלע חושים פאַרטון אין מסחר און רחל זעט אויס ווי אַ געזונטע פּויערטע — נישט ענלעך צומאָל צו קיין יידישער טאָכטער. האָבן זיי יעדעס מאָל וואָס רחל האָט נישט געוואָלט אַראָפּלאָזן פונם מקח אויף מילך אָדער קעז נאָכאַמאָל געפּרוווט אויפווייזן יידלען, אַז „לא זו הדרך“:

— וואָס׳עט ווערן פון די קינדער, זאָלן לעבן און געזונט זיין? ווי כאָוועט עס עפּעס אַזאַ ייד, ווי איר זענט, ר׳ יידל, מיידלעך אויפן פעלד? וואָס זענען זיי שיקסעס, להבדיל? איר׳ט דאָך קיין שידוך נישט קענען טון! וואָס איז דאָס פאַראַ תכלית, וואָס, פאַר אַזאַ ייד ווי איר זענט, ר׳ יידל?! ווי איז דאָס געהערט און געזען געוואָרן, אַז יידישע קינדער זאָלן פּאַשען בהמות, בפרט אייערע קינדער, ר׳ יידל?

איז עס יידלען נישט געלעגן אין דער לינקער פּאה אפילו. ס׳האָט אים בלויז אָנגענומען אַ חשק אָנצוכאַפּן זיין ווייבס קונים ביי די איינגעדאַרטע העלדזלעך און אַזוי אויפטרייסלען זיי, אַז ס׳זאָל זיי פאַרגיין דער אַפּעטיט צו מישן זיך אין פרעמדע עסקים.

ער האָט גאַנץ ווויל געוווסט, אַז זיי מיינען נישט אַ וואָרט וואָס זיי זאָגן; אַז ס׳פאַרדריסט זיי, וואָס זיין יידינע וויל זיי נישט אַוועקגעבן די סחורה האַלב אומזיסט, כדי דערנאָך זאָלן זיי אויסרייסן די אָרימע ווייבער פון שטעטל, וואָס וועלן קומען קויפן אַ לויט פּוטער, אַ קוואַטירל מילך. דערפאַר רעדן זיי.

זיי קענען אויך נישט צוזען די שפע, קיין עין־הרע.

און יידל וואָלט זיי צומאָלט נישט געענטפערט, ווען ס׳מאַכט זיך נישט אַ מעשה און יידל טרעפט נישט די עלטסטע טאָכטער זיינע, רויזן, ליגן אַרומ־געׂנומען אויפן פרייען פעלד מיט אַ שגץ, ווי אַ בהמה להבדיל...

נאָך אָט דער באַגעגעניש האָט זיך יידל נישט אויסגעלאַכט מער פון אָט די יידלעך, די „שוויגערס". פאַרקערט, ער האָט זיך צוגעהערט צו זייערע רייד מיט גרויס ערנסט איבערגעקייט אין דער מחשבה אַלצדינג, וואָס איז זיי גראָד געקומען אין מויל אַריין, און אין אַ שיינעם סוף זומער, אַנשטאָט נעמען גרייטן זיך אַריינצופאָרן אויף די ימים־נוראים אין שטאָט אַריין ווי „יענגאַלקעס", האָבן די גליסקערס פאַרקויפט די שטוב, איינגעפּאַקט די סחורה אין טיפע לייטערדיקע וואָגנס, צוגעבונדן די בהמות און אַריבערגעפּעקלט זיך מיט האַק און פּאַק אין שטאָט אַריין.

אין יענער זייט וואַלד ערשט האָט זיך יידל דערמאָנט אין אַ סך, אַ סך מעשיות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט מכח יידן, וואָס וווינען אין דערפער. די קינדער נעמען זיך אַרומפירן מיט שקצים, מיט שיקסעס, מ׳ווערט חבר־לאַפּ און ווען טאַטע מאַמע קוקן זיך אַרום איז שוין צו שפּעט.

אָט דער געדאַנק האָט יידלען דערנענטערט צו די שטעטלשע באַלעבאַטים. ער האָט איצט געקוקט אויף זיי מיט מער צוטרויען. עפּעס האָבן זיי אויסגעזען לגמרי אַנדערש, ווי ער פלעגט זיי זען אַמאָל, ווען זיי זענען אַרויסגעקומען צו אים אין דאָרף אַריין אויפקויפן געהילץ. (יידל האָט געהאַנדלט מיט וואַלד אויך.) אפילו די מילכיקע יידלעך, זיין ווייבס קונים, האָט ער איצט געזען אַנדערש ווי פריער. ער האָט געזען, אַז אַ טייל פון זיי זיצן יעדן אָוונט אין בית־המדרש און לערנען — וואָס האָט ער נישט געוווּסט, נאָר דער שמש האָט אים געזאָגט, אַז איינער, דער מיטן איינגעדאַרטן העלדזל, קען גוט לערנען. די אַנדערע לערנען אַ פּרק משניות.

יידל האָט אַ באַהאַלטענעם בליק געטון אין זייערע ספרים, אויפן לאַנגן, צעקראַצטן מיט חלב פאַרשמאָלצענעם טיש און געזען, אַז ער פאַרשטייט נישט קיין איינציק וואָרט, קאָן אפילו נישט איבערלייענען. אַ שטאַרקער חשק האָט אים פּלוצלונג אָנגעכאַפּט צו קענען פאַרשטיין וואָס עס טוט זיך אין די געלע בלעטער פון די צעריסענע גמרות. עס איז אים איינגעפאַלן צוצונעמען זיך אַ מלמד. ער וואָלט געצאָלט וויפל מ׳וואָלט נאָר געבעטן און מער, נאָר מיט אַ תנאי, אַז קיינער זאָל נישט וויסן.

ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין פּויער...

אין שטעטל האָט מען געוווּסט, אַז יידל איז אַן עושר. מ׳האָט אים באַלד דעם ערשטן שבת מכבד געווען מיט ששי.

דער שמש האָט אים אָנגעוויזן אַן אָרט אין סאַמע אויבן־אָן.

דאָס לעבן אין שטעטל איז אים געפעלן געוואָרן. אין מסחר איז אים ווידעראַמאָל אַוועק אַ גאַנג. אַ מלמד האָט ער שוין אויך געהאַט, ער האָט זיך שוין געהאַלטן פאַר אַ שטיקל לערנער און ס׳האָט אים גענומען האַרן הלמאי ער איז דער איינציקער אויבן־אָן אין אַ קאַמגאַרענער קאַפּאָטע.

מיט זיינע זעקס פוס הויך, מיט דער ברייטער פּלייצע, וואָס, אַז ער טוט זיך אַ קער, פאַרשטעלט ער מיט איר אפשר אַ האַלב טוץ מתפּללים, זעט ער אויס אין זיין קאַמגאַרענער קאַפּאָטע עפּעס נישט ווי מ׳דאַרף. אין סאַמע מזרח צווישן בלויז זייד און אטלאס פילט ער זיך עפּעס נישט אַהין נישט אַהער.

דאַרף מען דאָך נישט קיין סך. פאַרוואָס צו קויפן איז, ברוך השם, דאָ — ער דאַרף בלויז הייסן אָפּשניידן עטלעכע אַרשין זייד, אַריבערשיקן נאָך פישלען דעם שניידער און פאַרטיק! דאַכט זיך אַן עסק?

האָט אָבער יידל געקאָנט טון אַלצדינג אין דער וועלט אַ חוץ אַזאַ קליינקייט, ווי אָנטון זיך אַ זיידענע קאַפּאָטע.

פלעגט ער יעדן שבת נאָכן דאַווענען אַרומדרייען זיך אַהין און צוריק איבערן פּיצל שטח פונם קליינעם בית־המדרש׳לס אויבנאָן, נישט האָבן ווו די פיס אויסצושטרעקן און אונטערברומען אַ שטיל, שטיל ניגונדל; ווי אַ פאַרבענקטער אונטערזינגען האַלב צו זיך האַלב צום עולם אין זייד און אין אַטלאַס:

— גוט שבת! גוט שבת! אוי, גוט שבת! גוט שבת.

האָט אַ שיינער ייד אַ שמייכל געטון, אַ ברום געטון עפּעס אין דער שיין יידישער באָרד אַריין, אַ זאָג געטון עפּעס הינטער דער נאָז און אויסגעטייטשט יידלס אַרומדרייען זיך הין און צוריק איבערן בית־המדרשל מיט די גרויסע האָרעפּאַשנע ידים פאַרלייגט אויף הינטן, מיט דער רויט־געלער פויערשער קעשענע־פאַטשיילע צווישן די אייזערנע פינגער, גאָר אויף אַ גשמיותדיקן אופן.

און דעם גמרא־מלמדס שניעקל, אַ בחורל פון אַ יאָר דרייצן, האָט גיכער נאָך פון די גרויסע דערשנאַפּט וואָס ר׳ מרדכי, דער שיינער ייד, מיינט מיט אָט אָ דעם איידעל׳ן, צי מיט דער נאָז זיינער, און ער האָט זיך אויך גענומען דרייען הין און צוריק איבערן בית־המדרשל, דרייען זיך הינטער יידלס ברייטע פּלייצעס מיט זיין דאַרן גופל, שמייכלען מיטן לאַנגן נעזל און אונטערזינגען:

— גוט שבת, גוט שבת! אוי, גוט שבת! גוט שבת! מ׳גייט דאָך שוין עסן די קישקע די גראָבע! גוט שבת! גוט שבת! מ׳גייט דאָך שוין רייבן דעם טשולנט דעם פעטן!

אַז יידל האָט איינגעלייגט דעם טלית, איבערגעגעבן אים דעם שמש און איז אַרויס, האָט זיך דער עולם געקאַטשעט פון געלעכטער און געמוסרט שמחהלען דעם גמרא־מלמדס יינגל:

— פע, שעמען מעגסטו דיך, דו שניעק איינער! אַ נייעס גאָר, אָפּצולאַכן פון אַ יידן אין שבת גאָר!

זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז שמחהלע איז יידלס רבי, אַז יעדן שבת גייט שמחהלע אַריבער צו יידלען, כּדי צו פֿאַרדינען צוויי גילדן פֿאַר לערנען אים מעביר זיין די סדרה און אַ פּרשה חומש; יעדן שבת האָט שמחהלע בסוד סודות געטרעטן איבערן טיפֿן, בלאָ־ווייסן, כמעט נישט באַרירטן שניי; מיט גרויס מי און מאַטערניש דערגרייכט יידלס הויז, וואָס איז געשטאַנען אין סאַמע עק שטעטל איינגעטונקען אין שניי און זון אָדער שניי און כמאַרע, ווי אַמאָל, און געוואַרט אויפֿן גאַסט...

יעדן שבת האָט ער אים געטראָפֿן אַן אויסגעשלאָפֿענעם, אַן אויסגערוטן, אַ זעץ אויף טון זיך אין בעט מיט זיין אויבערשטער העלפֿט הויך און מיט טאַטישער באַפֿעלערישקייט אַ רוף טון די מיטלסטע טאָכטער, פֿייג׳ן:

— פֿייטשע, גיב מיר אַריין אַ גלאָז וואַסער, הערסט פֿייטשע? נאָר ס׳זאָל זיין רריין ווי גאָלד, אָן ווערים!...

פֿאַר שמחהלעס אויגן האָט אַ שוועב געטון אַ קרישטאָלענער גלאַנץ, ווי פֿון געשליפֿן גלאָז, ווי פֿון אַ לעבעדיק, לויפֿנדיק טייכל, און באַלד דערויף מאַנטנע שטייענדיק וואַסערל, ווו ס׳ווידמען זיך אַלערליי ווערים.

נאָר אַז פֿייגע האָט צוגעברענגט צום בעט אַ דיק געפֿינגערט גלאָז וואַסער, פּשוט וואַסערדיק וואַסער, האָט שמחהלע געפֿילט ווי סיי דער טאַטע, סיי די טאָכטער וואָלטן אים אָפּגענאַרט און ער האָט אים שטילערהייט נאָכגעמימיקט — הערסט פֿייטשע, רריין ווי גאָלד, אָן ווערים!...

נאָר יידל הערט נישט און זעט נישט. ער איז צופֿיל אַריינגעטון אין דער שבתדיקער מנוחה. וואַרט שמחהלע, אַז יידל זאָל אויסזופּן דאָס וואַסער ביזן דנאָ; נאָך יעדן זופּ אַביסל אָפּרוקן עס פֿון זיך, האַלטן עס צווישן די אויס־געקנאַקטע פֿינגער און פֿון דער ווייטנס חוקר ודורש זיין, צי ס׳זענען נישט פֿאַראַן דאָרט קיין ווערים. דערנאָך אַוועקשטעלן ס׳גלאָז אויפֿן דיל, אָפּווישן מיט אַ ברעג ליילעך עטלעכע זילבערנע טראָפּנס פֿון דער באָרד און זיך פֿלוצלונג כאַפּן, אַז שמחהלע איז שוין דאָ.

— אַה, שמחה׳לע, גוט שבת! — דערפֿרייט זיך יידל און נעמט וועקן ס׳ווייב.

— רחל, צייט אויפֿצושטיין! ר׳איז שוין דאָ!

קעגנאיבער, אויף אַ הויך פֿאַרבעט בעט מיט קיילעכדיקע ווענטקעס אַקוראַט ווי יידלס, ליגט רחל אין דער ברייט פֿונם בעט. די פֿיס אָנגעשפּאַרט אויף אַ דריי־עקעדיק מילך־בענקל. זי איז שיער נישט אַזוי גרויס ווי יידל און כמעט אַזוי פֿעסט געבויט. אַן אָנגעטועטע ליגט זי, בלויז צוגעשפּאַרט זיך, אין אַ ווייסער לייוונטענער בלוזקע מיט אַ רויט־געקעסטעלטער ספּאָדניצע, אויפֿן קאָפּ אַ רויט־געלע קעשענע פֿאַטשיילקע פֿאַרבונדן אויפֿן נאַקן, אויפֿן האַלדז אַ לאַנגע שנור שעצקע (אַ סאָרט רויטע קרעלן) — האָט זי אויסגעזען

ווי אַ פּויערטע, וואָס קומט זונטיק אין שטעטל אַריין.

פון יידלס רוף האָט רחל זיך גענומען דרייען אויפן בעט. דאָס בענקל האָט זיך גענומען רוקן, מיט יעדן סקריפּ דערוויטערן זיך און לסוף, ווען רחל האָט עס נאָך קוים דערהאַלטן אויף די הילצערנע פּיס מיט אירע ברייטע שיך־עקן, האָט עס זיך אַ וואַקל געטון און איז מיט אַ געפּילדער אומגעפאַלן.

רחל האָט זיך אויפגעכאַפּט, געהאַט אַ שטיקל עסק מיטן באַלאַנסירן דעם צעוואַקסענעם גוף, אויפגעזעצט זיך און געשמייכלט צום רבין:

— אַה, ר׳ שמחה׳לע!

— גוט שבת! — האָט שמחהלע כלומרשט געהיטן זיך נישט צו קוקן אין איר זייט.

פון דעסטוועגן האָט ער געזען, אַז רחלס פּאַטשיילע איז אַ רויטע. ר׳האָט געזען, אַז זי איז אַרויפגערוקט און ס׳זעען זיך ביי איר אַרויס די בלויזע האָר, גליאיקע שוואַרצע האָר און אַ ברייטער ווייסער שרינט אין סאַמע מיט־קאָפּ — אַ זאַך, וואָס ער האָט נאָך נישט געזען ביי קיין שום שטעטלשער יידינע און ער האט זיך געחידושט. כמעט אלע שבת ס׳אייגענע און זי כאַפּט זיך נישט, אַז מ׳זעט אַרויס די בלויזע האָר.

און נישט נאר שמחהלע האט זיך געחידושט. ס׳גאנצע שטעטל האט זיך געחדושט, נישט געקאָנט פאַרשטיין די מענטשן. עפּעס זענען זיי יאָ יידן, די גליקסקערס, פרומע יידן נאָך דערצו — און פאָרט נישט קיין יידן מיט יידן צוגלייך.

אַ ייד זאָל זיין געזונטער פון אַ גוי, להבדיל, מיט טעכטער ווי בוימער, אזעלכע ריזן מיט אַזעלכע פּלייצעס און בריסטן, מיט אזעלכע גלאנציקע אויגן, אַז ס׳איז אַזש נישט ניחא אַ קוק צו טון... און די מאַמע איז פּונקט אַזוי גרויס, פּונקט אַזוי יאָדערדיק און געזונט און די אויגן גלאַנצן ביי איר ווי ביי די מיידן און האָרעווען — האָרעווען זיי שוין גאָרנישט ווי קיין יידישע קינדער...

דאָ אין שטעטל האָט יידל איבערגעגעבן די קראָם אין גאנצן אין רחלס רשות. שטייט זי אַ גאַנצע וואָך אין געוועלב, האַלט אין איין ציילן הערינג. די פּויערן ווילן אין קיין אַנדער קראָם נישט אַריינשמעקן. מ׳הערט נישט מער נאָר „ראכלא“ און „ראכלא“! וואָס זיי זעען אין איר ווייסט איין גאָט! סיידן ז׳איז טאַקע — גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד! — אַ, אָ, — — אַ זייעריקע! טפוי!! נאָר „ראכלא“ און „ראכלא“ און רחל קוקט זיך בסך הכל אפילו נישט רעכט אום אויף זיי — אַ חוץ אפשר ווען אַ פּויערטע אַ חזירטע צעריבט איר די הערינג מיט זוכן מילכן אָדער וויל גאָר אַריינלאַטכענען איינעם אין בוזים אַריין. און, אַז אַ וועק פונם פאָס הערינג איז גלייך צו די זעק זאַלץ און סאָדא. וועגט די סחורה אויף דער גרינער שטייענדיקער וואָג־שאָל, הייבט די זעק ווי ס׳וואָלטן דאָרטן פעדערן געלעגן, נישט קיין שווערע,

גלעזערנע שטיקער סאָדע און גראָב פייכטלעך זאַלץ, וואָס פויערן קויפן פאַר קי און פערד. שלעפט די נאַפט, טראָן און אייל ביינקעס איבער דער פעטער, שוואַרצער פאַדלאָגע אין קראָם, ווי זיי וואָלטן לײדיקע געווען. און טאָמער מאַכט זיך, אַ ביינקע זאַאיקעט זיך איבער אַ לויז ברעט, איז אויך נישט קיין סכנה. טוט זי אַ הויב אונטער און פאַרטיק!

און די מוידן זענען פונקט אַזוי פאַרהאָרעוועט — עפּעס אַ קלייניקייט וואָס דאָרט איז פאַראַן אַרבעט ביי אַזאַ שפע! אַז אַלע לויפן זיי צו רחלען, זיצן טאַקע די אַנדערע קרעמערקעס מיט פאַרלייגטע הענט, עסן זיך אויף לעבעדיקערהייט פון האַרצווייטיק און די ברעטער פון די דילן אין די קרעמ־לעך טרוקענען: די הערינג ווערן ווייך און דער לאָגער זשאַווערט צוזאַמען מיט די רייפן אַרום די פעסלעך — באַקומען יעדע איין קאָליר — רויט. די זאַלץ־זעקלעך ווערן ליידיק פון זיך אַליין. דאָס זאַלץ טריקנט איין, ווערט האַרט. די אייל־ביינקעס, דאַכט זיך, טריקענען אפילו, און די קנאה פון די קרעמערקעס ווערט אַלץ ווייטיקדיקער, גודנער.

און די גליסקערס ווערן נתעשר, ווערן רייכער פון טאָג צו טאָג. די קראָם ווערט געפּאַקטער, שוין באַלד נישטאָ קיין ליידיקער שפּאַן און די שבתים ביי יידלען ווערן אַלץ פעטער, די שבתדיקע מנוחה אַלץ אָנגעלייגטער, שמחהלעס שבת־אויבס אַלץ מער און בעסער — — — — — —

גייט רחל אַראָפּ פון בעט, גלעט צוריק אויס די קאָלדרע און גייט אַריין אין פעדערהייזל וואַשן די הענט נאָכן שלאָף...

יידל טוט זיך דערוויל אָן, גייט אויך אַרויס אין פעדערהויז און דבורה, דאָס יינגסטע מיידל, וואָס איז אַלט צוועלף יאָר און זעט אויס ווי צוואַנציק, פאַרבעט דעם פאָטערס בעט, גלעט עס אויס פונקט ווי די מאַמע וואָלט עס געטון. יידל ציט זיך אויס, זוכט אויס עטלעכע פעדערלעך אין דער באָרד, מאַכט פון זיי קרישקעס. דערנאָך קנאַקט ער זיי אָפּער פון צווישן די פינגער און שמייכלט צו שמחהלען.

זיי זעצן זיך צום טיש.

— הממם, וויפל אַרשין זיידנס וואָלט איך געדאַרפט האָבן, רעכנסטו, אויף אַ קאַפּאָטע, האַ, שמחהלע? — פרעגט ערביים קליינעם, ווי יענער וואָלט געווען אַ שניידער.

שמחהלע טוט אַ קוק אַרויף צו יידלען, מעסט אים אָפּ מיטן אויג און ס׳פאַלט אים איין, אַז ער וואָלט געדאַרפט האָבן אפשר אַ דרייסיק אַרשין.

— כ׳ווייס, אפשר פיפצן — טוט שמחהלע אַ זאָג און ווערט רויט ווי פייער.

יידל ענטפערט נישט. ס׳טוט אים שוין באַנג וואָס ער האָט געפרעגט. ער דערפילט זיך מאָדנע מטושטש. גייט ער צו צום שויבן שענקל, נעמט אַרויס אַ חומש געבונדן אין קאַלבס־לעדער, מיט גרויסע גאָלדענע אותיות אויפן

געקאַרבטן רוקן. ער זוכט אָפּ די היינטיקע סדרה, לייגט אַריין דאָס שטיפּע, רויטע סטענגעלע צווישן די בלעטער און אַ צופּנטס טראָגט ער עס צו צום טיש.

זיצט יידל אויבנאָן, שמחהלע ביי זיין רעכטער זייט און דבורה קעגנאיבער. מיט ביידע עלנבויגנס אויפן טיש, די פויסטן פון ביידע הענט געזונט איינ־געגראָבן אין די פליישיקע באַקן לאָזט זי נישט אַראָפּ קיין אויג פון שמחהלען.

מאַכט זיך שמחהלע נישט וויסנדיק, אַז ס'זיצט עמיץ ביים טיש און ער פירט מיטן דאַרן ווייז־פינגערל איבערן חומשל.

— ויצא יעקב מבאר שבע, איז דער טייטש, אַז יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון באר שבע. וילך חרנה און איז געגאַנגען קיין חרן....

פאַרשטייט יידל דעם זאַץ. וואָס איז דאָ נישט צום פאַרשטיין? יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון באר שבע, אַ שטייגער ווי ער, יידל, האָט זיך אַרויסגע־צויגן פון באָזשעניץ... נאָר ס'איז אים שווער צו כאַפּן דעם טייטש פון יעדן וואָרט באַזונדער. ער שעמט זיך צו פרעגן. מאַכט ער טעותים, פאַרדרייט די יוצרות, איז שמחהלע נישט צופרידן און ער פרווט אים אַריינפּאַקן דעם טייטש פון יעדן וואָרט באַזונדער, נאָר וויסעך וואָס... און שמחהלע רייסט זיך ס'הער־צל — אַ געבוירענער מלמד.

יידל האָט געדולד. ער פרווט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל און, אַז ס'מאַכט זיך ער טרעפט לסוף צו, שיינט ער אין גאַנצן אויף און שמחהלע דערפרייט זיך אזוי, אז ער פארגעסט זיך און כאפט אַ בליק אויפן מיידל מיט מלמדישן טריומף אין די אייגלעך.

דבורה גלאָצט מיט אירע צווי גראָע, גויעשקע אויגן און פאַרשטייט נישט וואָס די צוויי פרייען זיך אַזוי. וואָס איז די שמחה אין מיטן דרינען? זי חדושט זיך וואָס איר טאטע, אַזאַ גרויסער ייד, לאָזט זיך לערנען פון אַזאַ קליין יינגל.

דערווייל גייט רחל אַריין מיט אַן אָנגעלאָדענער טאַץ. שמחהלע דערזעט עס מיט דער פלייצע און ער פירט לעבעדיקער מיטן דאַרן פינגערל איבערן חומש:

— ויצא יעקב מבאר שבע...

— מנאַ! — טוט זיך יידל אַ רייב אַ האַנט אַן אַ האַנט — מ'עט עפּעס נעמען אין מויל אַריין. ער לייגט צוריק דאָס שטיפּע בענדעלע צווישן די בלעטער און רחל טראָגט עס צו מיט גרויס דרך־ארץ צום בעט. זי לייגט עס אַוועק אויף דער גרינער קאָלדרע, ווי אַן אָפּגעצערטלט שוואַך קינד און זי נעמט זיך איינטיילן שבת־אויבס.

— עס שמחהלע! שעם דיך נישט! ווי שטייט עס אין פרק? — ווערט יידל צוריק אַ פאַרלוירענער מענטש. — הממם! ווי שטייט עס? פאַרקנייטשט

ער דעם שטערן, ווי ער וואָלט דערוואַרט פון דאָרטן עפּעס אַרויסצוקריגן... העלפט אים שוין שמחהלע אַרויס:

— אם אין קמח אין תורה.

— אודאי אַזוי — דערמאָנט זיך יידל און ער רוקט אונטער שמחהלען אַ מאָן־קיכל. — עס און זאָל דיר ווויל באַקומען! — שפּרודלט עס ביי יידלען מיט איבערגעפילטן תענוג און ער עסט אַליין אויך מיט גרויס הנאה.

— זאָל ר׳ שמחהלע עסן — לייגט אים רחל אַרויף אַ כמאל ברוינעם שטרודל אויפן טעלערל אַרויף. — זאָל ר׳ שמחהלע נעמען! — לייגט זי אים נאָך צו עטלעכע שטיקלעך מאַנדל־ברויט, רוקט אים אונטער די טיי.

אין ווינטערדיקע שבתים גייט יידל באַלד נאָכן לערנען צוזאַמען מיט שמחהלען אין בית־המדרש אַריין. ס׳הייסט יידל גייט אַריין פריער, דערנאָך קומט אונטער שמחהלע סתם אַזוי זיך, ווי ער וואָלט מיט יידלען גאָר קיין שום שייכות נישט געהאַט. און איידער רחל באַוויזט רעכט אַ תל צו מאַכן פונם „גאָט פון אברהם״ — איז נאַכט. עס פלאַקערט שוין אַ העל פייער אין אַלע פּייערקעס. עס שטיט שוין אַ גרויסער, אייזערנער קעסל מיט קאַרטאָפל־שאָלעכץ פאַר די בהמות־וועגן, אַ נישט קיין סך קלענערער טאָפּ מיט קאַרטאָפל פאַרן געזינדל, אַ רויטער באַרקאָווער באַרשט פּילט אָן די שטוב מיט אַ זויערע וואַרעמקייט און רחל מישט שוין קלייען פאַר די הינער׳ס׳וועגן. די הינער פליען שוין פון די פּאַליצעס אַראָפּ פון הינטער די בעטן אַפער.

זיי רינגלען אַרום רחלען ווי די משחיתים. ס׳ווערט אַ געקוואָקעריי, אַ גע־שנאַבל, אַ געפּרעסעריי, אַ געכאַפּעריי, איינע וויל ביי דער אַנדערער אויס־רייסן דעם ביסן פון מויל. הגם ס׳איז פאַראַן גענוג פאַר אַלע.

טיילמאָל קומט אַפילו צו אַ געשלעג, מ׳צופּט זיך די פעדערן אויס, נאָר אַז רחל בייזערט זיך אָן, עסן זיי רויקער, ווי זיי וואָלטן איינגעזען, אַז די באַלעבאָסטע איז גערעכט...

די בהמות אין שטאָל מעקן אויך. און מער פון אַלע גראָד רחלס ליבלינג.

רחל האָט אַלעמאָל געהאַט געראָטענע בהמות, נאָר אַזאַ יפת־תואר ווי דאָ האָט זי נאָך נישט געהאַט!...

קודם כל האָט זי איר אַליין אויסגעהאָדעוועט, רחל. געקויפט האָט זי אַ קאַלב, און אויסגעוואַקסן איז זי אַ בהמה; אַ ברכה צו מאַכן.

אַ פּעל האָט זי אַ ברוינע מיט ווייסע לאַטעס, וואָס שלאָגן זיך אָפּ, גיבן איר צו אַ בלענדנדיקן חן, — ווי אַ פּרינצעסין זעט זי אויס און אַן אייטער האָט זי, אַ יאַדערדיקן, אַ געזונטן — נישט קיין שמאַטע נאָר אַן אייטער! און מילך גיט זי, ווי סמעטענע! יאָגט טאַקע רחל שיער נישט די נשמה אַרויס פון זיך.

— פייגע, לייג צו האָלץ! די „אָביערקעס" קאָכן נישט! פייגע, די בהמה ווערט איינגעקוואַרט. אַ שטומע זאַך, פייגע! אַ גאַנצן „דאָס" איז גענוג, פייגע!

און פייגע איז גאָר בסך הכל שבת־צו־נאַכט אין דער היים נישטאָ. זי כאַפּט זיך אַרויס נאָכן טשאָלנט און קומט ערשט צוריק העט נאָך הבדלה.

פאַר אַ צולאָג מאַכט זיך, אַז יידל שפּאַנט באַלד נאָך הבדלה, מחמת ר׳האָט אָפּגעלייזט מער סחורה ווי ער האָט זיך גערעכט. דאַרף דעמלט רחל אַ הוץ די בהמות מיט די הינער דעם מאַן אויך געבן עסן אין צייט און זי ווייסט נישט וועמען פריער צו באַפרידיקן. ווערט רחל אַביסל מטושטש און, אַז רחל ווערט מטושטש, רופט זי קיין שום זאַך נישט אַן ביים נאָמען. אַלץ אין דער וועלט הייסט ביי איר „דאָס" — די קו, דאָס פערד, די הינער, דער מאַן, די קינדער, זאַכן, אַלצדינג האָט דעמלט איין איינציקן נאָמען: „דאָס".

— יידל, האָסט שוין געגעבן דעם „דאָס" צו „דאָסן"? — מיינט יידל, האָסט שוין געגעבן דעם פערד צו פרעסן?

— יידל, פאַרגעס נישט מיטצונעמען דעם דאָס — מיינט, פאַרגעס נישט מיטצונעמען דאָס צעטל. „דאָס" די דאָס וועלן נאָך צו דאָסט ווערן — מיינט פייגע, די קאַרטאָפל וועלן נאָך „צעקוואַטשקעט" ווערן.

רחל האָט אַ שוואַכקייט, אַז ווי נאָר זי שטעלט אַוועק אַ טאָפּ קאַרטאָפל אויף דער פּליטע, הויבט זיך איר אָן דאַכטן, אַז זיי ווערן צעקאָכט.

יידל האָט אַזוי לאַנג געלערנט תורה ביי שמחהלען ביז דעם שטאָט־שדכן איז איינגעפאַלן, אַז ס׳וואָלט געווען אַ גלייכע זאַך צונויפצופּאָרן יידלען מיטן גמרא־מלמד. און ער האָט טאַקע אויסגעפירט אַ שידוך צווישן יידלס עלטסטע טאָכטער, רויזע, מיט שמחהלעס זעכצן יעריקן ברודער, מנשה.

איז מיט רויזען שאַפט זיך רחל נישט מער. זינט זי איז געוואָרן אַ כלה, האָט יידל אויסגעפונען, אַז רויזע איז אַ שוואַכע, דאַרף מען זי שאַנעווען; נישט לאָזן טון קיין גראָבע אַרבעט, זאָגט יידל. אָפּהיטן דאַרף מען זי, מחמת, אַז מ׳איז אַ כלה פאַרן גמרא־מלמדס זון, האָט מען גענוג איידעלע אַרבעט צו טון!

זיצט רויזע גאַנצע טעג און צייכנט מאָנאָגראַמען אויף ציכלעך פאַר זיך און פאַרן חתנס וועגן — פאַרשטייט זיך, אַז יידל מאַכט בײדע אויסשטייערן — העפט אויס מצה־טאַשן פאַר זיך און פאַרן מחותן, שטריקט חלה־טישטוכלעך, נייט אויס אַ טלית־זאַק פאַרן חתן, דריוולט לייוונט און העפט אויס אַ פאַרטוכל פאַר דער מחותנתטע. רויזע אַרבעט און יידל צאָלט, מחמת דער מחותן, דער גמרא־מלמד איז אַ גרויסער למדן, אַ גרויסער מקפּיד, אַ גרויסער כעסן און אַ גרויסער קבצן.

ס׳איז אפילו אָנגעקומען מיט ווערים ביז מ׳האָט רויזען אויסגעלערנט, אַז זי איז אַ שוואַכע, מחמת רויזע האָט גראַד ליב צו זיין געזונט אייזן — וואָס זי איז טאַקע. זי האָט ליב פּראָסטע אַרבעט, ליב די שבתים מיט זייער מנוחה, ליבער ווי ס׳לעבן די שבת־צו־נאַכטסן, ווען מ׳דאַרף זיין אין דער היים צו העלפן

דער מאַמען און מ׳איז נישט אין דער היים, נאָר מ׳גייט גאָר בגנבה שפּאַצירן מיטן שגץ. זי האָט פּײַנט ווי סם־המות צו דליבן זיך די פינגער ביים אויסנייען. זי האָט פּײַנט אַרומצודרייען זיך איבער די חדרים אַן אויסגעפּוצטע, ווי צו אַן אויסשטעלונג. זי האָט פּײַנט צו זײַן אַן אײדעלע און זי האָט פּײַנט דעם חתן בתכלית השנאה. אָבער ביסלעכווייז האָט זי זיך צוגעוווינט ( צי זי האָט זיך נישט צוגעוווינט). נאָר איינס האָט זי געוווסט: זי האָט געוווסט, אַז זי איז אַן אַנדערע און אָפּגעהיטן זאָל די מוטער ווערן זי זאָל זיך מיט איר שאַפן.

האָט טאַקע רחל געאַרבעט פאַר צען. און בעיקר אין ווינטערדיקע שבת־צו־נאַכטסן. זומער איז נישטאָ קיין שבת־צו־נאַכטס, זומער איז כסדר טאָג און אַז זי דערוואַרט זיך שוין יידל זאָל אַהיימקומען פון מעריב, מאכן הבדלה, טוט זי אַ זאָג אָפּ דעם „גאָט פון אברהם“, אַ לייען אָפּ קריאת־שמע און היידא אין בעט אַריין! זומער דאַרף מען נישט קאָכן קיין „אָביערקעס“, נישט מישן קיין קלייען. די בהמות זענען זאַט, פאַשן זיך כסדר אויף דער לאָנקע. די הינער ליגן גאַנצע טעג דרויסן צווישן די ברעטער, לייגן דאָרט אָן אייער און זי זעט זיי כמעט נישט אָן. יידל שפּאַנט נישט און ס׳איז גוט.

יידל האָט אויך ליבער די זומערדיקע שבתים (הגם ער האָט די ווינטער־דיקע אויך נישט פּײַנט). זומער גייט נישט יידל מיט שמחהלען אין בית־המדרש אַריין, מחמת צו מנחה איז נאָך העט, העט. און הינטער דער בלינדער וואַנט פון זײַן רחבותדיק הילצערן הויז ווערט דאָס שטיק לאָנקע אַלץ קלענער און קלענער. זײַן האָלץ־לאַגער אַלץ גרעסער און גרעסער. און יידל קאָן זיך נישט אָפּזאָגן פון דעם עונג־שבת. שיקט ער שמחהלען אַהיים, זוכט אויס אַלערליי תירוצים פאַרוואָס ער גייט נישט מיט און אַליין שפּאַצירט ער זיך אַרום צווישן די ברעטער, וואָס ליגן אָפּגעהיבלעוועטע אין הויכע שטויסן און ער מעסט זיי מיטן אויג.

ציילן, ווייסט ער, טאָר מען נישט אין שבת. מעסט ער מיטן אויג און קוועלט: קיין עין־הרע! מ׳זעט שוין באַלד קיין גראָז נישט אַרויס; אפילו די בהמות זעט ער שוין נישט! די ברעטער האָבן זיי פאַרטריבן אַזש ביז צום סאַמע טייך.

גלייכער, טראַכט יידל, ביים טייך זענען די גראָזן טאַקע זאַפטיקער. אָבער פאַרוואָס זאָל מען נישט טאָרן ציילן? כאָטש איין שטויס ווען ער ציילט איבער, וואָלט ער זיך שוין די רעשט משער געווען. מילא. סאָסנאָווע זענען פאַראַן צופיל, אָבער אָלשענע אַן בערעזענע פאַרוואָס זאָל מען נישט טאָרן ציילן? ער דערפילט אַזאַ שטאַרקן חשק, יידל, איבערצוציילן, אַז ער טוט אַ גיכן פאַרלייג בײדע הענט אויף הינטן און שפּאַצירט אַריבער צו דער קו, כדי נישט נכשל צו ווערן. די קו ראַטעוועט אים אָפּ פון אַן עבירה.

נעבעך, זיי בעטן זיך נעבעך מ׳זאָל זיי אויסמעלקן... ווייזט אויס, ס׳גראָז איז דאָ גוט און דער שבת ציט זיך; ס׳מוז זיי נעבעך שטעכן אין די אייטערס,

טראַכט יידל, מיט אַ ווייכקייט מכח די בהמות און גייט צוריק צום געהילץ. קיין עין־הרע ס׳איז ווערט אַ פאַרמעגנס. שפּאַצירט ער צווישן די שמאָלע מחיצות.

ער האָט ליב דאָס געהילץ, יידל, ער האָט ליב דעם ריח דערפון. ווער שמועסט אין הייסע טעג, ווען די זשיוויצע ווערט ווייך, זעט אויס ווי האָניק און עס שמעקט, ווי מ׳וואָלט עס נאָר וואָס אָפּגעשניטן פונם שטאָם.

איז מען דאָך נאָר אַ מענטש. טוט ער טיילמאָל אַ ריר אָן די קו, טוט אַ צייל די ברעטער, ווער ווייס, אפשר מעג מען גאָר?....

אודאי וואָלט ער געפרעגט ביים רב. איז ווי וועט זיין, אַז דער רב וועט אויסשטעלן אַ פּאָר אויגן, וועט זיך חידושן: אַ ייד זאָל נישט וויסן אַזאַ קלייני־קייט, אַז מ׳טאָר אין שבת נישט ציילן קיין האָלץ?

מיטן מויל אויך נישט, אודאי נישט! און מיט די אויגן אויך נישט, פאַר־שטייט זיך, אַז נישט! — וועט זאָגן דער רב. ער וועט אים אפילו פריינטלעך אַקעגנשמייכלען, אָבער אין האַרצן וועט ער פון אים מאַכן ליצי־ליצנות פאַר אַזאַ נאַרישער שאלה, וואָס אַ קליין קינד ווייסט עס מסתמא און ער וועט אים אָנהייבן האַלטן פאַר אַ פּויער....

— מנא, גיט יידל אַ זיפץ און קערט זיך אָפּ צום וועג, וואָס פירט אין בית־המדרש אַריין. די הינער לויפן אים נאָך, ווי זיי וואָלטן אים דערקאָנט. יידל האָט עס נישט ליב. טרייבט ער זיי מיט דער רויט־געלער קעשענע פּיטשיילע.

אַ שאַ! אַ שאַ!

ער קוקט זיך אַרום צי ס׳גייט נישט ווער און טרייבט זיי:

— אַ שאַ! אַ שאַ!

ער האָט פיינט אויסצוזען ווי אַ פּויער. איז ווי אויף להכעיס טראָגט עס כמעט יעדן שבת אָן ברוכל קעפּל, אַ ייד, וואָס האָט אויך ליב צו שפּאַצירן אין זומערדיקע טעג צווישן יידלס געהילץ, אַריינצוזאַפּן אין זיך דעם זיסן ריח פון זשיוויצע און קוקן אינם הייטערן הימל אַריין.

— גוט שבת, ר׳ יידל! — רוקט ברוכל אַריין יידלען אַ קליין, באַוואַקסן הענטל פון אַ פּאַפּירענעם מאַנזשעט אַפער און שמייכלט מיט די שוואַרצע, גלאַנציקע אויגעלעך אינם קליינטשיקן קעפּעלע מיט די איבערגעוואַקסענע פייכטלעכע שוואַרצע האָר, וואָס פאַרקריכן אים אַזש ביזן פּאַפּירענעם קאָלנער אַריין און דאָס בערדעלע וואָס באַהעפט זיך מיט די האָר אויפן העלדזל שמייכלט.

— גוט שבת! גוט שבת! טוט יידל אַ כאַפּ ברוכלס איינגעטריקנט הענטל אין זיין אייזערנער פלאַך אַריין, טוט עס אַ באַהאַלט אין זיין גרויסער האַנט און טוט עס אַזאַ פריינטלעכן דרוק צו, אַז ברוכל טוט אַזש אַ שפּרינג אונטער.

— וואַאַ! וואָס הערט זיך, ר׳ יידל? — פּרוווט ברוכל אַרויסראַטעווען די עטלעכע ביינדלעך פון יידלס אייזערנעם גריף.

— אַזוי, געלויבט דער אייבערשטער!

— ווען מאַכט איר אם ירצה השם חתונה, ר׳ יידל?

— אַ קעגן וואָס פרעגט איר דען? — חידושט זיך יידל.

— כ׳ווייס, סתם אַזוי! אַ גוטער פריינט וויל וויסן.

— אָפּגעשמועסט איז נאָך נישט נאָר כ׳רעכן נאָך שבת־נחמו איה״ש — ענטפערט יידל און זיי לאָזן זיך צוזאַמען אַוועק אין בית־המדרש אַריין צו מנחה.

שפּרייזן זיי זיך אַזוי איבערן שטיק שיטער באַוואַקסענער לאָנקע, וואָס זעט אויס ווי א פאַרעך צוליב די שטיקער אָפּגעברענט גראָז. דערצו איז נאָך ס׳גראָז אויף אַ סך ערטער אויסגעריסן מיטן סאַמע וואָרצל און די ערד זעט אויס ווי צעקאַלעטשעט.

יידלס שאָטן טוט זיך אַצי אויס איבערן פעלד ווי אַ גיגאַנט. דערזעט ברוכל ווי נישטיק זיין אייגן שאָטנדל טענצלט דראָבנע אויפן גראָז, ציט זיך נאָך יידלס מעכטיקן גוף, וואָס שאַרט זיך ווי אַ ריז איבערן לײדיקן שטח און ער דערגרייכט נישט יידלען אַפילו ביז צו די אַקסלען.

ווערט ברוכל ביי זיך שטאַרק געפאַלן צוליב זיין נעבעכדיקן אויסזען. שטעלט ער זיך אויף די שפּיץ פינגערלעך און רעדט אַריין אין יידלען אַריין, מאַכט מיט די קליינטשיקע הענטלעך דאָס שאָטנדל אויפן פאַרכוואַטן גראָז מאַכט משוגענע הועיות, און ברוכל שוויצט.

אַזוי גייען זיי ביידע כמעט יעדן שבת צוזאַמען צו מנחה. און יידל האָט יעדן שבת עגמת־נפש פאַרוואָס ער קאָן נישט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ פרעג טון כאָטש ביי ברוכלען צי מ׳מעג ציילן געהילץ אין שבת. און ברוכל האָט יעדן שבת עגמת נפש פאַרוואָס ער איז אַזוי נעבעכדיק קליין.

היינטיקן שבת האָט יידל געהאַט נאָך אַ פאַרדרוס. פאַרבייגייענדיק מיט ברוכלען צוזאַמען דאָס שול־געסל, האָט ער געהערט ווי די ווייבער, וואָס קומען זיך יעדן שבת צוזאַמען צו חנה־רחלען אויף דער לאַנגער באַנק דרויסן ביים הייזל אויף אַ שמועס, באַרעדן אים און די זייניקע.

— אָט גייט ער, אויף די ווארעט, — האָט חנה־רחל אָנגעוויזן אויף אים מיטן קליינעם הענטל.

— נו, כ׳בעט אינען, אַזוי זעט אויס אַ ייד? אַז ער וואָלט געוועזן אַ ייד, וואָלט אים אַזוי אַוועק אַ גאַנג? אַ ייד וואָלט גאָרנישט דערלעבט אַזאַ מלכות! און „זיי״ זענען יידן? יידישע מיידלעך זענען אַזוי געזונט? אַ יידיש וואַבל קישט די קו? זאָל שוין מיר דאָ האָר וואַקסן אויב זיי זענען יידן?! — האָט חנה־רחל געוויזן די פלאַך פון איר הענטל, ווי דערמיט וואָלט זי איינמאָל

פאַר אַלעמאָל באַוויזן, אַז די גליסקערס זענען נישט קיין יידן, נאָר פויערים, וואָס האָבן זיך מגייר געווען.

דאָס מאָל איז די זון נאָך געשטאַנען גאָר הויך, ווען יידל מיט ברוכלען זענען אַריין אין בית־המדרש.

— גוט שבת, ר׳ יידל — איז אים דער רב אַליין אַקעגנגעקומען.

דאָס בית־המדרשל איז געווען פאַרכליאַפּעט מיט זון. אַ זוניקער שטויב האָט זיך געגאָסן אין אַ ברייטן פּאַס פונם פאַרמאַכטן פענסטערל גלייך צום עמוד צו און האָט אויף דער סאַמער מנורה אָפּגעהאַקט זיך מיט אַ בליאַסק.

יידלען האָט אַ נעם אַרום געגעבן אַזאַ פרייד, אַז דער נאָר וואָס איבער־געלעבטער פאַרדרוס איז זיך צעשוווּמען, ווי אַ וואָלקן, ווען ס׳טוט זיך אַ גיס אַריין אין אים אַ שטיק קאָכעדיקע זון.

— גוט שבת! גוט שבת! גוט שבת! גוט שבת! — האָט זיך יידל צעברומט פון תענוג, וואָס דער רב זאָל לעבן טראָגט אים אַליין צו אַ שטיק כבוד און וואָס אַ שטיק גאָלדענע זון, ווי אַ קרוין גרויס, ליגט צעלייגט אויף דער מנורה, וואָס נישט קיין אַנדערער ווי ער, יידל אַליין, האָט דאָרט אַוועקגעשטעלט: אַ זילבערנע מנורה און אַ מאַסיווע דערצו, שטייט זי דאָרט אויפן עמוד און גאָלד ציט צו זילבער — וואָס דען?

אַזוי האָט זיך יידל געלעבט אין עושר און אין כבוד און ס׳איז אים געגאַנגען פון אַלע זייטן, אפילו מיט דער סדרה מעביר זיין איז עס געגאַנגען ווי געשמירט... שמחהלע איז מיט אים צופרידענער געווען מיט יעדן שבת.

ס׳איז נאָך שבת־נחמו. ביי יידלען איז די גרויסע שטוב איינגאַנצן ליידיק. אַרום די ווענט נאָר שטייען לאַנגע, הילצערנע בענק. אויף דער סטעליע אין מיט שטוב הענגט אַ גרויסער בליצלאָמפּ. אַ סך קליינע לעמפּלעך, וואָס זעען אויס ווי לאַמטערנדלעך, זענען צעוואָרפן איבערן פריש אָפּגעקאַלעכטן סופיט. די ווענט זענען באַפּוצט מיט אַלערליי קאָלירטע פּאַפּירענע סטענגעס, גלאַטע און געפלאָכטענע, געדרייטע און געפראַנזירטע. די פאַרבן בלענדן אַזש די אויגן. אַ מיש־מאַש פון קאָלירן: גרין, רויט, געל, אָראַנזש־קאָליר! אויפן דיל איז אויסגעשיט „שיין זאַמד“.

רחל טראָגט נישט ס׳רויטע טיכל אויפן קאָפּ נאָר אַ שוואַרץ, הויך פאַר־קעמט שייטל מיט אַ גלאַנץ, מיט אַ ווייס זיידן שלייפל אין גרעק, ווי אין ראש־השנה.

יידל איז אָנגעטון אין אַ נייער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, לכבוד דער טאָכטערס חתונה מיטן גמרא־מלמדס זון האָט ער געמאַכט דעם שפּרינג. איז אַריין אין אַטלאַס. אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאַמגאַרענע קאַפּאָטע אויף אייביק.

גלאַנצט דער אַטלאַס פון יידלס גרויסן גוף אַראָפּ און די שעמעוודיקע רויטקייט פון זיין גרויסן אָפּענעם פּנים אַראָפּ. צוליב דעם פאַרבינדן זיך מיט

אַזאַ זיידענעם יינגן מאַן, מיט אַזעלכע זיידענע מענטשן, האָט ער זיך אַ כּח אָנגעטון. און זי פּאַסט אים טאַקע, די קאַפּאָטע. זי ליגט ווי אויסגעגאָסן אויף זיינע ברייטע פּלייצעס און פריידט זיך — בנאמנות, די קאַפּאָטע פריידט זיך.

רחל העלפט דער יידינע אויסלייגן דעם לעקעך אויף די טאַצן, די אַנדערע זיסקייטן, רופט אַלצדינג אָן ביים נאָמען אָנשטאָט „דאָס". פייגע און דבורה זענען אָנגעטון אין געלע, באַטיסטענע קליידער מיט אַ סך פאַלבאַנקעס, פאַר־פוצטע מיט סטענגעס אין די האָר — ווייסע סטענגעס.

אויף אַן אויסגעבעטן פאָטעל מיט די פיס אויף אַ קליין בענקעלע איינ־געהילט אין ווייסן, זיצט די כלה.

ס׳קומען זיך שוין אָן די געסט, אויסגעפוצטע, אָנגעשטייפטע, אויסגע־צוואָגענע, אָנגערויטיקטע מיידלעך, פרומע ווייבער, „אויסגעפיאַקעוועטע" אין עסיק און אין האָניק. די קלעזמאָרים זענען שוין גרייט מיט די כלים; גימפּל מיטן פידל, הערש־לייב מיטן באַס, דודל מיטן סמיטשיק.

אָט, אָט דאַרף אָנקומען דער חתן. אין דער באַגלייטונג פון די שענסטע בחורים וועט ער קומען; שטעטלשע און מיטגעקומענע פון דער ישיבה, וווּ ער לערנט, שמחהלע אין זייער סאַמער מיטן. ער איז דאָך שוין אַ בר־מצווה בחור.

יידל קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען פון צופיל גליקזעליקייט. שפּאַנט ער אַרום איבער די חדרים. ער שטעלט זיך אָב ביי די אויסגעשטעלטע טישן, טוט אַ דריי אַרויף די לאָמפּן, כדי זיך נאָכאַמאָל צו פאַרזיכערן, אַז זיי ברענען העל; אַז ס׳רויכערט נישט קיין קנויט. טוט נאָך איין מאָל אַ וויש דעם אויבנאָן, וווּ ס׳דאַרף זיך באַלד אַוועקזעצן דער חתן. ער טוט אַ גיי אַריין כאַפּן נאָכאַמאָל אַ בליק אויף דער כלה.

נאָר וואָס איז דאָס? די כלה דרייט זיך ווי אַ וואָרים און קרעכצט שטיל אַריין אינעם ווייסן טול אַריין. קיינער קוקט זיך אויף איר נישט אום. ווייבער קושן זיך מיט איר, האַלדזן זי, באַשיטן זי מיט ברכות און פאַרהילכן איר רחמנותדיק פאַרשטיקט קרעכצן. מיידלעך קושן זי, ווינטשעווען איר אָן, באַ־קוקן נייגיריק דאָס ווייסע חופּה־קלייד, דעם לאַנגן וועלאָן אויפן קאָפּ, די ווייסע שיכלעך אויף די פיס, און זעען נישט ווי דער כלהס פּנים רינצלט זיך פון יסורים, ווערט פון טויט־בלאַס גראָ־גרין — און אָט שפּילט שוין אויף די קאַפּעליע, ס׳הערן זיך אויסרופן:

— מזל טוב! דער חתן גייט! שפּילטס אויף אַ פריילעכס! דער חתן גייט! ווייבער פּליעסקן מיט די הענט:

— ער גייט! ער גייט, אָט איז ער דאָ!

— טאָ זאָל זשע זיין אין אַ גוטער שעה!

לאזט יידל איבער רויזען א קרעכצנדיקע אויף דער ווייסער פאטער־שטול און לויפט אקעגן מקבל פנים זיין דעם חתן, וואס האט נאר וואס איבערגע־טרעטן די שוועל פונם פעדערהויז, א בלאסער, אן אויסגעווייקטער, אן איינ־געדארטער, נישט קיין סך העכער פון שמחהלען, מיט פונקט אזא שפיציק נעזל, ווי שמחהלעס. איינגאנצן איינגעהילט אין אטלאס, איז ער געשטאנען ארומגע־רינגלט פון א קרענצל בחורים אויך אין אטלאס. די מוזיק האט געשפילט.

רויזע האט זיך געדרייט אין דרייען. זי האט געזען דורך דער אפענער טיר ווי מ׳פירט אים פארביי, דעם חתן. אזא פיצלס, ווי א ליאלקע האט ער אויסגעזען. א ליאלקע געהילט אין אטלאס.

א רחמנות צוזאמען מיט א ווילדן כעס האט איר ארומגענומען און, מאדנע עפעס, ווי א געלעכטער וואלט זיך אריינגעמישט. נאר א מוראדיקער וויטיק אין בויךביים סאמע דיך האט פארשריגן יעדעס אנדערע געפיל. זי האט זיך צעיאמערט אויפן קול. די ווייבער האבן איר תיכף ארומגערינגלט. ס׳האט זיך אויפגעהויבן א גערודער. די כלה האט געדריגעט מיט די פיס פון יסורים. זי האט געוויינט ווי א קליין קינד. חנה־רחל האט געכליפעט. רחל האט זיך געבעטן רחמים, געשריגן מ׳זאל לויפן נאכן „דאס״, פארגעסן לחלוטין, אז אין שטעטל איז בסך הכל גאר נישטא קיין דאקטאר. דעם חתן האט מען א צום־טויט־דערשראקענעם אריינגעפירט אין זיין חדר. די בחורים האבן אים ווילד אנגעקוקט. נישט משיג געווען וואס דא געשעט אזוינס.

עמיץ האט באפוילן, אז די קלעזמארים זאלן אויפשפילן אויף דער העכסטער אקטאווע.

די מלמדקע האט זיך געקניפט די איינגעקווארטע באקן, געריסן זיך די האר ביים אטלאסענעם טשיפיק, א שלעפ געטון אים און איז געבליבן שטיין מיטן אפגעגאלטן קאפ צווישן א חברה צעשראקענע, פלאפלענדיקע, אומבא־האלפענע געסט.

דער איינציקער, וואס האט זיך נישט פארלוירן, איז געווען יידל. ער האט געקוקט אויף דער טאכטער און א מוראדיקער חשד איז אים געקומען אויף דער מחשבה, אזא מוראדיקער, אז ער וואלט גערן געזען דאס פארשאלטענע הויז איינפאלן אויפן ארט, באגראבן אונטער זיך זיין אייגן בלוט און פלייש, זיך אליין, צוזאמען מיט די פארהאסטע געסט.

דער רב האט געעצהט, מ׳זאל אריינלייגן די כלה אין בעט אריין. צולייגן איר קאמפרעסן און שטעלן א חופה ביים בעט און אין דעם זכות וועט השי״ת העלפן, די כלה וועט געזונט ווערן.

דער גמרא־מלמד האט זיך צעשריגן, נישט וויסנדיק אליין פארוואס.

יידל האט נישט געענטפערט נישט דעם רב נישט דעם מחותן. אין דער אטלאסענער קאפאטע איז ער אריינגעלאפן אין שטאל אריין, געבערנגט ארויס־

צופירן צוויי שוואַרצע, גלאַנציקע, אויסגערוטע פערד, איינגעשפּאַנט זיי, איינגעהילט די טאָכטער אין אַ ווייסער פּוכענער דעק, וואָס ער האָט אַ כאַפּ געטון פונם כלה־בעט, אַרויסגעטראָגן זי אויף די הענט ווי אַ קינד. אַריינגעפּאַקט זי אינם וואָגן און איידער רחל האָט צייט געהאַט צו צעקייען וואָס דאָ געשעט, מיטאַריינצוכאַפּן זיך אין וואָגן אַריין, איז יידל שוין געזעסן אויפן קאָזשעליק. ער האָט אַ שמיץ געטון די פערד און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויפן וועג צום וואַלד צו.

אַ טויטע שטילקייט איז באַפּאַלן דאָס הויז. אַלע אויגן זענען געווען אָנגעשטעלט אויפן וואָגן מיט זיין משונהדיקן אינהאַלט.

יידל מיטד י לייצעס אין די הענט. פון זיינע ברייטע פּלייצעס האָט געשפּיגלט אין דער בין־השמשותדיקער זון דער אַטלאָס. ווי אַ באַזעסענער האָט ער געשמיסן די פערד. אַ וואָלקן שטויב האָט איינגעהילט דעם וואָגן, וואָס איז באַלד לגמרי פאַרשוווּנדן געוואָרן.

דער וואַלד איז געשטאַנען פון וייטן אַ שטילער, אַ סודותדיקער ווי תמיד.

אַז אין דעם וואַלד וווינען נישט־גוטע דאָס האָט ס׳גאַנצע שטעטל וויל געוווּסט. נישט־גוטע, וואָס אין זומער רייטן זיי אַרום אויף די שפּיץ בוימער, אויף געפּלאָכטענע בעזימער און אין ווינטערדיקע טעג באַווייזן זיי זיך אינם געשטאַלט פון בייזע וועלף.

אויסטערלישע מעשיות האָט מען זיך אָנדערציילט פונם דאָזיקן וואַלד, נאָר אויסטערלישער פון אַלץ איז געווען יידלס אויפפירן זיך, נאָך דעם ווי ער האָט זיך במשך פון אַ האַלבער שעה צוריק אומגעקערט אַהיים.

דער טומל האָט זיך אין אַ פאַרשטיינערטער שטילקייט איינגעשטעלט. בייזע צונגען זענען פאַרשטומט צו גומענס צוגעפאַלן, ווען פון אַ וואָלקן שטויב האָט זיך פּלוצים דער אייגענער וואָגן צוריק אויסגעשיילט.

רויזע איז געזעסן לעבן פאָטער. די פאַרב צוריק אין פּנים. אַליין אָן שום הילף איז זי אַראָפּ פון וואָגן.

— ס׳וועט קיין חתונה נישט זיין! — האָט יידל אָן שום צערעמאָניעס אַ זאָג געטון צום מחותן.

דער טומל וואָס די פינף ווערטער האבן גורם געווען איז געווען אזא, אז קיינער האָט זיך שפּעטער נישט געקאָנט דערמאָנען וואָס דעמאָלט איז געשען. נאָר, אַז דער וואַלד האָט געהאַט אַ האַנט איבער יידלען; אַז די נישט־גוטע האָבן אים צוגערעדט אָפּצוטון אַזאַ מוראדיקע עבירה אין זיין טאָכטערס סאַמע חופּה־טאָג, מכח דעם איז ביי קיינעם קיין ספק נישט געבליבן.

וואָס האָבן שוין מענטשלעכע טענות געקאָנט האָבן פּאַר אַ ווערט, ווען שדים האָבן זיך אַריינגעמישט?

איין יידל האָט געוווּסט וואָס עס איז געשען אין וואַלד. וויאַזוי עס האָט אויסגעזען דער בוים אויף וועלכן זיין אויג איז געהאַט געפאַלן אָפּצוטון די פּאָרכטיקע זאַך, צו וואָס דער אומזיסטער חשד האָט אים שיער נישט דערפירט.

רחל האָט געמיינט דער מאַן איז איר פון זינען אַראָפּ. יעדעס מאָל, וואָס ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין צוזאַמען מיט אַ געלעכטער יענעם אָוונט.

די אייגענע נאַכט, נאָך דעם וואָס ער האָט לסוף פאַרטריבן דעם לעצטן גאַסט פון זיין הויז, האָט ער פאַרקייטלט די טיר אין פעדערהייזל, אַראָפּגע־וואָרפן פון זיך די אַטלאַסענע קאַפּאָטע און איז צוריק אַריין אין זיין אייגענעם איך.

די משפחה האָט געגעסן וועטשערע פון פשוטע ליימענע שיסלען, ווי אַמאָל אין דאָרף.

ביזן היינטיקן טאָג ליגט ביי יידלען אויפן בוידעם איבער אַלערליי אַנדערע אומנוצלכע זאַכן די אַטלאַסענע קאַפּאָטע. אין פאַרנאַכטן גיסט זיך אויף איר די בין השמשותדיקע זון, איינגעהילט, אונטער אַ גאָלדענער דעק שטויב ליגט זי שטיל און פאַרגעסן, ווי אַ רעליקוויע פון אַ כלומרשט הייליקן חלום — די קאַפּאָטע.

# די נייע וועלט

ליגנדיק נאָך אין מיין מאַמעס בויך איז מיר דעמאָלט שוין עפּעס נישט געפעלן געוואָרן. נאָר זעסטו, פּטור! וואָרעם איז געווען, האָב איך מיך איינגעדרייט, איינגעקנוילט און בין מיר געלעגן ווי קיינמאָל גאָרנישט...

נאָר, אַז ס׳זענען פאָריבער פינף חדשים און איך האָב דערפילט לעבן, בין איך געוואָרן אויף אַן אמת שטארק נישט צופרידן. ס׳איז מיר נמאס געוואָרן דער גאנצער ענין! נאָר מער פון אלץ איז מיר איבערדריסיק געוואָרן דאָס כסדרדיקע ליגן אין דער פינסטער און כ׳האָב פּראָטעסטירט. אָבער ווער האָט מיך געהערט? אַז שרייען האָב איך נישט געקאָנט. האָב איך מיך איין טאָג מישב געווען, אַז לא זו הדרך, און כ׳האָב אָנגעהויבן זוכן אופנים, ווי אַזוי זיך צו באַפרייען.

איך האָב גאָר פּשוט געוואָלט אַרויס.

נאָך לאנגע טראכטענישן איז מיר איינגעפאלן, אַז די בעסטע עצה וואָלט סוף כל סוף געווען אָנצוהויבן אַ קאמף מיט דער מאמען. האָב איך מיך גענומען וואַרפן, קאלערן, אָפטמאָל געגעבן איר אַ שטורך אין דער זייט: איך האָב מיך פאר גאָרנישט נישט אָפגעשטעלט, אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן. כ׳האָב מיר בלויז געמאכט אַ שלעכטן נאָמען אַזוי, אַז טאָמער, למשל, בין איך מיד געוואָרן צו ליגן אויף איין זייט און איך האָב געפּרוווט איבערדרייען זיך, פּשוט געוואָלט באקוועמער מאכן זיך אַביסל, האָבן זיי שוין אויך געבורטשעט. הכלל, וואָס וועל איך אייך דאָ לאנג בריַיען, עס האָט גאָרנישט געהאָלפן — איך האָב געמוזט אויסליגן די גאנצע ניין חדשים — איר פארשטייט? — דעם גאנצן טערמין!

נו, האָב איך (נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה) זיך געטרייסט: איך וועל מיר שוין אָפּנעמען שפּעטער! זאָלן זיי מיך נאָר אַרויסלאָזן אויף גאָטס וועלטל, וועל איך שוין וויסן וואָס כ׳האָב צו טון... געוווסט, אַז כ׳וועל זיין אַ חשובער גאסט, האָב איך צוליב אַ סך טעמים. קודם כל דערפון, וואָס כ׳פלעג זער אָפט הערן די מאַמע רעדן צו עפּעס אַ פרוי, וואָס איז (ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוואוסט) געווען מיין באָבע:

— ס׳טוט אַפילו אַביסל וויי, אָבער איך פיל עס כמעט נישט — פלעגט די מאמע זאָגן. — כ׳בין גליקלעך! אוי, ווי איך פלעג דאָס ציטערן אַביסל פאַר

דעם נאָמען עקרה. עפּעס אַ קלייניקייט? צוויי יאָר שוין נאָך דער חתונה און מען הערט נישט און מ׳זעט נישט... מינקע די עקרה האָט אויך געמיינט זי׳עט נאָך האָבן קינדער. און מיט וואָס בין איך דאָס זיכערער געווען?

— נו, געלויבט איז דער אויבערשטער. זאָל נאָר גאָט העלפן ס׳זאָל זיין אין אַ מזל׳דיקער שעה; ס׳זאָל, חלילה, קיין עין הרע נישט שולט זיין — פלעגט די באָבע כמעט תמיד ענטפערן.

פון אָט אַזעלכע און ענלעכע שמועסן האָב איך געדרונגען, אַז איך וועל זיין אַן אַנגעלייגטער גאַסט.

געוווּסט האָב איך, אַז ביי אונז אויף יענער וועלט, ווו איך האָב געלעבט בשעת איך בין נאָך געווען אַ נשמה, אַז עס פלעגט דאַרפן אַריבערקומען עפּעס אַ חשובער מענטש, פלעגט מען זיך גרייטן אויפצונעמען אים מיט גרויס פּאַראַד. קודם כל פלעגט זיך פאַרשפּרייטן אַ געוואַלדיקע ליכטיקייט איבערן גאַנצן הימל־רוים. מלאכים פלעגן אַרומפליען (אָפּצוּוואַרטן אים) פריילעכע, שיינענדיקע, איינגאַנצן איינגעהילט אין העלער זון. ס׳האָבן אים אַרומגערינגלט פייערדיקע כרובים, וואָס האָבן פון זיך אָפּגעשלאָגן אַזויפיל הייליקע פרייד, אַז דער מענטש פלעגט נאָר באַדויערן וואָס ר׳איז נישט פריער... געשטאָרבן. איז עפּעס אַ חידוש, וואָס איך, אַ חשובער, לאַנג אויסגעקוקטער גאַסט, האָב מיך געריכט געבוירן צו ווערן אין אַ גרויסער, ליכטיקער שטוב מיט אָפענע פענסטער, וואַהין די זון וועט אַריינלייכטן מיט אַ גרויס ליכט.

כ׳האָב דערוואַרט, אַז יעדן פרימאָרגן זאָלן קומען שאַרן פייגעלעך מיך באַגריסן, זינגען שירה. דערצו בין איך נאָך געבוירן געוואָרן אין ראש־חודש אדר — אַ חודש פון פרייד. „משנכנס אדר מרבין בשמחה״.

נאָר דאָ קומט „זי״ — די ־ערשטע אנטוישונג.

די מאמע איז געלעגן אין אַ קליינטשיק שטיבעלע, אַן „אַלקער״. דאָס בעט איז געווען פאַרהאָנגען מיט טונקעלע פאָרהאנגען, וואָס האָבן גוט פאַרשטעלט דאָס ליכט. דאָס פענסטערל איז געווען פעסט פאַרמאַכט, כדי ס׳זאָל זיך, חלילה, נישט אַריינרייסן קיין ביסעלע לופט; מ׳זאָל זיך נישט פאַרקילן. די פייגעלעך האָבן, ווייזט אויס, נישט ליב געהאַט קיין פאַרשטעלט ליכט מיט קיין פאַרמאַכטע פענסטער, האָבן זיי זיך אָפּגעזוכט אַ בעסער, אַ פרייער אָרט צום זינגען. די שמחה האָט זיך דערווייל אויך נישט אַרויסגעזען, מחמת איך בין אַ מיידל, זענען אַלע אין שטוב, אַפילו די מאַמע אנטוישט.

הכלל, עס איז גאָרנישט פריילעך! איך בין שוין באַלד אַ האַלבע שעה אַלט, אָבער אַחוץ עטלעכע קלעפּ פון עפּעס אַ יידענע, בשעת כ׳בין געקומען אויף דער וועלט, קוקט זיך אויף מיר קיינער נישט אַרום. עס איז אַזוי אומעטיק!

די באָבע קומט אַריין, זי שמייכלט צו דער מאַמען. זי זעט אויס מלא שמחה — מסתמא, וואָס איר טאָכטער איז שוין בשלום איבערגעקומען. אויף מיר קוקט זי זיך אַפילו נישט אום.

— מזל־טוב דיר, טאָכטער־לעבן!

— מזל־טוב, מיט מזל זאָל מען לעבן!

די מאַמע שמייכלט אויך, נאָר נישט צו מיר.

— כ׳וואָלט אוודאי געווען צופרידענער ווען ס׳איז אַ יינגל — מאַכט די מאַמע. די באָבע טוט אַ שעלמישן ווונק מיט אַ האַלב פאַרמאַכט אויגל און טרייסט:

— נישקשה, ס׳וועלן נאָך יינגלעך אויך קומען...

איך הער דאָס אַלץ צו און ס׳איז מיר שווער משיג צו זיין. נאָך וואָס בין איך געבוירן געוואָרן, אַז די גאַנצע שמחה איז גאָר נישט צוליב מיר! כ׳בין שוין באַלד פאַרנודעט פון לאַנגווייליקייט. אוי, ווי ס׳ווילט זיך מיר צוריק אויף יענער וועלט.

פלוצלינג דערפיל איך עפּעס אַ מאָדנע קעלט איבערן לייב: איך כאַפּ מיך אויף פון מיינע רעיונות: איך דערפיל מיך איינגעקלעמט אין צוויי גרויסע, פליישיקע הענט, וואָס טראָגן מיך אין דער הויך. איך ציטער אין גאַנצן. אפשר — פאַלט מיר איין אַ מוראדיקע מחשבה — גייען זיי מיך צוריק אַריינפּאַקן אויף נאָך ניין חדשים? בר־ר־ר! עס גרוילט מיך פון דער בלויזער מחשבה.

נאָר עפּעס פאַרדרייט זיך מיר מיט אַמאָל דער קאָפּ, עס שווינדלט מיר פאַר די אויגן, איך פיל מיך דורכגענעצט אין גאַנצן, ווי גרויס איך בין! בין איך אין אַ טייך? אָבער אַ טייך איז דאָך קיל, מחיהדיק און מיך בריט גאָר אַביסל. נאָר דאָס אַרט מיך נישט אַזוי שטאַרק, ווי דער געדאַנק, וואָס וועלן די צוויי גרויסע, אומגעלומפּערטע הענט מיט מיר טון? איך בין דאָך אין גאַנצן אין זייער רשות.

— — — — — — — — — — — — — —

נאָר גאָט צו דאַנק, מ׳נעמט מיך שוין אַרויס פון דער נעץ. מ׳טראָגט מיך צוריק אין אַלקער אַריין, אַן אַנגעטוענע שוין, אַ טרוקענע. מ׳טראָגט מיך אַרום איבערן אַלקער: יעדער קוקט אויף מיר, זאָגט עפּעס. לסוף לייגט מען מיך צו־ריק אַריין אין בעט. די מאַמע גיט מיר עפּעס אַ זיסע, פליסיקע זאַך אין מויל אַריין: איך בין רעכט הונגעריק, צי איך אויף וואָס די וועלט שטייט.

די מאַמע קוקט אויף מיר מיט אירע גוטע, ווייכע אויגן, אַזש ס׳ווערט מיר וואַרעם אויפן האַרצן. אַ זיסע מידקייט שלעפּערט מיך איין און ס׳חלומ׳ען זיך מיר עפּעס גליקן...

אָבער דאָס גליק מיינס האָט לאַנג נישט געדויערט, אַ גרויליק געשריי האָט מיך אויפגעוועקט. איך כאַפּ מיך אויף. כ׳קוק זיך אַרום. פון וואַנען נעמט

זיך עס? ווער שרייט? ערשט ס׳איז די מאַמע!

ס׳לויפן זיך צונויף מענטשן.

— וואָס איז געשען? פון וואַנען נעמט זיך דאָס געשריי?

די מאמע מאכט מיט די הענט, פרוווט עפּעס ווייזן, ציטערט מיט די ליפּן, וויל עפּעס זאָגן און קאָן נישט. זי פאלט צוריק אויפן געלעגער, אַ פארחלשטע כמעט.

געזען, אַז פון דער מאמען וועלן זיי גאָרנישט אַרויסקריגן, נעמען זיי זיך אַליין אַ זוך טון די סיבה אין שאנק, אונטערן בעט, אין בעט.

פּלוצלינג דערהערט זיך אַ געשריי פון דער וועכטערין: ווי נישט מיט איר קול שרייט זי און האלט אין איין איבערחזר׳ן:

— קעץ, געוואַלד, קעץ!

די מענטשן קוקן זיך איבער, קאָנען נישט פארשטיין. וואָס מיינט זי? אָבער מער ווי דאָס וואָרט „קעץ" קאָן מען פון איר נישט אַרויסקריגן — אַזוי צו־טומלט איז זי.

די באָבע איז אויך שטארק צוטומלט. זי מאכט זיך אָבער אַ הארץ, טוט אַליין אַ רעכטן זוך אין בעט און, לאכנדיק, מכלומרשט כדי צו פאַרבאָרגן די שרעק, רופט זי אויס:

— מזל־טוב, די קאץ האָט געבוירן קעצעלעך, אַ גוטער סמן!

אָבער קיין גוטער סמן איז דאָס אפּנים נישט געווען. די מענטשן זענען אומרואיק:

— אין איין טאָג און אין איין בעט, מיט קעץ? המ־מ־מ, אַזוי ווערט גע־בוירן אַ מענטש, אַ קאַץ, — זאָגט עמיץ.

דער מאמען האָט מען ווי עס איז באַרואיקט. אויף מיר האָט זיך ווידער קיינער נישט אומגעקוקט. די מאמע איז איינגעשלאָפן. דערמיט האָט זיך געעג־דיקט דער ערשטער טאָג. כ׳בין שוין, ברוך השם, אַ גאנצן טאָג אלט, און איך האָב שוין נישט וויניק איבערגעלעבט.

— — — — — — — — — — — — — —

דער דריטער טאָג פון מיין געבוירן ווערן איז געווען שבת. עפּעס אַ גרוי־סע, רויטע גויע האָט מיך דאָס מאָל געפירט אין באָד אַריין. כ׳האָב מיך שוין נישט אַזוי געשראָקן, געוווסט שוין מיט וואָס עס שמעקט.

כ׳ליג שוין ווידער אַמאָל ביי דער מאמען אין בעט. די מאמע קוקט אויף מיר מיט מער צערטלעכקייט נאָך ווי נעכטן. איך צעעפן די אויגן, כ׳וויל זיך אַביסל אַרומקוקן אויף דער נייער וועלט. מיט דער פינסטערקייט בין איך שוין געוואוינט. מיט אַמאָל — ס׳ווערט מיר נאָך פינסטערער ווי פריער.

עפּעס אַ כאפּטע ווייבער האָבן זיך אַריינגעריסן אין אלקער אריין. איך קוק זיי אָן. עפּעס רעדן זיי, מאכן מיט די הענט, נעמען מיך אויף די הענט, גיבן

מיך איבער פון איינער צו דער אנדערער, ווי אַ טייערן חפץ. קוקן אויף מיר, קוקן אויף דער מאמען, שמייכלען.

דערווייל קומט אַריין די באָבע מיט אַ טאָץ גוטע זאַכן.

די ווייבער לאָזן זיך בעטן, מאכן אן אָנשטעל, ווילן נישט פארזוכן נישט פונם לעקעך און בראנפן, נישט פונם איינגעמאכטס, ווישניק, יאגעדע־זאפט און מעד, נאָר, אז די באָבע גיט נישט נאָך, מאכן זיי שנאָבעלעך, ווערן לסוף מרוצה און טון אַ טובה.

מאנסביל האָבן אויך אריינגעשטעקט די קעפּ אינם ווייבערשן אלקער. עפּעס האָבן זיי גערעדט מיט מאָדנע העוויות, געמאכט מיט די הענט, געשאָקלט מיט בערד, פארגאנגען זיך.

הכלל, דער טאטע האָט דאָס מאָל אויסגעפירט, נישט די באָבע. און איך הייס שוין נאָך זיינס אַ קרובה, שרה רבקה.

איצט דארף מען האָבן אן אם. די מאמע איז אַ שוואכע, אַ בלייכע, מיט אַזעלכע דורכזיכטיקע, בלאָ־אָדערדיקע, שמאָלע הענט, זי קאָן מיך קוים אויפהויבן. אַ באלעבאטיש ווייבל, קאָן זי מיך נישט זויגן. איך בין דער היפּך ; אַ געזונטע, אַן אייזערנע מויד, אַ פרעסערין, האלט איך אין איין שרייען ; רק כ'וויל עסן.

— צו קיין גוישקע אם, — זאָגט די באָבע, וועט זי מיך נישט געבן, ווען מ'זאָל זי אָפּגילטן. און קיין יידישע קאָן זי נישט געפינען. דער אַפּטייקער זאָגט אַפילו, אז איך וועל מיך צוגעוואוינען צום קינדער־מעל, וועט עס זיין בעסער פון דער מאמעס מילך. איך אָבער זאָג, אַז איך וויל מיך נישט צוגעוואוינען, און איך ברעך עס כסדר אויס.

ס'איז ביטער ! די באָבע איז צורודערט. די מאַמע נאָך מער. נאָר דער טאַטע טרייסט — אַז מסתמא וועט השם יתברך העלפן. און ער האָט טאקע געהאָלפן.

אונזערס אַ שכנטע האָט זיך דערמאָנט, און האָט געבראכט צופירן אַן אם. רייזל האָט זי געהייסן. אַ קול האָט זי געהאט פון אַ סאָלדאַט, מיט אַ פּאָר רויטע אויגן, וואָס האָבן מיך געשראָקן. אַהיימקומען צו אונז האָט זי נישט געקאָנט. זי האָט געהאט זעקס אייגענע קינדער, אָבער מ'האָט נישט געהאט קיין ברירה.

אָפּגערעדט וועגן אלצדינג, געגעבן איר האנט־געלט און זאָל זיין אין אַ גוטער שעה.

רייזל האָט מיך אַרויסגענומען פון וויגל. זי האָט אַרויסגענומען אַ גרויסע, ווייסע ברוסט, וואָס האָט, ווי אַ שטיק, צעיורן טייג אויסגעזען און מיר געגעבן צו זויגן אויף פּראָבע. מילא, וואָס זאָל איך אייך זאָגן ? איך בין שיער נישט דערטרונקען געוואָרן. אַפילו די אויגן מיינע האָבן דערפילט דעם טעם פון אַ גוטער אם . . .

רייזל האָט אַ באַגליקטע געקוקט פון איינעם אויפן אנדערן:

— האָ, וואָס וועט איר עפּעס זאָגן דערצו?

די מאמע מיט דער באָבען האָבן זיך צוגעוואָרפן באַהאַלטענע בליקן און געשוויגן...

בין איך שוין מיט מזל אַן איינוווינערין ביי רייזלען! און זי האָט זיך טאקע געעוויטיקט אין נאָך אַן איינוווינערין. מחמת זי האָט געוווינט אין אַ שטיבל, נישט קיין סך גרעסער פון אַ גרויסן קאסטן. ווען רייזל האָט מיך אַהיימגעבערענגט, איז דער מאן אירער, מיטן קלענסטן אויף דער האנט, און די איבריקע פינף יורשים אַרום, אַקעגנגעקומען מיך מקבל פנים זיין. ער האָט אויסגעזען גאָר שטארק צופרידן מיט מיין קומען.

— נו, וואָס 'עסטו עפּעס זאָגן דערצו, הא? צען גילדן אַ וואָך, ווי כ'בין אַ יידישע טאָכטער! אַ חוץ אַלטע קליידער און שיך. אַ חוץ דעם וועלן זיי פון היינט אָן געבן אלע פּאַפּראַווקעס נאָר דיר! דו הערסט, בעריש?

בעריש האָט געשוויגן. ער האָט זיך אָפּגעקערט כדי די פּרנסה גע־בערין זיינע זאָל נישט זען די שמחה.

— ז'איז מער מענטש פון מיר, כ'לעבן. קען גיכער פארדינען אַ גילדן...

— האָט ער ביי זיך געטראַכט. אָבער באלד איז ער ערנסט געוואָרן. — ווו וועט מען שטעלן ס'וויגל? — מ'האָט זיך לאנג געישובט.

נאָר רייזל'ס מאן, וואָס איז געווען אַ קינסטלער אויף אויסשטעלן זאכן אין זיין קליינטשיק שטיבעלע, האָט זיך אַ פּאַטש געטון מיט דער הארטער האנט אין גערינצלטן, נידריקן שטערן אַריין און האָט מיט שמחה אויסגערופן:

— רייזל, כ'האָב עס! אונטערן טיש!

הקיצור, מ'האָט מיך אַרונטערגערוקט, מיטן קליינטשיקן וויגעלע, אונטערן טיש.

איך האָב געקוקט מיט אָפענע, פאר'חידושטע אויגעלעך אויף דעם ברוי־דיקן ברעט פונם טיש, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ סך שפּינוועבס און האָב טרויעריק געטראַכט:

— אָט דאָס איז דאָס די נייע וועלט, וווהין איך בין אַראָפּגעקומען? און דאָס איז איר הימל?

און איך האָב מיך ביטער צעוויינט.

# ר׳ מאירל

יענעם אָוונט איז ר׳ מאירל אהיימגעקומען פון שול אַ צערודערטער.

די בית דין שטוב איז געווען איינגעהילט אין שווערע שאָטנס. דער שטיי־לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אויפן גרויסן, ברוינעם טיש האָט געוואָרפן דאָס ליכט אויף די ספרים און כתבים, וואָס זענען געלעגן און געוואַרט אויף ר׳ מאיר׳לען ער זאָל איבערבייסן און זיך אַוועקזעצן לערנען, ווי זיין שטייגער איז געווען.

אָבער ר׳ מאירל האָט לחלוטין פארגעסן, אז היינט איז געווען מאָנטאָג, אז ער האָט היינט געפאסט, אז ער זיצט אינם שווערן סאמעטענעם פוטער מיט בײדע הענט אין די קעשענעס און קוקט סתם אין חלל אריין, אז מנשה, דער שמש, האָט אים שוין דריי מאָל געפרעגט, צי ער זאָל הייסן אריינברענגען עסן. לסוף האָט מנשה אַריינגעשיקט די רביצין אין בית דין שטוב אריין.

ר׳ מאירל האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעטון דאָס פוטער. לעבן זיינע פיס אויף דער פּאָדלאָגע איז געשטאַנען אַ קאלוזשע וואסער, פונם צעגאַנגענעם פראָסט אויף די שיך. ער האָט אויסגעטון דעם ספּאָדיק, אָנגעטון זיך די סאמעטענע יארמולקע און זיך אַוועקגעזעצט אויבנאָן, אין דער הילצערנער לענשטול לערנען און שרייבן.

אין חדר איז געווען אזוי שטיל, אז דאָס קריצן פון דער פעדער, וואָס ר׳ מאירל האָט מיט איר געשריבן זיינע הגהות האָט זיך שטארק געלאָזט הערן. ער האָט געשריבן, געמעקט, ווידער אַמאָל געשריבן און ווידער געמעקט. ס׳איז אים נישט געגאַנגען. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער הויך. ער האָט שיער נישט דערגרייכט די סטעליע. ער איז צוגעגאַנגען אַרויסנעמען זיך אַ ספר.

די ווענט זענען געווען באדעקט מיט ספרים — אלערליי ספרים; אלטע אנטיקן פון דער ערשטער דרוק נאָך, געבונדן אין גראָבער לעדער מיט ברייטע אָפּגעריבענע רוקנס. גמרא׳ס, יורה דעות, מגן אברהם׳ס, תנ״ד׳ן. אלץ האָט ער געהאט צו עטלעכע מאָל. טייל זענען געווען דעם שווערס, ווו ער האָט געגעסן קעסט, אפילו איצט נאָך, ווען ער איז שוין געווען דער רב פון שטעטל; טייל, וואָס ער האָט געקראָגן צו דער חתונה. לעבן די גרויסע, ביי־כיקע ספרים זענען געשטאַנען אלערליי ספרימלעך פון היינטצייטיקע רבנים און

סתם יידן למדנים, וואָס האָבן געשריבן חידושים און פּרושים און האָבן זיך געטוליעט, ווי קליינע קינדערלעך צו גוטע, ערנסטע דערוואַקסענע מענטשן סאָלידע און קלוגע...

ער האָט עפּעס געזוכט, נאָכגעקוקט, און נאָכאַמאָל נאָכגעקוקט, אָבער ער האָט נישט געפונען דאָס, וואָס זאָל אים באַלויכטן, דאָס, וואָס אים איז נישט קלאָר געווען. עס האָט זיך היינט נישט געלערנט. האָט ער לסוף אַרויפגע־לייגט די קעשענע פּאַטשיילע אויפן ספר, פאַרבויגן אַ בלעטל אויפן כתב יד, און גענומען אַרומדרייען זיך הין און צוריק איבער דער גרויסער בית דין שטוב. זיין שאָטן האָט מיט אים מיטשפּאַצירט. דאָ אויסגעלייגט זיך אויף די ווענט. דאָ אויסגעצויגן זיך, ווי אַ גיגאַנט אויפן דיל. באַלד משונה׳דיק דיק און קורץ געוואָרן.

דער שטיי־לאָמפּ אויפן טיש האָט קיין פּיצל ליכטיקייט איבערן חדר ניט געשפּרייט, געהאַלטן עס אין טיפער טונקלקייט. ער האָט זיך לסוף אַוועק־געזעצט אויבנאָן ביים טיש, ווי פריער. ער האָט אריינגעשטעקט ביידע גרוי־סע, ברוינע הענט אין די ארבל אריין און נישט געפּרוווט מער.

ער האָט גאַנץ ווויל געזען, אז דער היינטיקער אָוונט איז שוין אַ פאַרפאַ־לענער, אז היינט וועט ער שוין נישט לערנען, און שרייבן זיינע הגהות אוודאי און אוודאי נישט. זיינע טיפע טונקלע אויגן האָבן געגלאַנצט. די מאַט ברוי־נע באַקן, וואָס האָבן זיך פריער געהאַט איבערגעגאָסן מיט אַ טונקלער רויט־קייט, בשעת ער איז אַהיימגעקומען פון שול אין דער קלאָרער, פראָסטיקער נאַכט, זענען איצט געווען געל־ברוין. דער יונגער הויכער שטערן האָט זיך געקנייטשט, ווי ביי אַ זקן.

די רביצן איז געשטאַנען ביים טיש שוין אַ היפּש שטיקל צייט. ער האָט זי ערשט איצט דערזען.

ווען נישט דאָס, וואָס זי איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַ ברייט, געפאַלדע־וועט קלייד מיט אַ ברייטן זיידענעם שפּענצער, באַנייט מיט אַ מאַסע געשניצטן שוואַרצן סאַמעט און אַ געל זיידן טיכל, טיף אַראָפּגערוקט איבערן אָפּגע־גאָלטן קעפּל, וואָלט מען געמיינט, אז זי איז אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוועלף: אזוי יונג האָט זי אויסגעזען, אפילו אין די אַ אַלט פרענקישע מלבושים, און אזוי קליין איז זי געווען.

— דו מאַכסט פון זיך אַ תל. האָסט דאָך נאָך היינט גאָרנישט טועם גע־ווען, האָסט אפנים פאַרגעסן, אז דו האָסט היינט געפאַסט. — האָט די רביצין גערעדט שטיל און מיט דרך ארץ, גאָרנישט, ווי ס׳איז דער שטייגער, אז אַ ווייב זאָל רעדן צו איר אייגענעם מאַן...

— עסט זיך אפשר שוין איצט גיין וואַשן? — האָט זי אים שטיל גע־פרעגט, אזוי שטיל, אז ער האָט כמעט נישט געהערט, וואָס זי זאָגט. אָבער ער האָט זיך געכאַפּט.

— נו, נו, מהיכיתיתי, — האָט ר׳ מאירל געזאָגט, און נישט געקוקט אַפילו אין איר זייט. זי האָט אים דערלאַנגט אַ בריוו. ער האָט אים געעפנט. זי איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע. זי האָט געוואַרט: אפשר וועט ער איר זאָגן מכח וואָס דער בריוו איז? אָבער ר׳ מאירל האָט שוין גאָר פאַרגעסן, אַז די רביצין איז דאָ אין חדר. ער האָט געלייענט דעם בריוו, און וואָס ווייטער ער האָט געלייענט אַלץ מער געחידושט האָט ער זיך:

די שטאָט פילסק וויל אים אויפנעמען פאַר זייער רב. און דער בריוו איז געחתמ׳עט פונם דאַזאַר און פון אַ סך בעל הבתים.

ער האָט געלייענט און ווידער אַמאָל געלייענט, און נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דאָס זאָל אַזוינס באַדייטן. ער האָט געוווּסט פילסק איז אַן אַלטע שטאָט; זי שמ׳ט ממש צוליב אירע גרויסע רבנים, וואָס זי האָט תמיד געהאַט. — קאָן דאָס זיין מעגלעך? אַז פילסקער באַלעבאַטים זאָלן אים וועלן אויפנעמען, נאָך דעם גרויסן גאון, וואָס די וועלט האָט מיט אים „געקאַכט”, אים? וואָס איז נאָך קיין דרייסיק יאָר נישט אַלט? — און גראַד זאָל דער בריוו אָנקומען היינט בײַנאַכט, ווען ער האָט גראַד, אין אַ שווערער מינוט, געטון אַ זאָג, אַז ווען עס מאַכט זיך אים אַנאַנדער רבנות וואָלט ער אַוועק פון מאַליץ. — נישט צום פאַרשטיין! ווען ער וואָלט נישט געווען קיין מתנגד וואָלט ער עס געהאַלטן פאַר א מופת. אבער אַן השגחה פרטית איז עס, בלי שום ספק. עס איז נישט סתם אַזוי געשען, אַז גראַד היינט בײַנאַכט, גראַד היינט, ווען ער האָט געהאַט אַביסל עגמת נפש פון די מאַליצער באַלעבאַטים זאָל אָנקומען דער דאָזיקער בריוו.

ער האָט נאָך איין מאָל איבערגעלייענט דעם בריוו, און קעגן זיין ווילן, קעגן זיך אַליין, האָט אַ ליכטיקער שמייכל באַלויכטן זיין אײדל פנים. העכער געמאַכט דעם ברוינעס שטערן. אויסגעגלייכט יעדעס מינדסטע רינצעלע. די טונקל ברוינע אויגן האָבן זיך צעפינקלט מיט אַזוי פיל לייטזעליקייט, זענען אַזוי שיין געווען, אַזוי קלוג אויסגעזען, אַזוי טיף, אַז חנה׳לע, די רביצין האָט אים נאָך אַזוי קיינמאָל פריער נישט געזען. די שכינה האָט ממש גערוט אויף אים...

נישט פאַרשטייענדיק פאַרוואָס ער איז היינט עפּעס אַזוי אויפגערוימט, דער רב. גראַד היינט? הממם. שווער צו פאַרשטיין אים. זער שווער — לויט ווי מנשה האָט דערציילט, האָט ער גאָר געהאַט מער סיבה צו זיין באַטריבט היינט.

מנשה האָט אָנגעצונדן דעם בליצלאָמפּ. די בית דין שטוב איז איצט געשטאַנען אַ ליכטיקע, אַ וואַרימע, און אַ פריילעכע. די פאַרמעטענע שיין האָט איצט אויסגעזען גראָ־ברוין און אַלט. ער האָט זיך איצט אויפן טיש אויך קנאַפּ וואָס אָנגעזען דער שטיי־לאָמפּ. לסוף האָט אים מנשה אינגאַנצן פאַר־

לאָשן, און אראָפּגענומען פון טיש. פון די שאָטנס איז איצט קיין זכר נישט געבליבן.

מנשה האָט צוגעברענגט דעם קופּערנעם בעקן. דערלאַנגט דעם רב די שווערע, קופּערנע שעפּ און דער רב האָט זיך געוואָשן. דאָס וואַסער האָט זיך געזילבערט אינם אויסגעווייסטן בעקן, אויסגעזען, ווי ס׳וואָלט געזאָטן.

די דינסט האָט נאָכגעטראָגן דער רביצין דאָס עסן. מנשה האָט עס פון איר צוגענומען אין דער זייט טיר, און די רביצין האָט אויסגעלייגט אַלצדינג מיט אַ סדר. די זילבערנע כלים האָבן געשלאָגן פון זיך אַ פּאַרע, פאַרשפּרייט געשמאַקע ריחות איבערן חדר. אָבער ר׳ מאירל האָט זיך קוים צוגערירט צום עסן. ער האָט געמאַכט איין ברכה נאָך דער אַנדערער און כמעט גאָר־נישט געגעסן. לסוף האָט ער געבענטשט און מנשה האָט אַראָפּגענומען פון טיש.

ר׳מאירל האָט ווידער אַמאָל געפּרופט נאָכקוקן זיין כתב יד, אַלערליי ספרים, אָבער ער האָט נישט געקאָנט קומען צו קיין טאָלק. ס׳האָט זיך נישט געלערנט. ער איז איבערגעגאָסן געוואָרן מיט אַ טונקלער רויטקייט. ער האָט זיך געפילט שולדיק לגבי די מאַליצער באַלעבאַטים און זיינע אָרימע יידן פונם שטעטל, ווו ער איז אויפגעוואַקסן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט היינט געזינדיקט לגבי זיי: ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט זיך צע־שמייכלט, מיט וואָסער נחת רוח, ער האָט געלייענט דעם בריוו — נאָך אַמאָל, בשעת ער האָט געטרונקען די טיי נאָכן עסן. ער האָט געזען דעם סאַמאָוואַר אַ גלאַנציקן, אַ קאָכעדיקן, ווי ער שטייט זיך אַזוי רחבותדיק און פריילעך, און זינגט זיך אונטער זיין אַלטן, היימישן ניגון, וואָס ער זינגט שוין אַזוי זינט עטלעכע דורות, פאַר אים, ר׳ מאיר׳לען, אין דער דאָזיקער, אַלט־נגידישער שטוב. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער סאַמאָוואַר פאַרנעמט אַ צו חשוב אָרט: אין סאַמע מיט טיש, צווישן זיינע ספרים און פּאַפּירן. און ער האָט גע־הייסן מנשה׳ן ער זאָל אים אָפּרוקן אין עק טיש.

מנשה האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן. ס׳ערשטע מאָל זינט ער גע־דענקט, מנשה, דערנידעריקט דער רב אַזוי זיין באַליבטן סאַמאָוואַר. דעם, וואָס העלפט אים אַרויס אין אַלע שווערע הלכות אין אַלע „נויטן"... אָבער ער האָט געטון, וואָס דער רב האָט געהייסן.

— אפילו פון לערנען האָט ער באַלעמוטשעט היינט — האָט ר׳ מאירל ווייטער געשפּינט די רעיונות זיינע: הממם. דער יצר הרע האָט היינט געהאַט איבער אים אַ שליטה.

עס איז אים שטאַרק הייס געוואָרן. ער האָט זיך ממש נישט געקאָנט קיין עצה געבן. עס איז אים איינגעפאַלן, אַז ער זאָל אָוועקשרייבן אַ בריוו צו די פּילסקער באַלעבאַטים, איבערבעטן זיי, און בלייבן אין מאַליץ. יאָ! דערמיט וועט ער אויסקויפן זיינע זינד...

ער האָט תיכף גענומען שרייבן דעם בריוו. און כדי צו שרייבן אים ווי געהעריק האָט ער נאָך איין מאָל איבערגעלייענט וואָס פילסק שרייבט. פּלוצלינג האָט ער אין סאמע עק פונם בריוו דערזען עטלעכע דראבנינקע שורה׳לעך, וואָס ער האָט פריער אין זיין צערודערטקייט גאָר נישט באמערקט:

„איז, אויב ס׳וועט נישט זיין קיין אָפּהאלט מצד דעם פראָסט, וועלן מיר מאָרגן איה״ש זיין אין מאליץ — בין מנחה למעריב״.

איצט האָט שוין די זאַך אָנגענומען אַ גאנץ אנדער פּנים. — הממם. איצט מוז ער שוין קודם כל אָפּווארטן די פילסקער באלעבאטים. איצט ליגט שוין די זאַך אין גאנץ אנדערע הענט...

ער האָט זיך נאָך לאנג געפּייניקט צו פארטרייבן אלערליי מחשבות. לסוף איז אים אַ ליכטיקער געדאנק געקומען צו הילף. ער וועט עס איבערלאָזן אינגאנצן צו דער השגחה...

און, ער האָט אוועקגעשיקט מיט מנשה׳ן אַ צעטל צום דאזאר. ער האָט אים געלאָזט וויסן מכח דעם בריוו. און מכח דעם, אז פון פילסק קומען באַלעבאטים מיט אַ געחתמעטן כתב רבנות, מחמת פילסק וויל אים אויפנעמען פאר רב. ער בעט דעם דאזאר אז ער זאָל אריבערקומען מאָרגן איה״ש, וואָרים ער וויל מיט אים איבעררעדן מכח דעם דאָזיקן ענין.

ער האָט נישט געזאָגט ווען ער זאָל קומען, דער דאָזאר. מחמת ער האָט געוואָלט די זאַך איבערלאָזן, אַזוי, אַז ער זאָל נישט דארפן אַליין טון קיין ריר מיט קיין מינדסטן פינגער. די השגחה זאָל אלצדינג פירן לטובה. ער וועט ווארטן און זען, וועט דער דאזאר פון מאליץ קומען איידער עס וועלן קומען די פילסקער, וועט ער בלייבן. אלא טאָמער קומט ער נישט מאָרגן, איז אַ סימן, אז ער דארף ווערן רב אין פילסק.

עס איז אים געוואָרן לייכטער איצט אויפן הארצן. ער האָט געפילט, אז די השגחה האָט פון אים אראָפּגענומען אַ שווערע משא. מחמת ווייסט דען אַ מענטש די וועגן פון דער השגחה? „זי וועט שוין וויסן ווי אַזוי צו פירן.

ער האָט געלייִענט קריאת שמע און איז געגאנגען פרי שלאָפן, כדי ער זאָל קאָנען אויפשטיין צו חצות.

אַ בארואיקטער איז ער אין ווייניקער פון פינף מינוטן איינגעשלאָפן.

ס׳איז געווען אין סאמע מיט ווינטער, דער שניי איז געלעגן פעסט און מאסיוו. דער פראסט האָט אים געהאלטן זינט וואָכן שוין, געפּענטעט, נישט געלאָזט אים אַ ריר טון זיך.

קיינער איז נישט ארויסגעגאנגען אויף דער גאס סיידן ער האָט געמוזט. פונדעסטוועגן איז די שול יענעם אָוונט געווען געפּאקט מיט די שענסטע באלעבאטים, און אזעלכע, וואָס דאוונען סרוב אינדערהיים, ביחידות, גייען נישט אין שול אַריין אַחוץ משבת לשבת, זענען היינט אויך געקומען צו מנחה־מעריב.

זיי האָבן געוואָלט הערן נייעס, געוואָלט וויסן מיט וואָס דאָס וועט זיך אויסלאָזן. וועט דער רב זייערער, בסך הכל אַ יונגערמאַן פון עטלעכע און צוונציק יאָר, (ווען מען זיי געדענקען נאָך, ווען מ׳האָט אים געטראָגן ס׳ערש־טע מאָל אין חדר אַריין) בלייבן אין מאליץ, אָדער די פּילסקער וועלן אים אוועקנעמען פון זיי?

אין שטעטל האָט זיך געררודערט.

„סטייטש! צוליב אזא קלייניקייט! אין דער אמתן, וואָס איז דאָס געווען פאר אן עולה, אז דער רב זאָל לעבן, האָט זיך איינגעשפּארט, אז היינטיקן ווינטער מוזן זיך די מאליצער גבירים ביישטייערן טאָפּלט צוליב דעם זער שווערן ווינטער, כדי צו קענען באזאָרגן די אָרימעלייט מיט אַ פּירל האָלץ, מ׳זאָל קענען צושיקן אַ לעפל געקעכץ, אַ פּאָר שיכלעך פאר די תלמוד תורה ייִנגלעך, און ער האָט זיי אויסגעמוסר׳ט אַביסל? וואָסי ס׳קומט זיי נישט? די שיינע ייִדן! זיי מיינען טאקע, אז גאָט האָט באשאפן די וועלט נאָר פאר זיי־ערטוועגן. — האָבן די באלמעלאָכעס געהאט אַ גערעכטע טענה, און אין הארצן שטארק הנאה געהאט... טאָ וואָס זשע דען? זיי האָבן געציטערט, אז פון דעם אלעם זאָל זיך נישט אויסלאָזן אזוי, אז די מאליצער אָרימעלייט וועלן נישט געהאָלפן ווערן, און דעם רב, זייער טייערן, הארציקן רב, דעם מאליצער עלוי וועלן זיי חלילה פארלירן. ווייל נאָכדעם וואָס דער „פּעטער דבר אחר״ האָט נעכטן געזאָגט צום רב, אַז ער איז דאָ אַ רב כדי צו פּסק׳ע־נען שאלות, און נישט, כדי צו מישן זיך אין קהלישע ענינים, אז דאָס זאָל ער איבערלאָזן צו די דאזאריס, ווייל ער איז נאָך צו יונג און פארשטייט נישט קיין וועלטלעכע ענינים. איז ווער ווייסט, צי דער רב וועט זיך נישט אָפּזאָגן פון דעם רבנות? — וואָסי ער דארף גויטיק זייערע עטלעכע רובל אַ וואָך? ער גיט עס סיי ווי אַוועק פאר אָרימעלייט. ער גיט נאָך צו זיין אייגנס, און שלעפּט ארויס פונם שווער זיינעם מער, ווי פון יעדן איינעם צו צעטיילן אויף צדקה.

איז ווער ווייסט? בפרט איצט, אז ס׳זענען פּלוצלינג אונטערגעקומען די פּילסקער!

די אָרימע מענטשן זענען געווען „אויס מענטש״.

דער דאָזאר איז געווען ברוגז אויפן רב, הלמאי ער האָט נישט באלד אוועקגעשריבן קיין פּילסק אַ בריוו, מיט אַ תשובה, אז ער „נעמט נישט אָן״. פונדעסטוועגן האָט ער פאררופן די מאליצער באלעבאטים (די „שיינע״ פאר־שטייט זיך) אויף אן אסיפה. מ׳האָט גערעדט און געשריגן און מען האָט זיך נישט געקאָנט אויסגלייכן — לאנג זיך גע׳ישוב׳ט, צי מ׳זאָל אהינגיין צום רב און אים אָפּרעדן פונם שריט? אָדער מ׳זאָל אָפּווארטן און זען, וואָס ער האָט בדעה צו טון.

אַ טייל האָבן געהאלטן, אז מ׳דארף אהינגיין, אָפּרעדן אים, און אים טאַקע איבערבעטן אויך. אָבער די רייכערע, די אָנגעזעענסטע באַלעבאַטים האָבן געהאלטן, אַז עס טויג נישט. אז איינבעטן זיך לוינט קיינמאָל נישט...

— אז מ׳עט זיך ביי אים איינבעטן וועט מען נאָך ערגער מאכן! ער וועט אונדז דערנאָך אויפן קאָפּ ארומקריכן — האָט איינער אַ ייד אַ עם הארץ, נאָר אַ גרויסער בעל דעה און אַ גרויסער תקיף צוליב דעם, וואָס ער לאָזט זיך קאסטן א סך געלט אויף קהלישע הצטרכות׳ן, געזאגט. — און אין שטעטל איז געווען אַ טומל און אַ צורודערטקייט, ווי ס׳וואָלט זיך געהאנדלט אין יעדן איינעמס פּריוואטן לעבן.

דער עיקר האָט זיך געקאָכט חיה דבורה, די שוויגער, דעם רב׳ס.

— ביי מיר עסטו נישט פּועל׳ן, אז כ׳זאָל אוועקשיקן ס׳קינד! (האָט חיה דבורה גערופן די רביצין ס׳קינד) מחמת זי איז געווען אַ בת יחידה, און אזא קליינינקע דערצו.

— איך׳ל נישט אוועקשיקן ס׳קינד אין קיין פרעמדער שטאָט אריין! דאָ איז זי געבוירן געוואָרן און דאָ וועט זי בלייבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר! פארשטייסט? און ס׳איז שוין צייט זאָלסט זיך גיין וואשן. ס׳עסן ווערט קאלט ווי אייז. — האָט זי זיך געבייזערט אויפן מאן.

ר׳ אברהם אהרון האָט זיך פּאמעלעך געווישט די הענט מיטן ברייטן, ווייסן האנטוך, געזאָגט שאו ידיכם, געשמייכלט צום אייניקל אויף זיין ווייבס שויס, און זיך געריכט אויף אַ פּסק פון איר, חיה דבורה׳ן, פארוואָס ס׳איז אים גאָר איינגעפאלן, אז ס׳איז געמאלן, אז איר חנהלע וועט אוועקפאָרן פון מאַליץ.

נאָר חיה דבורה איז שוין געווען פארטון ביים אויפגעבן די גוטע וויעטשערע, ביים אכטונג געבן, אז די „קליינע״, וואָס דאָס מיינט די רביצין, זאָל חלילה נישט אראָפּלאָזן ס׳קינד און האָט פארגעסן אינם גאנצן עסק.

אמת, בשעת דער שמש האָט איר דערציילט, האָט זי געהאט אַביסל עגמת נפש, נאָר איצט ביים טיש איז איר די גאנצע זאך געווען אזוי וווייט, ווי אַ חלום, וואָס בשעת ס׳חלומ׳ט זיך פילט מען אים, באלד ווי מ׳כאפּט זיך אויף אויך נאָך, אָבער אַ ווײלע שפּעטער פארטוט מען זיך אין אלערליי טאָג טעגלעכע ארבעטן און מ׳פארגעסט אָן אים.

פארגעסן האָט אָבער נישט מאליץ. ס׳גאנצע שטעטל איז „געגאנגען אויף רעדער״.

„סטייטש זייער רב! דער מאליצער עילוי! דעם גרויסן למדן! דעם גרויסן צדיק! זענען געקומען פרעמדע יידן, פון אַ פרעמדער שטאָט און ווילן אים אוועקנעמען!

— דאָס וועט מאליץ נישט דערלאָזן!! — האָבן זיך אָנגעהויבן אסיפות, מחלוקת׳ן. יעדער האָט באַשולדיקט דעם אנדערן. אפילו יידן, באַלמעלאכעס האָבן זיך אין מיטן וואָך אָנגעטון די שבתדיקע מלבושים און זענען געקומען אין שול אריין הערן, און פּרוּוון אַליין אויך אַריינוואַרפן אַ וואָרט... אפילו ווייבער איז נוגע געווען, אז דער רב, זאל לעבן, זאל בלייבן אין מאליץ.

פרומע, נגידישע יידינעס האָבן געשאָקלט מיט די בריליאַנטענע אוירינגלעך, געציפּט זיך ביי די ווייַנפּערלעך פון די קאַפּקעס, געציפּט זיך ביי די פראַנדזן פון די זיידענע קאָפּ־טיכלעך, געטוליעט זיך אין די פוטערנע שובעס און איינגעהערט זיך צו אַלץ, וואָס די מאַנסבילן האָבן געהאַט צו זאָגן.

„פּראָסטע" ווייבער זענען געגאַנגען געהילטע אין דערעס, צו שכנים, הערן אַ וואָרט מכח דעם ענין.

נאָך לאַנגע אסיפות און אַ סך רייד איז געבליבן, אז מ׳זאָל היינט בין מנחה למעריב רעדן מיטן רב, איבערבעטן אים, און אים בעטן ער זאָל בלייבן.

הגם די דאָזאַרעס האָבן דעם דאָזיקן ביסן נישט געקאָנט אַזוי לייכט אַראָפּשלינגען, מחמת דער רב איז נאָך אַ יינגל כמעט, און זיי זענען באַיאָרטע, חשובע באַלעבאַטים פון דער מאליצער קהלה.

נאָר ר׳ מאיר׳ל איז היינט נישט געגאַנגען אין שול אריין. ער האָט געדאווענט ביחידות. ער האָט נאָר וואָס געהאַט איבערגעביסן, (מחמת ער האָט היינט ווידער אמאָל געפאסט). ער האָט נאָר וואָס געהאַט אָפּגעבענטשט און זיך אוועקגעזעצט לערנען. האָט זיך געעפנט די טיר פון בית דין שטוב און עס זענען אריינגעקומען דריי יידן איינגעהילטע אין פּעלצן, מיט אויפגעשטעלטע קעלנער, מיט אַ סך שאַלעקעס ארום די העלדזער, און איבער דעם אלעם ריזיקע באַשלוקעס, וואָס האָבן פאַרהיטן אז די אוירן זאָלן זיי נישט אָפּפרירן.

ר׳ מאיר׳ל האָט זיי דערזען און איז אויפגעשטאַנען. אקעגנגעטראָגן זיי די גרויסע, ברוינע, איידעלע האַנט, געגעבן זיי שלום, געבעטן זיי, אז זיי זאָלן אויסטון די אויבער בגדים, און אריינגערופן דעם שמש ער זאָל אוועקנעמען די זאַכן, פון וועלכע עס האָט געטריפט און געקאַפּעט. ער האָט זיי געבעטן זיצן, געבעטן דעם שמש ער זאָל הייסן ברענגען דעם סאַמאָוואַר. דער שמש האָט פון געוווינהייט ווידער אמאָל אָפּגעגעבן אים, דעם סאַמאָוואַר, דאָס בכבודיקע אָרט אויפן טיש.

די יידן האָבן געהאַלטן די גלעזער ארומגענומען מיט זייערע פאַרפרוירענע הענט. געזופּט פון דער טיי און אַזש געקרעכצט פון הנאה.

— איי, אַ מחיה! אַ וואַרימקייט! ר׳ מאירל האָט אַ קוק געטון אויף דער וואַנט, געזען אַז אין געציילטע מינוטן וועט באַשטימט ווערן זיין גורל — צי זאָל ער ווערן רב אין פּילסק, וואָס אין פאַרגלייך מיט מאליץ איז עס אַ כרך.

פונדעסטוועגן האָט ער נישט קיין חשק געהאַט אויסצובייטן זיין קליין שטעטעלע מיט זיינע ליבע יידן — די פשוט׳ע, די פרומע, די הארציקע יידן זיינע. נאָר דער זייגער איז נישט געשטאַנען. די שווערע, געלע וואָגעס האָבן זיך שטיל און רואיק געהוידעט, די ווייזערס, בפרט דער גרויסער, האט זיך גערוקט — און אָט זענען זיי שוין צוגעקומען צו דער צייט.

פונקט דעמאָלט זענען צוגעקומען צום רב׳ס הויז, (ס׳הייסט דעם שווער׳ס, ר׳ אברהם אהרנ׳ס הויז), די שענסטע מאַליצער באַלעבאַטים, מיט די דאָזאָרעס בראש. זיי זענען געשטאַנען ביי דער טיר נאָך. טייל האָבן שוין אפילו באַוויזן אריינצוגיין אין פעדער־הייזל. זיי האָבן נאָך נישט געהאַט איבערגעטראָטן די שוועל פון דער בית דין שטוב, האָבן זיי געזען, ווי דער רב אַ בלאסער, העכער נאָך ווי תמיד האָט ער אויסגעזען, די אויגן טיף און ערנסט, האָט זיך אויפגעשטעלט, נאָך נישט באמערקט די אַריינגעקומענע באַלעבאַטים, אַ קוק געטון אויפן זייגער און אַ זאָג געטון צו זיך אַליין:

— זיי זענען נישט געקומען. — און ווענדנדיק זיך צו די פילסקער, האָט ער געזאָגט מיט אַ קול, אַ שטילס, אַן ערנסט׳ס, ווי אַ תפילה:

— מזל טוב פילסקער רב.

מזל טוב פילסקער רב! — האָבן די פילסקער געשיינט ממש.

איצט ערשט האָט ר׳ מאירל דערזען די מאליצער באלעבאטים.

אָבער ס׳איז שוין געווען פארפאלן. איצט קאָן ער זיין וואָרט נישט ברעכן.

און דאָס, צוליב פינף מינוטן פארשפעטיקן זיך, מצד די מאליצער באלעבאַטים. — און האָבנדיק חרטה, שטארק חרטה, אויף דער האָפערדיקער פרייעכקייט פריער, און ווען ער (?)

און ווילנדיק תשובה טון אויף דער עבירה — האָט ער אַפילו איצט קעגן זיין ווילן, טיף אין הארצן ביי זיך, נאָך אַמאָל דערפילט אַן אינערלעכן פריידיקן ציטער.

— הכלל, ווייזט אויס, אז ס׳איז אזוי באשערט! — האָט פלוצלינג אַ זאָג געטון דער שווער.

— אפנים, אז די השגחה האָט אזוי געוואָלט! — האָט ר׳ מאירל שטיל געענטפערט, און איז געבלין זיצן טיף פארזונקן אין רעיונות.

— אַ גוטענאכט, רב, — האָבן די מאליצער באלעבאטים שטיל געזאָגט, און געוואָלט ארויסגיין. נאָר דער פילסקער דאזאר האָט זיך געפילט שטארק אויפגעלייגט, און ער האט פארבעטן די מאליצער אויף א לחיים. אבער זיי האָבן נישט געוואָלט בלייבן אַפילו קיין רגע אחת. פונדעסטוועגן האָט דער „פעטער דאָזאַר", שטייענדיק ביי דער טיר שוין, זיך מישב געווען, איז צוגעקומען צום טיש, דערלאנגט דעם רב די האנט, עפעס שטיל געמורמלט, קיינער האָט נישט געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט, און אויפן קול אַ גיכן זאָג געטון:

— זייט מצליח, רב! — די באַלעבאַטים האָבן אים נאָכגעטון און זענען אַרויס פון דער ליכטיקער, וואַרימער, זיי אַזוי היימישער, בית דין שטוב.

מנשה האָט אַרײַנגעטראָגן משקה און מען האָט געמאַכט אַ לחיים. די פילסקער באַלעבאַטים האָבן זיך איצט געפילט אינדערהיים... און מ׳האָט אָפּגערעדט, אַז די וואָך נאָך זאָלן זיי צוזאַמען מיטן נייעם רב אַרײַנפאָרן קיין פילסק און נאָכדעם, וואָס מ׳וועט האָבן געמאַכט אַלע הכנות און די רביצין וועט זיך האָבן צוגעגרייט, וועט מען שיקן נאָך איר.

— איז הייסט עס געבליבן אַזוי, ווי דו האָסט געוואָלט, — האָט דער שווער געפרעגט אַ פאַרזאָרגטער.

ר׳ מאירל האָט אַ ציטער געטון ביי די דאָזיקע ווערטער.

— חס ושלום! ווי די השגחה האָט געוואָלט! — האָט ר׳ מאירל געפילט, אַזאַ נאָגעניש ביים האַרצן, אַזאַ בענקעניש, ווי ער וואָלט שוין יאָרן געווען אַוועק פון זיין היים, פון זיין שטעטעלע, ווו ער איז אויפגעוואַקסן, חתונה געהאַט, רב געוואָרן.

די דאָזיקע בענקשאַפט האָט אים קיינמאָל מער נישט אָפּגעלאָזט. ער איז אין משך פון עטלעכע יאָר געוואָרן אַ שם דבר. פון די גרעסטע שטעט האָט מען אים געוואָלט אויפנעמען פאַר רב, מחמת ער איז שוין איצט נישט געווען דער מאָליצער עילוי, נאָר דער פילסקער גאון!

אָבער ר׳ מאירל האָט נישט געוואָלט הערן און געדענקן. איין „עבירה" איז גענוג....

— אַ בית החיים איז דאָ ביי אייך? — פלעגט ער פרעגן ביי באַלעבאַטים, וואָס האָבן נישט געוואָלט אָננעמען „ניין" פאַר קיין תשובה און זענען געקומען אַליין צו פאָרן קיין פילסק, פּרוּוון ס׳מזל.

— וואָס פאַר אַ שאלה איז דאָס? פאַרשטייט זיך — האָבן זיי געשמייכלט, די באַלעבאַטים.

— אין פילסק אויך! — האָט ר׳ מאירל צוריקגעשמייכלט און די באַלעבאַטים זענען אַהיימגעפאָרן מיט גאָרנישט.

— ס׳איז גאָרנישט אָפּצושאַצן, ווי שטאַרק ר׳ מאירל האָט ליב פילסק — האָט מען זיך גע׳חידושט, און נישט פאַרשטאַנען די סיבה, און מקנא געווען די שטאָט...

# שלומקה

אַ גאַנץ יאָר וואָלט שלומקע נישט געטון קיין ארבעט, ווען מען זאָל אים אָפּגילטן.

אַפילו בעטלען איז ער אָפּטמאָל צו פויל געווען אַרומצוגיין. ער האָט ליבערשט געהונגערט, געלעגן אויף פרעמדע טיר־שוועלן — אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, איינגענורעט אין זיך אַליין און געדרעמלט. די איינגעדאַרטע פיס איינגעהילט אין פאַרהאַרטעוועטער בלאָטע, האָבן ווי געקנעטן פון ליים אויסגעזען, דאָס פּנימל בלאַס, דאָס נעזל האָט זיך קוים אַרויסגעשיילט פונם בריד.

אָט דאָס עלף־יעריקע ייִנגל האָט אָנגעטון די שטעטלשע ווייבער אַ סך צרות. ער האָט זיי נישט געלאָזט מאַכן פון אים קיין לייט.

— שלומקע, אַז כ'על דעך נאָך אַמאָל טרעפן אויסגעצויגן נעבן מיין געוועלב, עלעך דעך „אָפּפּאַרזשן" עלעך דעך! פּאַשאָל פון דאַנען! דו הערסט?

— האָבן אים די קרעמערקעס געטריבן ווי אַ הונט, שלומקע האָט זיך אויף זיי אַפילו נישט אומגעקוקט, געבליבן ליגן אַן איבערגעדעקטער מיטן רעקל איבער די אויערן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי שטיקלעך פאַרלאָשענע קויל צוליב דער אָפּגעפרוירענער רויטקייט, וואָס האָט זיך געריסן פון היַנטערן קויט אַפער.

נאָר, אַז דער הונגער האָט זיך צורעוועט, איז ער אויפגעשטאַנען, אָפּגעטרייסלט זיך און אַרויסגעלאָזט זיך אין וועג אַריין...

— שענקטץ אַ שטיקל ברויט, שענקטץ אַ שטי...

— אַרויס פון דאַנען, נישטאָ קא ברויט! ביזט נישט קראַנק און געשוואָלן צו ארבעטן — אַ מצוה, זעסטו, צו העלפן אויסהאָדעווען אַ גנב! — וואָס דען עט דאָס אויסוואַקסן? און כדי צו וואַשן ס'געוויסן האָבן ווייבער אים באַדויערט אויך: אַז ס'וואַלגערט זיך אַרום! אוי היט שוין אָפּ, טאַטע זיסער, פון אַזעלכע קדישים!

— שענקטץ אַ שטיקל ברויט, שענקטץ אַ שטי...

— אַרויס האָט מען דיר געזאָגט, אַ נישט גיס עך דעך אָפּ מיט דער פּאָמעניצע!

אָבער שלומקע האָט שוין געקאָנט דעם פּזמון: ער האָט אַפילו נישט אין זינען געהאַט אָפּצוטרעטן. און, אַז זיי האָבן געוואָלט געבן אלט ברויט, האָט ער געזאָגט לאַ מיט אַן אלף. ער האָט אַ בלינצל געטון מיט די גרויסע ברענענדיקע

אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעלויכטן פונם בריד אַרויס און האָט מיט איין בליק מבטל געמאכט די ווייבער מיט זייער איינגעשפּאַרטקייט. אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס האָבן זיי אים דערלאַנגט — ווער אַ בולקע, אַ שטיקל פריש ברויט, אַ פּלעצל, — לויט׳ן טאָג. שלומקע האָט אנשטאָט אַ דאנק אַ גנב׳ישן שמייכל געטון, אַנגענומען אַ פול מויל מיט שפּייעכץ און איז אַרויס.

— אַ חלירע זיי אין די גראָבע בייכער אַריין! — האָט ער געשפּיגן און געריסן מיט די שאַרפע ציינדלעך די געשמאַקע פּלעצלעך.

— שלומקע, ווילסט פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן, שלומקע?

— כ׳וויל נישט פאַרדינען!

— שלומקע, אַ מצוה און געלד!

— כ׳וויל נישט קיין מצוה!

— און געלד, שלמה?

— כ׳וויל גאָרנישט!

— אין דר׳ערד אַריין מיטן קאָפּ! — פּרווו נאָר נאָך אַמאָל קומען שנאָרן — האָבן זיך די ווייבער געקאָכט.

שלומקע האָט נישט געענטפערט. ער האָט אַ פייף געטון, אַז ס׳האָט אַזש דורכגעשניטן די פאַר־פּסחדיקע לופט און האָט אַוועקגעהאָפּקעט אויף איין פוס.

— אַן עבירה מ׳לאָזט אַזוינס אויפוואַקסן אין אַ יידיש שטעטל! ס׳אַ חלול השם! — האָט דעם גבאי׳ס ווייב גערעדט לשון קודש.

— שלמה כ׳על דיר אַרויסלאָזן די קישקעס פון בויך, פּאַסן עלעך פון דיר רייסן, אַז דעסט מיר פאַרשוואַרצן ס׳פּנים! דו קעלבאַס איינער! אַ בראָך האָט געדאַרפט טרעפן דיין מאַמען איידער זי האָט דעך געהאַט! — האָט דער פּאָ־טער, הערשעל קלאַץ געמאַכט געוואַלטן יעדן פרייטאָג פאַרנאַכט, אַז דאָס צעפּראָכנעטע שטיבל, האָט אַזש געציטערט.

שלומקע האָט אַראָפּגעלאָזט די גרויסע אויגן און געשוויגן. ער האָט גע־ וווּסט, דער פאָטער איז גערעכט. ער האָט אויך געוווּסט, אַז דער פאָטער וועט זיך פלוצלינג אינמיטן שרייען אַ גלייך אויס טון, אַז ער וועט אַזש אונטער־ שפּאַרן די סטעלי, אַ צוק טון מיט די ברייטע פּלייצעס, אַ שאָקל טון מיט דער ברייטער פּירקאַנטיקער באָרד און נעמען ברומען ווי אַ לייב. ער וועט צוריק אַרומבינדן דעם ברייטן פּאַסיק אַרום די פאַרלאַטעטע הויזן, וועט צוריק צו עפּענען די פויסטן, אַ שווערער אַזאַ אַ וואָרף טון זיך אויפן שעניק, אַז דאָס בעטל וועט אַזש קרעכצן אונטער דער משא.

דערנאָך וועט ער אים, שלומקען אַ רוף טון, הייסן אים אַראָפּציען די גע־ פּאַלבעוועטע, שווערע שטיוואַלעס, אַראָפּוויקלען אים די אָניצעס פון די צע־ ווייטיקטע פיס, דאָס שטיבל וועט זיך אָנפּילן מיט אַ פוילן ריח פון שווייס און ער שלומקע, נישט וואַרטנדיק אויף קיין באַפעל, וועט אליין ברענגען צעטראָגן

אַ שעפּל וואַרים וואַסער, דער פּאָטער וועט ווייקן די פיס און וועט אזש קרעכצן פון הנאה.

— אַ־אַ־אַ, אוי!

שאַשע, (די שוועסטער) וועט אַריינקומען אַן אויסגעפּוצטע אין אַ קלאָר פּאַרטוך, מיט פּארקעמטע האָר, ווי אַ פּריצעטע, אין די אוירן וועלן זיך איר באַמבלען די גאָלדענע אוירינגלעך, וואָס דער חתן אירער, האָט איר געשאָנקן צו די תנאים. זי וועט אַרויסנעמען פון הינטערן פארטוך אַ שטיקל געקאָכט הינערנס, צוויי שטיקלעך פיש און אַ גלאנציק, ברוין חלה׳לע.

די מוטער וועט נישט וועלן נעמען. שאַשע וועט שווערן ביים חתן, אַז די באַלעבאָסטע ווייסט דערפון. די מאמע וועט לסוף צונעמען, זי וועט זיפצן און ער, שלומקע, וועט הנאה האבן. דערנאָך וועט די מאמע אויסשפּרייטן אויפן טישל צוויי צעריסענע האנטעכער אָנשטאָט אַ טישטוך. זי וועט זיך פאָרן ביים שווארצן אייזערנעם אייוועלע. איילן זיך צו פארקאָכן די קילישע, זי וועט זיך שאָקלען איבער די צוויי גראָשענע ליכטלעך אין די ליימערנע לייכטערלעך, וואָס ער האָט פאר אירעטוועגן אויסגעקנאָטן, און וועט אים נעמען מוסרן מיט גוטן:

— דער טאטע איז דאָך אַ בריליאַנט, ס׳איז נאָך מיט נסים, וואָס ער מאכט דעך נישט פאר קיין קאליקע! וויפיל מאָל נאָך עט מען דעך דאַרפן בעטן, זאָלסט אויפהערן גיין איבער די הייזער?

זי וועט אים וויזן די הענט: — זע אַ פּאָר הענט און פאר וועמען אַרבעט מען אַז נישט פאר קא קינד? דארף דער טאטע אַהיים קומען יעדן פרייטאָג — אַ צעבראָכענער, אַ צעשטאָכענער, אַז שבת זאָל אים חצקל גנב פארשעמען: פּאָר אַלע אין די אויגן! פאר דער גאנצער שול — אַ זאָג טון — „ס׳וואָלט שוין צאט געוועזן כ׳לעבן, איר זאָלט אויפהערן אַרויסשיקן ס׳זינדל אייערס, שנאָרן! כ׳וויל עם אַראָנעמען אין יאטקע, וויל ער נישט הערן און געדענקן! שנאָרן איז גרינגער!“

— מיר שיקן דעך שנאָרן, דו הערסט?! און שאַשען טוסטו נישט אַן קיין חרפּות? אַ כלה מויד, קיין עין הרע, ווי אַ גאָלד כ׳ציטער דער שידוך זאָל נישט אָפּגיין דורך דיך.

— טו פאַרוואָס לאָזט עץ מער נישט איבער געגוג עסן? און שאַשע די גאָלדענע כלה קוקט זיך אָפּילו אויף מיר נישט אום, און חצקל — אַ חלירע אויף עם! צעקיילט מעך ווי אַ הונט פאר דער קלענסטער זאך? — צעברענען זיך ביי שלומקען די אויגלעך ווי צוויי פאקעלן, נאָר ער זאָגט גאָרנישט. ער קוקט אויף דער מוטער מיט רחמנות און ביילט די פויסטלעך צום פענצטערל, צו חאצקלען און צו שאַשען.

— דער טאטע עט שוין היינט אין שול אַריין נישט גיין, זעט אויס —

שלומקע כאַפּט זיך אויף פון זיינע מחשבות. ער הערט ערשט איצט די כראָ־פּרייען, וואָס טראָגן זיך איבערן שטיבל.

— עס שאַט נישט — זאָגט שלומקע...

— נעם וואַש דיך אַרום אַביסל. ס'איז דאָך שבת! זע ווי דו זעסט אויס!

— מאָרגן, מאַמע, מאָרגן עלעך מעך באָדן אין טייך, ס'וואַסער איז שוין וואַרים, אַזוי וואַרים, ווי אין מיטן זומער.

— מאָרגן, שבת עסטידעך באָדן?! — דערשרעקט זיך די מוטער. זי זיפצט.

הערשל נעמט זיך רודערן אויפן שעניק. ס'בעטל קרעכצט. ער רייבט זיך די אויגן, קוקט זיך אַ ווײַלע אַרום איבערן שטיבל ווי אַ פרעמדער:

— ס'טשוין געשאָלטן די לעכט? — חכמה'ט ער זיך און קראַצט זיך אין דער באָרד מיט תענוג...

ער קריכט אַראָפּ אַ באָרוועסער פון בעט, וויקלט אַרום אַ זאַק אַרום די געשוואָלענע פיס, זעצט זיך אויבן־אָן און נעמט מאַכן קידוש. ער פאַרגעסט, אַז ער האָט נישט געדאַוונט נישט קיין מנחה, נישט קיין מעריב.

דער חלב אין די ליימערנע לייכטערלעך ציטערט, די פיצלעך ליכט זענען שוין גאָר נידריק. די פלעמלעך וואַרפן זיך. אויף די ברודיקע ווענט טאַנצן די שאָטנס אַרום ווי משוגע.

— וואָס עט מען צולייגן? ס'איז נאָר דאָ איין חלה.

שלומקע שלעפּט אַרויס אַ בולקע פון דער קעשענע און שפּאַרט זי אָן אָן דער חלה.

הערשל גיט זיך אַ שטעל אויף אין זיין גאַנצער הויך.

— אַ רוח דעך אין דאָן טאַטנס טאַטן אַראָן!

— טאַטע כ'זאָל אַזוי לעבן, ווי כ'האָב זי געקראָגן פונם שמש פאַר אָפּ־פּוצן די מנורות, ר'איז קראַנק דער, דער שמש.

דער פאָטער גלויבט אים.

ר'הויבט אָן: יום הששי ויכלו השמים... ער וויקלט פעסטער אַרום דעם זאַק, אַרום די פיס, צעשניידט דאָס חלהלע, טיילט אַרום מוציא'ס. צו דער בולקע רירט ער זיך נישט צו. די מוטער גיט דעם פאָטער אַ שטיקל פיש. ס'אַנדערע צעטיילט זי אויף צווייען, זי גיט אויף די קאָכעדיקע קילעשע, זי צע־דריבעלט ס'קריש היגערנס, נעמט זיך כמעט גאַרנישט. שלומקע סמאָטשקעט אויס די ביינדלעך צוזאַמען מיטן בריד פון די פינגער.

## 2

דאָס איז אַ גאַנץ יאָר. אָבער נישט פאַר פסח. פאַר פסח איז נישטאָ אַזאַ אַרבעט פון וואָס שלומקע זאָל זיך אָפּזאָגן. גאַנצע טעג איז ער אויף די פיס. ווייבער ווייסן דאָס און ווייבער נוצן עס אויס:

— שלומקע עסט מער העלפן כשרן ס׳געפעס ?
— העלפן !
— שלמה׳לע עסט מיר אַהיימטראָגן דעם קויבער פון מארק ?
— אַהיימטראָגן !
— שלומקע ממזר איינער, ס׳טמער העלפן פליקן היגער די וואָך ?
— פליקן !
אַפילו חצקלען זאָגט ער היינט נישט אָפּ.

בעטלען דארף ער די וואָך נישט. ווייבער גיבן נישט נאָר ברויט, נאָר מאנדלברויטלעך און קיכעלעך און צאַצקעלעך. זאכן, וואָס זיי פארגינען זיך נישט אָ גאנץ יאָר, באַהאלטן אויף כיבוד... וואָס וועלן זיי זיך האלטן איצט מיטן חמץ ? אַחוץ דעם גיט מען אים אָן שמאטעס, לאטעס, שאר ירקות. שלומ־קע פאַרהאַנדעלט אַלץ „פאר גוט געלד" ביים אלטן קאָבעל, וואָס פירט עס אַוועק, אזש איבער דער ווייכסל.

פון אלעם מאכט ער געלט שלומקע און ס׳הערצל וואָקסט אין אים פאר פרייד. דערצו שטייט זייער שטיבל אָן אויסגעקאַלעכטס, אָן אויסגערייניקטס, אויפן נידריקן סופיט הענגט אין סאמע מיט, אויף אָ גרויסן טשוואָק, אָ ווייסע פלאכטע מיט אפשר דרייסיק פונט מצות. שלומקע פארגינט זיך נישט אַרויפ־צוקוקן. ער האָט מורא ער זאָל זיי נישט ברודיק מאכן מיטן בלויזן בליק. אינם פעסל באַרשט, וואָס זייערט זיך אין אָ ווינקל, כאַפּט ער יאָ אַמאָל אָ קוק אַריין, ער זעט ווי עס שוימט זיך און ער פארמאכט מיט שמחה דאָס דעקל.

טאַטע מאמע זעט ער שוין אין גאנצן נישט אָן. אָבער זיי פעלן אים נישט, ר׳איז פאַרהאָוועט.

און אָט איז שוין ערב פסח. טאטע מאמע זענען אויסגעבאָדן. ס׳שטיבל בלאנקט פון ריינקייט. די ליימערנע לייכטערלעך זענען פארפוצט מיט רויטן פלוס־פאפיר. אויפן טישל ליגט א ניי טישטוך. די מצות פארכאפּן אזש דעם אָטעם מיט זייער פרישקייט. אפשר זעקס שטיקלעך פיש, פארפוצט מיט רויטע מייערלעך, „בליען" אין א לענגלעכן פּולומיסעק. אינם קאראַפינקעלע מיטן אָפּ־געבראָכענעם העלדזל גלאַנצט רויט און רייך דער ווײַן... די חרוסת ליגן אויסגעקנעטענע אויף אָ געבלומעלט טאצעלע. די אייער ליגן אָפּגעשיילטע, זיי גלאנצן און ס׳זעט זיך אַדורך דאָס בלאָע געלעכל... אפילו דאָס זאַלץ וואַ־סער זעט אויס געשמאַק. אין די לייכטערלעך ברענען היינט גרויסע ליכט. שלומקע קוקט אויף אלעם מיט אָ גוישקען דרך ארץ. ער רירט זיך נישט צו צו קיין שום זאַך. ער וואַרט שוין אויף דער גליקלעכער מינוט, אויפן סדר, וואָס ער האָט אַזוי ליב, אַז ער וואָלט אָ האלב לעבן אַוועקגעגעבן פאר דער איינער, ערשטער סדר־נאכט. און אָט זיצט ער שוין אויפן אויסגעשייערטן קעסטל. דער טאָטע אויבן־אָן אָנגעלענט מעשה מלך אויפן ווייסן קישעלע, די מאַמע קעגנ־

איבער. די פארפוצטע לייכטערלעך גיסן איבער אלעם אַ ליכטיקייט. גיסן זיך מיט אַזאַ יום טוב׳דיקייט, אַז מ׳קאָן אויסגיין פון תענוג. ער, שלומקע אַליין איז אָנגעטון אין אַ נייעם צייגענעם אנצוג. די בעקלעך בליען ביי אים, די גרוי־סע אויגן ברענען, דאָס הערצל איז פול.

— אָה! פסח! — שרייט ער אוש אויס פון צופיל נחת־רוח. דערצו ווייסט ער, אַז ער קאָן יעדעס וואָרט פון די פיר קשיות אויף אויסנווייניק. און אָט טוט שוין טאַקע דער טאַטע אַ ווונק און שלומקע הויבט אָן:

— מה נשתנה הלילה הזה...

# יחוס

הגם ער האָט קיינמאָל מיט קיינעם נישט גערעדט דערפון האָט מען אין שטעטל געוווּסט, אַז הערשל זאמלט געלט אויף אַן אײדים אַ למדן.

מ׳האָט געוווּסט, אַז אים טוט באנג, וואָס ער איז אַ שנײדער, אַז ביי זיך אין הארצן האָט ער תרעומת אויף דער פארשטאָרבענער מוטער זיינער, פאר־וואָס זי האָט אים געמאכט פאר אַ בעל מלאכה.

הערשל׳ס פאָטער איז געווען אַ ייד אַ למדן, אַ גרויסער יראת שמים און אַ גרויסער אָרימאַן. זייענדיק אַליין אַ „שלימזל״, האָט ער געהאָפט כאָטש צו מאכן פונם זון אַ לייט.

— הערשל — פלעגט ער זאָגן צום זון — זייַ און לערן. דו האָסט אַ גוטן קאָפּ. דארפסט נאָר וועלן. און, אַז דו וועסט וועלן, וועסטו איה״ש זיין אַ רב.

אָבער וואָס קאָן אַ מענטש אויספירן, ווען ס׳איז אים פון אויבן אנדערש באַשערט.

האָט די מוטער הערשלס, אַ יידינע וואָס האָט סיי געשטאמט פון „פּראָסטע מענטשן״, סיי געהאט פשוטן שכל אָן חכמות, גענומען (נאָכן מאנס טויט) און אריינגעבן הערשלען אויף דער לער צו אַ שנײדער, גראד דעמאָלט, ווען ער האָט שוין געקאָנט לערנען און האָט זיך שוין געגרייט אָוועקצופאָרן אין אַ ישיבה אַריין עסן טעג און לערנען דאָרטן ביז ער וועט קריגן סמיכה אויף רבנות. דערצו האָט ער זיך נאָך געלערנט רוסיש פון אַ זעלבסטלערער, כדי צו קענען באַלייגן דעם עקזאַמען און זיין זיכער, אַז ער וועט זיך נישט ארומטראָגן מיט קיין סמיכה אין קעשענע און קנעלן מיט קינדער, ווי דער פאָטער זיינער.

ווען הערשל איז אלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, האָט ער, אנשטאָט אין דער ישיבה, געקוועטשט די באנק ביי אַ שנײדערישער מאשין. ער האָט געסטרי־געוועט, געניִיט און געפרעסט און איז, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס און ווי־אַזוי, עס איז צו אים געקומען, געווען דער בעסטער שנײדער אין זשעלעכיק.

— אַ גמרא קעפּל — פלעגט מען אין שטעטל זאָגן — האָט ער אַ גבורה צו אַלעם.

הערשל האָט זיך געפילט ויחד יתרודיק. הגם עס האָט אים געאַרט, וואָס ער איז אַ באַלמעלאָכע האָט ער פונדעסטוועגן געאַרבעט מיט חשק, מחמת ער האָט זיך געפרייט, וואָס ער האלט אויס סיי די מוטער, סיי די שטוב מיט קינ־דער, וואָס זענען פארבליבן נאָכן פאָטערס טויט.

און, אַז עס פלעגט זיך מאכן, ער פלעגט דערפילן אַ נאָגעניש ביים הארצן און אַ בענקעניש נאָך אַ כסא רבנות אנשטאָט דעם לאנגען הילצערנעם בענקל ביי דער מאשין, פלעג ער זיך טרייסטן דערמיט, וואָס ר׳ יוחנן הסנדלר איז אויך געווען אַ באַלמעלאכע — אַ שוסטער.

געגאנגען אָנגעטון איז ער, הערשל, ווי אַ חסידישער ייד, נישט ווי קיין שניידער. ער האָט געטראָגן שבת אַן אטלאסענע קאַפּאָטע מיט אַ סאמעטן היטל, געדאוונט אויבן־אָן צווישן די חסידישע יידן פון שטעטל, געפּראַוועט מלוה־מלכה׳ס ביים רב און זיך געגרייט טון דאָס, וואָס זיין פאָטער האָט געטון אַמאָל מיט אַ סך יאָרן צוריק; נעמלעך, מאכן פון די צוויי יינגלעך זיינע אַ „לייט״. נעמען זיך גוטע איידעמס. „גוטע״ האָבן ביי הערשלן געהייסן נאָר אַזעלכע, וואָס קענען גוט לערנען.

ער האָט אַליין געוווּסט, אַז די יינגלעך זיינע האָבן גוטע קעפּלעך. און דער רב פלעגט עס אים אויך זאָגן יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זיי שיקן צו אים פאַרהערן.

— איי, האָט איר, ב״ה ווױלע קינדער, ר׳ הערשל! זיי קאָנען ב״ה און ווילן לערנען...

נאָך אַזאַ שמועס מיטן רב, ווערט הערשלן אַזוי גוט אויף דער נשמה, אַזוי פריילעך אויפן הארצן, אַז ער פאַרגעסט אין אלע תרעומות. ער ארבעט אוועק מיט אַן אימפּעט, מיט אַ פרייד, זינגט אונטער אַ חסידיש ניגונד׳ל און ס׳פאַלט אים איין אַז ס׳איז גאָר געווען אַן השגחה פּרטית, אַז ס׳איז געווען מן השמים, וואָס די מוטער האָט אים געמאכט פאַר אַ שניידער. אפשר, ווער ווייסט, אפשר ווען ער איז חלילה אַן אָרימאַן, וואָלט ער נישט געקאָנט צאָלן קיין מלמד־געלד פאַר די יינגלעך, נישט געהאַט קיין נדן פאַר די טעכטער און זיי וואָלטן חלילה געמוזט חתונה האָבן פאַר פּראָסטע יינגן באַלמעלאכעס.

און אַזוי טראַכטנדיק, ווערט אים נאָך פריילעכער אויפן הארצן און ער צעזינגט זיך אויפן קול. די צוויי געזעלן זיינע העלפן אים אונטער און ס׳איז ששון ושמחה ביי הערשל שניידער אין הויז. און יידן סוחרים, וואָס שטייען ביי די טירן פון די קרעמלעך, קוקן אויס קונים, וואָס קומען נישט און האָבן נעבאך נישט קיין פּרנסה, זעגנען אים מקנא אויפן קול.

— איי אַ ייד אַ בר־מזל, דער הערשל,—זאָגן זיי—און בנימין שניידער, וואָס מ׳רופט אים אין שטעטל דער „וואַנדערער״, מחמת ער קריכט גאנצע טעג אַרום איבער די דערפער, כדי אָפּצושלאָגן הערשלן די פּויערים און זען אַליין קריגן אַ שטאָך אַרבעט, ווערט אים אַ גרעסערער שונא נאָך ווי תמיד. מחמת בנימן זינגט נישט. אים זינגט זיך נישט. קיין פּרנסה איז נישטאָ. די קינדער זעגען זיך אַלע צופאָרן. די טעכטער דינען אין ווארשע, די צוויי זין זעגען ביי־דע ביי די זעלנער. אים איז אומעטיק און קאלט און ס׳דאכט זיך אים, אַז הערשל

כאַפּט אים אויס די אַרבעט, אַז הערשל איז שולדיק פאַרוואָס ער קאָן אַ סך בעסער דאָס פאַך פון אים, בנימנ׳ען. כאָטש בנימין שטאַמט פון דור דורות שניידערס.

— אַ בייז מזל דאָס האָט — רעדט בנימן צו זיך אַליין.

הגם הערשל האָט געארבעט שווער, האָט מען זיך ביי אים אין הויז געפירט קארג, זער קארג. מ׳האָט געגעסן שוואַרץ ברויט מיט הערינג אויף אָנבייסן און צוגערייטע גריצן אויף וואַרימעס. אַ גאנצע וואָך האָט מען אין שטוב קיין פּיצל פלייש נישט פארזוכט. און אויף שבת האָט חיהביילע, דאָס ווייב הערשלס, געקויפט אַמאָל אַ קאָפּ, אַמאָל אַ לונג און לעבער, אַ פוס אַ גריישל. בלויז פארן מאן מיט די ייִנגלעך האָט זי געקויפט אַ קריש פלייש לכבוד שבת.

זי מיט די מיידלעך מיט די צוויי געזעלן האָבן שוין געהאט פארגעסן וואָס פאַר אַ טעם פלייש האָט.

הערשל איז געשטאַנען גאנצע טעג און האלבע נעכט ביים לאנגן טיש, וואָס ביים פענסטער, געהאלטן אין איין פלאַנעווען, אין איין פירן מיטן קריידל איבער גראָבן פויערישן געוואַנט, אָדער איבער גלאַטיקן, גלאַנציקן אטלאס, וואָס ער האָט גענייט סיי פאַר די אָרעמיקע פויערים, סיי פאר די חסידישע יידן פון שטעטל להבדיל — אַלץ געוואָלט איינברענגען זיך אַ שטיקל סחורה.

עס האָט לאנג געדויערט ביז ער האָט זיך גענומען צושניידן אַ מלבוש. דערפאַר, אַז ער האָט זיך שוין אַוועקגעזעצט ביי דער מאשין, האָט ער געאַרבעט מיט אַזאַ ברען, אַז ער האָט אַזש אָנגעשטעקט די צוויי געזעלן, וואָס האָבן זיך בטבע געפוילט ביי דער ארבעט... מחמת זיי האָבן נישט געהאט צוליב וואָס זיך צו איילן. אָבער הערשלס מאשין איז אַזוי געפלויגן, אַז די יונגן האָבן אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס, אויך אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די מאַשינען אָדער סטריגעווען און נייען מיט אַזאַ אימפּעט, ווי זיי וואָלטן אויך געדאַרפט זאמלען געלט אויף אײדימס.

קעגן איבער ביים אַנדערן פענסטער איז געשטאַנען שרהקע, די עלטסטע טאָכטער הערשלס, און האָט פונקט ווי דער פאָטער געפלאַנעוועט און געמאָסטן און געפירט מיט אַ קריידל אויף וואָלענע און זיידענע סחורות, וואָס זי האָט גענייט פאַר די „שענסטע" באַלעבאָסטעס און אַפילו פארן נגיד׳ס ווייב, וואָס האָט זיך קיינמאָל פריער נישט געלאָזט נייען ביי די זשעלעכיצער שניידערקעס, נאר אין ווארשע, און מ׳האָט איר דערפאר געגעבן א צונאמען „יאַך מאַך".

מ׳האָט אַפילו אַמאָל אין אַ שיינעם טאָג ווען אלצדינג איז געלעגן איינגעהילט אין העלער זון, די אקאציע בוימער האָבן פארשמעקט דאָס שטעטל; פון די סעדער אַרום האָבן די ריחות פון אויפגייענדיקע פּירות געררייצט די אַפּעטיטן; די פייגל האָבן באגליקטע געזונגען, געזונגען פונקט אַזוי פריילעך, ווי

הערשל שניידער נאָך דעם, וואָס ער הערט פונם רב, אַז זיינע ייִנגלעך האָבן ב״ה גוטע קעפּלעך, האָט מען געזען, ווי דעם שרה'ס ווייב, אַן „איידעלע" פּריצהטע, וואָס לאָזט זיך אַפילו אין וואַרשע אויף נישט נייען אירע קליידער, נאָר אין סאמע פּאַריז, איז צוגעפאָרן צו הערשל שניידערס הויז און מיטגענו־מען שרה'קען מיט זיך אין הויף אַריין, געלאָזט זיך אַ מאָס נעמען אויף אַ פּאָר לייכטע זומער קליידלעך, איידער זי איז אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד אין די בעדער אַריין.

מחמת דעם וואָס שרה'קע איז געווען אַ קליינע און אַ דאַרע האָט מען איר אין שטעטל אַ נאָמען געגעבן „הערשלס פיגור". די קליינע האָט זיך דערפון קנאַפּ וואָס געטומען צום הארצן. זי האָט געוווסט, אַז דאָס רופט מען איר מיט אַ צונאָמען, מחמת, מ'פאַרגינט איר נישט דאָס, וואָס זי נייט שוין איצט פאַרן סאמע שררה'ס ווייב אַפילו און פאַרוואָס זי צוזאָמען מיטן פאָטער האָבן שוין אַ היפּשן נדן צענויפגעלייגט און זי וועט נאָך אפשר האָבן אַ מאַן אַ רב, ווערן אַ רביצין. ביי דעם־אַ געדאַנק, לויכטן אירע צוויי גרויסע שוואַרצע אויגן אויף מיט אַ גרויס ליכט. זיי גלאַנצן, און זיי בלישטשן, און זיי שמייכלען מיט שטאָלץ און מיט גליקזעליקייט, און אויך זי צוזינגט זיך ביי דער אַרבעט.

שרה'קע האָט זיך פּונקט ווי דער טאַטע אירער — געהאַלטן אין דער מעלה. נישט געחברט זיך מיט אַבי וועמען. צוליב דעם וואָס די באַלעבאַטישע מייד־לעך האָבן זיך געגרויסט קעגן איר (ווייל זי איז פאָרט אַ שניידערין און פאָרט אַ שניידערס אַ טאָכטער, האָט זי בכלל קיין חברטעס נישט געהאַט.)

איר ייִנגערע שוועסטער, טויבע, וואָס האָט איר געהאָלפן ביי דער אַרבעט איז פּונקט ווי זי גאַנצע טעג נישט אַרויסגעקומען אויף דער פרייער לופט. הגם זי, טויבע האָט זיך שוין גאָרנישט געהאַלטן אין דער מעלה. צו 17 יאָר האָט זי שוין געפירט אַ באַהאַלטענע ליבע און דווקא נישט מיט קיין רב...

איר געליבטער איז געווען אַ בעקער געזעלן ביי זיין ברודער, לייביש בע־קער. לייביש האָט געהאַט אַ קאָנטראַקט צוצושטעלן ברויט צום מיליטער, וואָס האָט געהאַט די קאַזאַרמעס הינטער זשעלעכיץ. אחוץ דעם האט ער נאָך גע־האַט אַ שפּייז קראָם אויך. געווען אַ ייד אַ נגיד. ווען ער וואָלט נישט געווען קיין „פּראָסטער מענטש" וואָלט הערשל זיך געפרייט מיט דעם־אַ שידוך. מחמת נחמיה, טויבע'ס געליבטער, האָט נישט פאַרלאַנגט קיין נדן און ס'וואָלט געווען ווויל ווי די וועלט.

אָבער הערשל האָט נאָך אַפילו נישט אין זינען געהאַט צו זוכן אַ שידוך פאַר טויבן. אים איז אַפילו נישט איינגעפאַלן, אַז טויבע ברענט ממש חתונה צו האָבן. אַז זי איז פאַרליבט.

טויבע איז געווען אַ הויכע, אַ שלאַנקע, מיט אַ פּאָר גרויסע, בלישטשנ־דיקע שוואַרצע אויגן, פּונקט ווי ביי שרה'קען, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע לאָקן און

רינגן און קרויזן וואָס וואַרפן זיך איר בשעת דער אַרבעט און פרייען זיך און טאַנצן. בכלל זיצט זי נישט איין בשעת דער אַרבעט... אָבער ווי אַזוי האָט עפּעס הערשלן געזאָלט איינפאַלן, אז דאָס האָט אַ שייכות מיט ליבע? מ׳האָט געוווּסט אין שטוב, אַז טויבע איז אַ מויד אַ מזיק, וואָס קאָן נישט איינרוען און במילא קומט דערפון אַרויס אַ טובה...

אויך איז נישט הערשלן, נישט שרה׳קען איינגעפאלן, צו צאָלן טויבע׳ן פאר דער ארבעט.

— די מויד איז אַ ברכה קיין עין הרע — האָט הערשל טיילמאָל אַ טראכט גטון—ווען ער האָט זי געזען קלאַפּן מיט דער מאשין, אדער ביים אויספארטיקן די קליידער אַזוי אַוועקפליען מיט דער גלאַנציקער נאָדל, ווי טויזנט רוחות וואָלטן זי אונטערגעטריבן. דאָס גאנצע פייער, וואָס זי האָט אין זיך געהאַט, האָט זי אויסגעלאָזט צו דער שטאָלענער נאָדל און צו אלערליי לידער, וואָס נחמיה האָט איר אויסגעלערנט.

חיהביילע האָט אויך געארבעט פאר צען. גאנצע טעג איז זי געשטאַנען ביי דער געהייצטער קיך, סיי ווינטער, סיי זומער, געליארעמט מיט דער ריזיקער פאַ־טעלנע, מיט די ריישעכצן, וואָס זי האָט געהאלטן אין איין פּרעגלען, אָדער זי איז אַרומגעלאָפן איבערן מארק, איינקויפן, זוכן מציאות. אַז נישט איז זי גע־שטאַנען ביי אַ גרויסער באליע וועש — זומער אין פעדערהייזל, ווינטער אין שטוב. זי האָט קיין רגע נישט גערוט, סיידן ווען זי האָט שוין געמוזט אַוועק־זעצן זיך אויספארריכטן די וועש, אָננייען קנעפּלעך אין העמדער און אין ציכן, פאַריכטן יעדנס זאָקן.

דאָס איז געווען אַ גאנצע וואָך. אָבער נישט שבת. שבת האָט הערשל באלד נאָכן טשאלנט זיך געגעבן אַ פּאַק אַריין אין בעט אַריין, און איידער מ׳האָט זיך אומגעקוקט איז ער שוין געשמאַק געשלאָפן. אָפּגעשלאָפן אַזוי ביז העט העט אין טאָג אַריין, סיי ווינטער, סיי זומער, איינגעדעקט זיך מיט דער שווערער, פעדערנער דעק. אָנגענומען זיך מיט כוחות אויף אַ גאנצער וואָך אַרויס, און אין איינוועגס מקיים געווען אַ מצוה אויך, מחמת שינה בשבת תענוג.

שרהקע פלעגט זיך אַרויסנעמען אַ בענקל פאַר דער טיר און שטילערהייט זאָגן פּרק אָדער אין ווינטערדיקע שבתים זאָגן ברכי נפשי. דערנאָך אַריינפּאַקן זיך אין אלקער (ווו זי מיט טויבע׳ן זענען געשלאָפן) אינם באנקבעטל און לייע־נען אַ „כשר“ ביכל.

די ייִנגלעך זענען אַוועק צום מלמד.

חיה ביילע פלעגט זיך דעמאָלט אַרויסכאפּן אַ מאָטל טון מיט די ווייבער. זי האָט זיך געחברט מיט „פּראָסטע מענטשן“. זי פלעגט זיך אַוועקזעצן מיט עטלעכע ווייבער אויף דער שוועל פון גדליהו שניטקרעמערס קראָם און זיי דערציילן, אַז זי קומט נישט אויס מיט דער פּרנסה, אַז ס׳יקרות איז גרויס, אַז זי קוקט אַ גאנצע וואָך נישט אָן קיין פּיצל לונג און לעבער אַפילו.

— כ'פארלאנג חלילה נישט קיין פלייש אינדערוואָכן. נאָר כ'זאָל נישט געשטראָפט ווערן פאר די רייד, די אָנגערייטשטע גריצן קריכן מיר שוין פון האלדז — פלעגט זי זיך קלאָגן פאר זיי.

די ווייבער פלעגן זיך איבערווינקן און איר זאָגן, אַז ווען זי וואָלט נישט געווען קיין צעקראָכענע, וואָלט זי געפועלט ביי הערשלען, ער זאָל אויפבינדן ס'קניפּל, וואָלט זי שוין דעמאָלט געהאט נישט נאָר פלייש, נאָר אַפילו צימעס אין דער וואָכן.

אַזעלכע רייד האָבן איר גורם געווען אַ סך עגמת נפש. אָבער זיצן אין שטוב, ווי דער מאַן, אָדער ווי די עלטסטע טאָכטער און האלטן זיך אין דער מעלה, האָט זי נישט געקאָנט. פלעגט זי זיך מאכן תמ'עוואַטע, אַראָפּשלינגען, אַבי צו קענען כאַפּן אַ מאטל און זיך דערוויסן מכח אלערליי נייעסן, וואָס האָבן זיך במשך פון דער וואָך, בשעת זי איז געווען אַזוי פארנומען, אָנגעקליבן.

טויבע האָט נישט געזאָגט קיין פּרק, נישט געמאַטלט מיט די ווייבער. אויף איר האָט שוין געוואַרט נחמיה אין דערבייאיקן וואַלד, אין לייביש בעקערס סאַד, אָדער גאָר אויפן פרייען פעלד.

נחמיה איז געווען אַ הויכער, העכער נאָך פון איר, און פונקט אַזאַ שלאַנקער, מיט אַ קאָפּ העל בלאָנדע האָר און אַ פּאָר ליכטיקע אויגן, בלאָע און קלוגע, מיט אַזוי פיל ברען אין זיי, אַז טויבע איז שיער פאר'שרפה'ט געוואָרן ווען נחמיה האָט זי בלויז אָנגעקוקט. און קושן זי האָט ער זיך אויך לעצטנס געמאכט אַ מאָדע — טויבע ווייסט, אַז מ'טאָר נישט, אַז ס'איז אַ שרעקלעכע עבירה אָבער וואָס קאָן זי זיך העלפן, אַז ער דערשטיקט זי שיער נישט מיט זיינע הייסע ליפּן. און הלמאי זאָל זי לייקענען. זי פיבערט אַליין אויך. און זי וויל גאָרנישט, אַז נחמיה זאָל „שוין אַמאָל אויפהערן", ווי זי האלט אים אין איין בעטן און אין איין טוליען זיך נאָך נענטער צו אים...

ביידע זענען זיי געזונט אייזן, ביידע יונג און פארליבט, ביידע וואָלטן זיי געשטעלט אַ חופה כאָטש היינט — אין שבת...

אוודאי האָט זיך הערשלען בשעת ער איז געשלאָפן, כדי אָנצונעמען זיך מיט כוחות אויף דער וואָך אַרויס און כדי מקיים צו זיין די מצוה פון שינה בשבת תענוג געחלומט מכח אלצדינג אין דער וועלט, אַחוץ, אַז זיין ייגגערע טאָכטער, טויבע ליגט איצט מיט נחמיה'ן העט ווייט אַוועק אין פעלד, ווו מען זעט קיין יידן נישט אויף די אויגן. (אַפילו נישט די יידישע מיידלעך און בחורים, וואָס גייען יאָ שפּאַצירן בגנבה שבת נאָכן טשאָלנט, מחמת אַזוי ווייט אַוועק גייען זיי נישט. דאָרט שמעקט שוין מיטן גוי'אישקן דאָרף). אָדער ווייט אַוועק אין וואַלד אונטער אַ שמעקעדיקן סאסנע בוים, צי גאָר אין לייביש בעקערס סאַד און האלדזט זיך און קושט זיך ווי אַ שיקסע מיט אַ שגץ להבדיל.

נחמיה'ס פאָטער איז געווען אַ קצב. ער איז געווען אַ הויכער צעוואַקסע־

נער ייד, מיט אַ ברייט קנאַכיק פּנים און אַ משונה׳דיק ברייטע, געדיכטע באָרד. אויפן גרויסן צעפלויגענעם קאָפּ בלאָנדע האָר, וואָס האָבן אים שוין אָנגעהויבן גראָ ווערן, האָט ער געטראָגן אַ קליין טוכן היטעלע. די האָר האָבן צוליב דעם אַרויסגעשטראַמט, צוזאַמענגעגאַנגען זיך מיט דער באָרד, באַדעקט אים כמעט ס׳גאַנצע פּנים און אַפילו דעם האַלדז. תמיד האָט ער געטראָגן אַ פּאָר הויכע פאַרבלאָטיקטע און פאַרבלוטיקטע שטיוועל, אַ גלאַנציקע פאַרבלוטיקטע קורטקע און אַ פּאָר שטייפע צייגענע הויזן אַריינגעמאַכט אין די כאָלעוועס.

די מוטער ווידער איז געווען פּונקט דער היפּך, אַ קליינטשיקע, אַ דאַרע, מיט אַ זויבער־געוואַשענער און געפּרעסטער ספּאַדניצע. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ שלאָף־קאַפּקע פאַרפּוצט מיט סטענגעס, כמעט תמיד פאַררוקט אויפן סאַמע מיט קאָפּ. אַזוי, אַז מ׳האָט איר אַרויסגעזען די געדיכטע, רויטע האָר, וואָס זי פלעגט נישט אָפּשערן אָדער אָפּגאָלן, ווי ס׳האָבן זיך געפירט כמעט אַלע שטעטלשע ווייבער.

זי האָט ליב געהאַט צו זיצן אויפן שוועל פונם זונס, לייבישעס געוועלב און צוקוקן זיך ווי ער „זשויבט״ קיין עין הרע. נאָר, אַז די שנור האָט זיך געבייזערט, געטענהט, אַז זי פאַרשטעלט דעם וועג, לאָזט נישט דורך קיין קונים, האָט זי זיך געזעצט אַ ביסל פון ווייטן אויף אַ קליין הילצערן בענקעלע וואָס זי האָט אַרויפגענומען פון דער „פּיעקאַרניע״ בגנבה, די שנור זאָל נישט זען...

זיצנדיק ביים זונס געוועלב האָבן איר נישט געפעלט קיין ווייבער מיט וועמען צו כאַפּן אַ מאָטל. אין זשעלעכיץ האָט מען אפילו געזאָגט, אַז צוליב דער פּנחס׳טע, לויפן די ווייבער אלע צו לייבישן אין קראָם אַריין מחמת אַזאַ געשמאַקן מאָטל, ווי מ׳האָט געקאָנט כאַפּן מיט איר האָט מען נישט געקאָנט מיט קיין שום שטעטלשער יידינע. אַחוץ דעם איז נאָך לעבן דער קליינער מאַמען כמעט תמיד געשטאַנען די טאָכטער אירע, פּונקט אַזאַ צעוואַקסענע ווי דער פאָטער, מיט פּונקט אַזעלכע פייערדיק רויטע האָר ווי ביי דער מוטער. זי האָט אויך געמאָטלט מיט די ווייבער, נישט ווי זי וואָלט געווען אַ כלה מויד, נאָר ווי אַ געניטע יידינע יאָרן שוין נאָך דער חתונה.

לייביש און נחמיה האָבן זיך געשעמט סיי מיט דער מוטער סיי מיט דער שוועסטער. לייביש האָט זיך געפירט, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ יידן אַ נגיד. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון געבן אַ נדבה, פאַרקערט, ער האָט געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט. האָט ער אַמאָל געקראָגן אַן עליה האָט ער מנדר געווען אויף דער שול, אויף מעות חיטן, האָט מען אים תמיד געשטעלט אין איין רייע מיט די שענסטע בעל הבתים. לייביש האָט אַפילו קיין קרומע מינע נישט געמאַכט. ער האָט געגעבן בתשועות חן. כאָטש ער האָט בכלל נישט געקאָנט לערנען, האָט מען אים אין שטעטל נישט אַוועקגעשטעלט אין איין שורה מיט די „פּראָסטע מענטשן״. דערצו איז זיין ווייב געווען אַן „איידעלע״. איר פאָ־

טער האָט געהאַט אַ קוואַס פאַבריקל און ער האָט געקאָנט אַריינקוקן אין אַ ספר... פאַר אַ צולאָג האָט זיין ווייב געהאַט שוואַרצע האָר, און לייביש, שטאַמענדיק אַליין פון אַ משפּחה וווּ כמעט אַלע האָבן רויטע האָר, איז דאָס ביי אים געווען אַ גוואַלטיקע מעלה. פונדעסטוועגן האָט ער דער מוטער קיינמאָל נישט פאַרגעוואָרפן, פאַרוואָס זי זיצט גאַנצע טעג ביי אים אויף דער שוועל פון דער קראָם, הגם ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ דערנידעריקונג, און עס האָט אים נישט געפּאַסט פאַרן ווייב.

דערפאַר האָט ער זיך נישט געשעמט מיט נחמיה׳ן, מחמת נחמיה איז געגאַנגען אין זיינע, לייבישעס דרכים. אים איז אויך געווען צום האַרצן, דאָס וואָס נחמיה האָט זיך אָפּגעזוכט אַ כּלה, וואָס וועט זיין אַ כּבוד פאַר דער משפּחה.

אָבער דאָס איז אַלץ געווען פריער.

איצט זיצט נישט די פּנחס׳טע ביים זונס געוועלב און ער האָט זיך נישט וואָס מיט איר צו שעמען, מחמת ביי פּנחס קצב אין הויז איז אַ גרויס אומגליק געשען מיט זיין מיטלסטן זון, מענדל.

„אַ יונג, נאָר אַ ברכה צו מאַכן" — האָט נישט איין מאַמע פון דערוואַקסענע טעכטער זיך געוווּנטשן צו האָבן אים פאַר אַן איידים.

„אַן אַנראַסער! ווער מיינט עטץ האָט געקראָגן דעם קאָנטראַקט פאַר פּנחסן צוצושטעלן פלייש צום מיליטער? — ער! געגעבן דעם טאַטן אַ ברויט מיט אַ מעסער אין דער האַנט אַריין. דאָס וואַקסט דער אַנדערער לייביש"...

„וואָס רעדט עטץ, ער איז דאָך טויזנט מאָל שענער פון לייבישן"...

און ער איז טאַקע געווען דאָס שיינדל פון דער משפּחה... די מוטער איז אויסגעגאַנגען נאָך זיינע טריט.

— נאָך אַזאַ קינד איז אויף דער וועלט נישטאָ. — האָט זי זיך נישט איינמאָל באַרימט פאַר די ווייבער מיט איר מענדעלען. ער האָט געאַרבעט פאַרן פאָטערס וועגן. גאַנצע טעג אַרומגעקראָכן איבער די דערפער, געזוכט אָקסן און ביקעס פאַרן מיליטער. געקויפט בחצי חנם. דעם פאָטער בלויז איבערגעלאָזט די שחיטה — און אפילו דאָ האָט ער אים צוגעהאָלפן, דער זון. צוגעשטעלט ס׳פלייש האָט ער אויך אַליין כמעט.

— טאַטע, דו זיץ אויפן וואָגן און גיב אכטונג מ׳זאָל נישט אַראָפּציען קיין „זייט" (אַ זייטל פלייש), ד׳רעשט פאַרלאָז זיך אויף מיר! דו זיץ דיר ווי אַ קיסר און גיב אכטונג אויז דער וואָג! הערסט טאַטע? — דאָס איבעריקע לאָז איבער צו מענדלען. ער קען זיך אַן עצה געבן מיט פאָניע גנב. האַ־האַ־האָ! — האָט ער געלאַכט.

דאַרף זיך אין אַזאַ „גאָלדענעם" יונג פאַרליבן אַ שיקסע. און נישט סתּם

פאַרליבט, האָט זי זיך, נאָר ממש אָפּגעהיטן אים די טריט. ווי נאָר זי האָט אים דערזען אין דאָרף איז זי אויך געווען דאָרט. און אַזוי „דאָרפיש” האָט זי אָנגעוועגדט אַלע ווייבערישע קונצן, כדי ער זאָל זיך אין איר אויך „פאַרליבן”. און צוליב אָט דער שיקסע, וואָס האָט געהאַט אַ פול פּנים מיט לעכער, אַן איבערבלייבעניש פון פּאָקן בשעת אַ מגפה אין דאָרף, האָט ער גענומען און האָט זיך געשמדט, אַ תל געמאַכט פון טאַטע־מאַמע און פאַרשוואַרצט ס׳פּנים די ברידער.

פּנחס קצב׳ס „הויז” איז אונטערגעגאַנגען. פּנחס איז געוואָרן ווייס אין איין טאָג. ער האָט אויפגעהערט צו עסן, קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגערעדט, אַרומגעדרייט זיך ווי אַ שאָטן. און באַלד נאָכדעם, ווי די משפּחה איז אָפּגעזעסן שבעה נאָכן לעבעדיקן זון, האָט ער פאַרמאַכט די יאַטקע אויף אַ שלאָס, זיך אַרומגעדרייט איבערן שטעטל מיט אַ ווייסער פאַרקאַלטנטער באָרד און אַ צעשויבערטן קאָפּ פאַרקאַלטנטע האָר, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט אויסגעקעמט און נישט געלאָזט, אַז עמיץ אַנדערש זאָל אים אויסקעמען. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַסיווער מרה׳שחורה און ייִנגלעך האָבן אים אָנגעהויבן רופן דער „משוגענער פּנחס”. מחמת ער פלעגט נישט ענטפערן אויף קיין רייד האָבן אים מענטשן אויסגעמיטן.

די פּנחס׳טע איז נאָך קלענער געוואָרן, נאָך איינגעשרומפּענער, ווי פריער. עס איז פון איר גאָרנישט איבערגעבליבן.

די רויטע האָר זענען איר אין גאַנצן גראָ געוואָרן. די קאַפּקע איז תמיד געווען ברודיק. דאָס קלייד האָט זיך איר ממש געקלעפּט צום לייב. זי איז גאַנצע טעג געזעסן איינע אַליין ביי זיך אין שטוב און געוויינט. די שוועסטער איז אַוועקגעפאָרן צו אַ קרובה קיין וואַרשע און נישט געוואָלט אַהיימקומען, נישט געוואָלט אָנקוקן די צעבראָכענע טאַטע־מאַמע, נישט די שטוב, וואָס איז „אַ קבר”, נישט קיין שטוב — האָט זי געהאַט אַ גערעכטע טענה.

לייביש האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין געפילנקייט. אָבער אין האַרצן האָט ער געביטערט. און נחמיה האָט געזאָגט, אַז ער מוז דעם ברודער דערהרג׳ענען.

ער האָט פאַרשטייט זיך, נישט געוווסט, אַז דער ברודער וואָלט זיך שוין איצט אַליין אויך געוואָלט דערהרג׳ענען. אַז דער ברודער גייט אַרום גאַנצע טעג און נעכט און ברעכט זיך דעם קאָפּ, ווי אַזוי צוריק אַרויסצורייסן זיך פון זיין נייער סביבה וואָס איז אים באַלד, ווי ר׳איז נאָר אַריין אין „קאַשטשאָל” צו דער חתונה זיינער, געוואָרן שרעקלעך דערווידער. ווען ער האָט דערהערט דאָס בלעקאַכצן, דערפילט דעם ריח פון ווייַרוך, געזען דעם גלח אינם ווייסן קיטל, האָט עס אים דערמאָנט אין די גרינע דאָנערשטאָגס, וואָס פלעגן אָנוואָרפן אַזוי פיל פּחד אויף די ייִדן אין שטעטל בשעת אָט דער גלח פלעגט — אָנגעטון אינם אייגענעם ווייסן קיטל מיטן אייגענעם גרויסן צלם אויפן האַרץ

— דורכשפאצירן פאמעלעך דעם מארק, באגלייט פון זיינע שיקסעס אין ווייסן, וואָס האָבן געטראָגן דאָס געטשל מיט דער „מאמען“ און געבלעקעכצט פונקט אַזוי ווי איצט צו זיין חתונה. ער האָט זיך דערמאָנט אין אַ יום כפור צו כל נדרי, ווען ער איז מיט נאָך יידישע קינדערלעך געווען פארזאמלט ביי אַ שכן אין הויז, בשעת די עלטערן זענען געווען אין שול. האָט ער פלוצלינג דערהערט מאָדנע געשרייען און אויסרופן. ער איז אַרויס זען, וואָס מ׳שרייט אַזוי און ער האָט דערזען, ווי די גאסן זענען פול מיט פויערים. זיי האַלטן העק און אייזערנע גראבליעס אין די הענט. די עלטערן זענען געקומען צו לויפן פון שול דערשראָקענע. יעדער האָט געכאפּט זיין קינד. מ׳האָט פארהאקט טיר און פענצטער און מ׳איז געבליבן זיצן צונויפגעטוליעטע און שטילע. דערנאָך האָט דאָס שטעטל געברענט.

ער איז נאָך דעמאָלט געווען גאָר יונג און ער האָט שוין געהאט פאַרגעסן אין דער גאנצער מעשה. איצט בשעת ער איז געשטאנען מיט זיין כלה ביים אַלטאַר, איז אין זיין זכרון אלץ צוריק לעבעדיק געוואָרן. ער האָט שטארק חשק געהאט צו טון אַ שפיי אויף אלץ און אלעם, צוריק אַהיימלויפן צו טאַטעמאמע און קיין מאָל אין לעבן נישט האָבן מער קיין מגע ומשא מיט קיין גוים. אָבער עס איז געווען צו שפּעט. אַ פחד, פונקט ווי דעמאָלט, ווען ער איז נאָך אַ קליין יינגל געווען, איז אים באפאלן. ער האָט זיי „געזען“ מיט די גלאנציקע העק אין די הענט. ער האָט זיי געהערט שרייען, פונקט, ווי דעמאָלט „בי זשידזשע“! ער האָט זיך אַפילו ארומגעקוקט צי עס ברענט נישט אין קאַשטשאל...

הגם דער שווער זיינער איז נישט געווען קיין אָרימאַן, פאַרמאָגט אַ פּאָר מארגעס לאנד, האָט מען זיך ביי אים אין דער כאטע געפירט פּראָסט און פשוט, ווי ביי אַלע אָרימסטע פויערים.

מענדל וואָס האָט שוין איצט געהייסן מאטשעק, האָט געמוזט עסן פון איין שיסל מיטן ווייבס יונגערע ברודער און שוועסטער, מיטן שיכורן טאטן, אירן. פון אים האָט כסדר געשטונקען דער בראנפן און דער טאַבאַק און „מאטשעק“ האָט נישט געקאָנט פארטראָגן דאָס וואָס אלע שעפּן פון איין שיסל. ער האָט זיך געמיאוסט. דאָס עסן איז אים געקראָכן פון האלדז. ער האָט אויך נישט געקאָנט פארטראָגן דעם ריח פון חזיר, וואָס האָט פארשטונקען די כאטע בשעת דאָס ווייב זיינס פלעגט פּרעגלען די ריישעכצער. ער האָט געוווסט, אַז דאָס שניידט זי אָפּ אַ שטיק פונם גאנצן חזיר, אַ ברוינס, אַ געראויכערטס, וואָס הענגט כסדר איבער דער קיך און ס׳קריכן אויף דעם ווערים אַרום — ווייסע לאַנגע ווערים.

און טאָמער מאכט זיך ער צעקריגט זיך מיט איר — און דאָס זער אָפט — רופט זי אים „זשידאָווסקאַ מאָרדאַ“.

אָבער די משפחה זיינע האָט דערפון נישט געוווּסט. זיי האָבן אים אויסגעמעקט פונם הארצן און נישט געוואָלט וויסן פון אים.

דער אלטער פנחס האָט איצט מכח גאָרנישט נישט געטראכט. דער קאָפּ איז אים געווען לער. נאָר די אלט געוואָרענע קליינע מאמע האָט דעם זון נישט געקאָנט אַרויסרייסן פונם הארצן אַרויס. יעדעס מאָל, וואָס זי האָט זיך דערמאָנט ווי אַזוי זיי האָבן נאָך אים געריסן קריעה, ווי זיי זענען נאָך אים געזעסן שבעה, האָט זי גאנצע טייכן טרערן פארגאָסן. דערצו האָט זי מורא געהאט, אַז זי זינדיקט דערמיט, וואָס זי פילט נאָך אלץ אַ ליבשאפט צו אים. אָט די ליבשאפט אירע צום זון האָט איר גורם געווען אַחוץ אַזויפיל שרעקלעכע חלומות, אַמאָל אין אַ יובל אַ ליכטיקן חלום אויך.

זי פלעגט אים זען טיילמאָל, ווי אַ קליין קינד נאָך. טיילמאָל, ווי דעם הויכן שיינעם זון, וואָס זי דערגרייכט אים קוים אַביסעלע העכער פון דער טאליע. אָדער גאָר, ווי ער קומט צוריק, ער פאלט אויף איר אַרויף און ער יאָמערט און ער בעט זיך ביי איר: „מאמע, כ׳וויל נישט צוריקגיין צו די גוים! מאַ־אַ־מע, כ׳וויל בלייבן דאָ ביי דיר מאַ־אַ־אַ־מע!״

אין אזעלכע נעכט פלעגט זי אויסשרייען פון שלאָף:

— גיי נישט אַוועק, מענדעלע, גיי נישט! בלייב דאָ, בלייב, בלייב בלייב!

טיילמאָל פלעגט זי אויסשרייען:

— וואָס זיצט איר שבעה נאָך אים, ער לעבט דאָך? — און אויפכאַפּן זיך מיט אַ שווער הארץ, פלעגט זי זיך פארגעסן און פרעגן״ — ער איז צוריק אַוועקגעגאנגען? — דערמאָנען זיך, אַז ס׳איז געווען אַ חלום און כליפּן.

אַפילו אין מיטן טאָג פלעגט זי, ווען זי האָט זיך דערמאָנט אין יענער סצענע, פארגעסן זיך און אַ זאָג טון:

— ס׳זאָל מיר זיין פאַר דיין קאָפּ, מיין קינד! — און זיך דערשרעקן פאר אירע אייגענע רייד.

— אַ משומד!

הגם די שבתים זענען געווען גוטע, מחיהדיקע, פאַר טויבע׳ן מיט נחמיה׳ן האָבן זיי אָבער אָנגעהויבן פארלירן דאָס געדולד. די צוויי יונגע מענטשן האָבן זיך באגערט, געלעכצט איינער נאָכן אנדערן. עס איז זיי נמאס געוואָרן דאָס כסדרדיקע דערדריקן אין זיך ס׳יונגע בלוט. זיי האָבן געוואָלט חתונה האָבן.

די ראָמאַנטישע שפּאַצירן אינם גרינעם, געדיכטן סאסנע־וואַלד, וואָס האָט געשמעקט אויף מיילן ווייט אַרום, דאָס געשוויטשער פון פייגל, דאָס פאלן פון שושקעס, נאָך וועלכע זיי פלעגן זיך פריער יאָגן, פּרווון ווער ס׳וועט וועמען אויסכאַפּן אַ שושקע און דערנאָך האלטן זיך ביי די זייטן פון געלעכטער, אויסלאכן דעם באַזיגטן, אָדער ארויפבייסן מיטן מויל שווארצע זאפטיקע קירשן אין לייבישעס סאָד — וואָס האָט פריער פארשאפט אַזוי פיל תענוג, איז זיי איצט

געוואָרן לאַנגווייליק. זיי האָבן אָבער נישט געזען קיין שום אופן, ווי אַזוי דאָס קען געשען, ווי אַזוי זיי קענען ווען עס איז חתונה האָבן, ווערן מאַן און ווייב.

זיי האָבן גאַנץ ווויל געוווסט, אַז הערשל וועט קיינמאָל נישט מסכים זיין צו דעם־אָ שידוך. זיי האָבן זיך אַ לאַנגע צייט געבראָכן די קעפּ. לאַנגע נעכט נישט געשלאָפן. אַלץ געטראַכט און געטראַכט און פּאָרט נישט געזען קיין אַנדער וועג, ווי חתונה צו האָבן בשתיקה אָן הערשלס וויסן.

ביי הערשלן אין הויז האָט מען איצט געלעבט שווערער נאָך ווי פריער, מחמת ס׳האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז שרהקע זאָל אַ כלה ווערן פאַר אַ וויל־לערנער — און פון אַ יחוסדיקער משפחה דערצו.

אין אַ פרימאָרגן, דאָס שטעטל איז נאָך געלעגן איינגעהילט אינם פייכטן טוי פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט, אין אַ לייכטן זומער נעפּל, פון וואַנען די זון האָט זיך שוין געהאַלטן אין דורכרייסן; די הייזקעס זענען געלעגן משופּע און צענויפגעטוליעטע, זיי האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן זיך ערשט געפּרוווט אויסטשוכן נאָכן ביינאַכטיקן שלאָף, אויסגעזען נידריקער נאָך, ווי זיי זענען געווען. ערגעץ האָט מען שוין אויפגעמאַכט אַ לאָדן. ערגעץ אַראָפּגענומען אַן אייזערנעם פרענט פון אַ קרעמל. יידן זענען געגאַנגען פונם ערשטן מנין מיט טלית און תפילין אונטערן אָרעם. האָט זיך דערהערט אַ פּליסקן אויף דער ווייכסל, וואָס איז געלעגן כמעט הינטערן שטעטל. און ס׳האָבן זיך אָפּגעשטעלט עטלעכע שוואַרצע, האַלב־פאַרפוילטע שיפלעך, וואָס האָבן זיך אַהערגעשיפּט פון זאַקראָטשין. פון די שיפלעך זענען אַרויס עטלעכע ווייבער מחותנתטעס, וואָס זענען געקומען אָנקוקן שרה׳קען.

דעם חתן האָט מען איבערגעלאָזט אין דער ישיבה, ווו ער האָט געלערנט. די מוטער זיינע, אַ יידינע אַ קאָזאַק, וואָס האָט געהאַט אין זאַקראָטשין אַ לעדער געוועלבל און נישט געהאַט דערפון קיין פּרנסה, האָט יעדן איינעם איינגערוימט אַ סוד אויפן אויער (און אָנגעזאָגט מ׳זאָל נישט איבערחזר׳ן פאַר הערשלען) פון וואָס פאַר אַ גרויסן יחוס זי שטאַמט:

— שיין דערלעבט זיך — האָט זי געקרעכצט — אוודאי, ווען מיין מאַן, זכרונו לברכה, וואָלט געלעבט, וואָלטן מיר זיך נישט משדך געווען מיט קיין שניידער. הערשל ווייסט עס. ער האָט גאַנץ גוט געקאָנט מיין מאַן. און ווער האָט אים נישט געקאָנט? אָבער וואָס איז דאָ וואָס צו רעדן, וואָס? כ׳בין אַ וויסטע אַלמנה, איז „יחוס נא קברות“...

די שטעטלשע יידינעס האָבן אויסגעהערט די טענות פון דער צעיורענער מחותנתטע מיט דער גרויסער אַטלאַסענער קאַפּקע אויפן קליינעם קעפּעלע, געזען ווי זי טרייסלט מיט די פּליטערלעך, מיט די פּאַטשערקעס פון דער קאַפּקע און מיטן טאָפּלטן גוידער אויפן געלן צעשמאָלצענעם פּנים, און האָבן איר „מיטגעפילט“.

נאָכדעם, וואָס הערשל האָט צוגעזאָגט אייביקע קעסט, די מיידלעכ׳ס אל־קער און אַ היבשן נדן, איז שרה׳קע געפעלן געוואָרן... און מ׳האָט געמאַכט אַ וואָרט.

הערשל איז געווען אין זיבעטן הימל. אַזאַ יחוס און אַזאַ יונגנמאַן, האָט ער מיט קיין טויזנט קערבלעך נדן זיך נישט גערעכט צו קריגן. דעם יונגנמאַן האָט הערשל געקאָנט פון דער ישיבה, אין ראַדזימין, ווו ער האָט געגעסן טעג און געלערנט. (הערשל איז געווען אַ ראַדזאַמינער חסיד). — יאָ, כ׳האָב ב״ה גע־קראָגן דאָס אויף וואָס איך האָב געאַרבעט. כדאי געווען. געלויבט השם יתברך! — האָט הערשל שיער נישט אויסגערופן אויפן קול...

די חתונה האָט מען אָפּגעשמועסט אין זעקס וואָכן אַרום בסך הכל, מחמת הערשל האָט געוואָלט אַריינכאַפּן דעם איידעם, וואָס גיכער. און די מחותנתטע איז באַשטאַנען. הגם זי האָט געהאַלטן אין איין געבן הערשלן צו פאַרשטיין, אַז זי האָט זיך נישט צוליב וואָס צו איילן, האָט זי אָבער ביי זיך גוט געוווּסט, אַז זי האָט נישט מער קיין כח אויסצוהאַלטן דעם זון מיט קיין מלבוש און מיט די עטלעכע גילדן אַ וואָך, וואָס זי שיקט אים צו אין דער ישיבה אַריין.

ביי הערשלן אין הויז האָט מען איצט געאַרבעט פאַר צען. מ׳איז געווען פאַרנומען מיטן צוגרייטן די חתונה. הערשל האָט כסדר געצייט, סיי פאַרן חתן, סיי פאַר זיך מיט די יינגלעך, סיי פאַר די שטעטלשע באַלעבאַטים, וואָס האָבן אַ טבע צו וואַרטן, ביז ס׳וועט זיך מאַכן אַ שמחה און מ׳עט שוין ממש מוזן האָבן אַ נייע אַטלאַסענע קאַפּאָטע...

שרהקע איז אויך געווען באַלאַדנט מיט אַרבעט. זי האָט געדאַרפט אויפ־נייען איר אייגענעם אויסשטייער. נייען קליידער פאַר דער מוטער, פאַר דער שוועסטער, פאַר שטעטלשע ווייבער וואָס האָבן זיך געגרייט טאַקע אויף איר חתונה.

טויבע האָט געאַרבעט שווער און געליטן. זי איז פון טאָג צו טאָג בלאַסער געוואָרן. האָט זייער אָפט געלאָזט פאַלן אַ טרער אויף אַ חתונה־קלייד און אי־בערגעלאָזט אַ פלעק דערויף.

דער יונגערמאַן איז אַראָפּגעקומען אויף אַ שבת. ער איז געווען אַ הויכער, אַ בלאַסער מיט אַ קאָפּ שוואַרצע געקרויזלטע האָר און פאות, מיט אַ פּאָר טונקל בלויע אויגן, געהאַט אַ פּאָר מיידל׳יש רויטע ליפּן, ווייסע הענטלעך... און אַ קליין פּוכן שוואַרץ בערדעלע.

שרהקע האָט זיך אין אים אויפן אָרט פאַרליבט.

די גאַנצע שטוב האָט זיך געדרייט אַרום שרהקען. אויף טויבע׳ן האָט מען זיך אַפילו נישט אומגעקוקט. דערצו האָט זיך שרה׳קע גענומען גרויסן קעגן איר, זיך גענומען האַלטן פאַר אַ יחסנטע.

טויבע האָט אָנגעהויבן פֿיינט האָבן סיי שרהקען סיי דעם פֿאָטער. הגם זי האָט געאַרבעט פֿאַר שרהקעס וועגן, געהאָלפֿן איר צוגרייטן זיך צו דער חתונה, האָט זי איר נישט ארויסגעוויזן קיין האר דאנקבארקייט. פארקערט, זי האָט זיך איצט מיט איר געשאפט, ווי מיט אַ לערנמיידל.

טויבע האָט געליטן און געשוויגן. נאָר אין די שבתים פלעגט זי אויסגיסן די גאנצע פארביטערטקייט, וואָס האָט זיך אינם משך פֿון דער וואָך אָנגעקליבן אין הארצן ביי איר, פֿאַר נחמיה׳ן.

נחמיה, וואָס האָט קיין מאָל נישט ליב געהאט קיין „חסידאקעס״, האָט איצט געפילט נאָך אַ גרעסערע שנאה צו הערשלען, ווי צום ברודער דעם משומד.

ס׳איז געווען סוף זומער. דאָס שטעטל איז געלעגן וואָכנלאנג איינגעהילט אין העלער זון, און זי האָט אַזוי געבלענדט, אַז מ׳האָט זיך געמוזט צולייגן אַ האנט צום שטערן, מאכן אַ סאָרט דעכל איבער די אויגן, כדי צו קענען זען די הייזקעס, וואָס האָבן ממש געגליט. דער הימל האָט זיך אויפגעהויבן אַזוי הויך, איז געווען אַזוי בלאָ און אַזוי לויטער, אַז קיין וואָלקנדל, דאָס קלענסטע און דאָס העלסטע אפילו, האָט מער ווי אויף איין רגע קיין שליטה נישט געהאט.

דער וואלד אַרום האָט פארשמעקט דאָס שטעטל מיט זיינע סאסנע בוימער, מיט זיין וואַרימער זשיווּעצע. די קאָרנפעלדער זענען שוין טיילווייז געווען אָפּגעשניטן. טייל זענען נאָך געשטאַנען ברוינע, רייפֿע. אנדערע זענען געלעגן אין גרויסע סנאָפּיס און געוואַרט מ׳זאָל זיי אַהיימנעמען — אין די שייערן אַריין. צוליב דער היץ איז דאָס יאָר אלצדינג פריער פארטיק געוואָרן די נידריקע פרוכט־בוימער האָבן זיך געבויגן אונטער דער משא. זיי האָבן שווערע פרוכטן געטראָגן. אַפילו ווינטער פּירות זענען שוין רייף געווען.

אין איינעם אַזאַ טאָג האָבן זיך, ווי אַ כאליאסטרע „פייגל אויף אַ חתונה״ אַ לאָז געטון אין שטעטל אַריין אַ האָפּטע מחותנים און מחותנית׳טעס: „בלויז יחסנים און יחסנטעס״. (אַזוי האָט יעדן איינעם פאַרזיכערט די מחותנתטע).

מ׳איז איינגעשטאנען ביי קרובים, סתם ביי גוטע פריינט. מחמת זשעלעביץ איז געוו̇ען אַ קאצן שפּרונג״ פון זאַקראָטשין, האָט מען זיך געקאָנט איינער דעם אנדערן.

ביי הערשלען אין שטוב איז נישטאָ קיין זכר פון קיין מעבל, פון קיין מאַשינען. אַפילו די געזעלן האָט מען אַהיימגעשיקט. זאָלן זיי זיך נישט פּלאָנטערן אונטער די פיס...

די גרויסע פירעקעכדיקע שטוב איז אויסגעשטעלט מיט טישן, מיט לאנגע בענק, וואָס מ׳האָט אויסגעבאָרגט פון בית המדרש, פון שכנים. אַ טייל זענען נייע, וואָס משה סטאָליאַר האָט צונויפגעקלאַפּט לכבוד דער חתונה.

אויף די טישן זענען אויסגעשפּרייט נייע ווייסע טישטוכער. ס׳שטייען אויף זיי אָנגעשטעלט אַלערליי גוטע זאַכן, לעקאַך און בראַנפן, און אַלערליי שטראַדלען, און פלאַדנס און האָניק לעקאַכער. ס׳שטייען אויסגעשטעלט שורות טעלער מיט געהאַקטע פיש. אויבן־אָן שטייט אַ טעלער מיט אַ גרויסן קאַרפּן קאָפּ פאַרן חתן, נאָך איינעם פאַרן רב. ס׳ליגט אַ ריזיקער קוילעטש, אַ גלאַנצנדיקער און אַ פרישער, אַ שמעקעדיקער. אינם אַלקער שטייט גרייט דאָס כלה־בעט מיט זיי בעטגעוואַנט, ס׳איז ווייס ווי שניי און פּוכיק.

גדליהו שניט קרעמער, אין וועמענס הויז הערשל האָט געוווינט, האָט אָפּגעגעבן זיין שענסטן זאַל פאַר די ווייבער און מיידלעך צום טאַנצן, אַ קלענער חדר אויף איבערצוטון זיך, און אריינצופּאַקן אַזויפיל מחותנתטעס וויפיל עס וועלן נאָר קענען אַריין כדי איבערצושלאָפן די נאַכט.

הערשל האָט די שענסטע באַלעבאַטים פון שטעטל פאַרבעטן. און זיי זענען געקומען. מיט קיין באַלמעלאַכעס און סתם „פּראָסטע מענטשן” האָט ער קיין מגע ומשא נישט געהאַט היינט.

ס׳איז שוין פאַרנאַכט. מ׳פירט שוין צוריק חתן־כלה פון שול הויף, ווו דער רב האָט מסדר קדושין געווען. אַ ים מיט קאָלירטע ליכט און מיידלשע הענט האָבן זיך געהוידעט, געוואָרפן די פלעמלעך, הין און צוריק, ווי זיי וואָלטן געטאַנצט אויף שרהקעס חתונה...

מאַנסביל כמעט אַלע אין אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, אין שטריימלעך, אין סאַמעטענע היטלעך אויף די קעפּ; יונגע ווייבלעך אין ממזריש פאַרקעמטע שייטלעך, אויסגעפּוצטע אין זייד און אין סאַמעט. מיידלעך און קינדער אַפילו טאַנצן „אהיים” פון דער חופה. ס׳פלאַטערן ווייסע סטענגעס און רויטע און בלאָע. און ס׳גלאַנצן די אויסגעצוואָגענע קעפּ. ס׳שימערירן גרינע און פיאָלעט־קאָלירטע פליטערלעך פון ווייבערשע קליידער און רעטאַנדעס — און פון קאַפּקעס, אַ ים מיט קאַפּקעס. ס׳שפּיגלט דער אַטלאַס פון מאַנסבילשע פּלייצעס.

אין שרהקעס גרויסע שוואַרצע אויגן ליגט אַ פריידיקע טרער. זי זעט אויס אַזוי קליין, אַזאַ פּיצלס, ווי אַ צוועלף יעריק מיידעלע איינגאַנצן געהילט אין ווייסן. די שוואַרצע דיקע האָר אירע, וואָס מ׳וועט מאָרגן אָפּשערן, זעען נאָך אויס שוואַרצער פון הינטערן ווייסן שלייער אַפּער. זי טראָגט אויפן קליינעם, ברוינעם, דאַרן פינגער אַחוץ דאָס בריליאַנטענע רינגל, וואָס הערשל האָט איר געקויפט צו די תנאים און איר געזאָגט, אַז די מחתנתטע האָט עס געקויפט — אַ ניי בלישטשענדיק גאָלדן קדושין־פינגערל. זי הערט גאָר נישט אויף קוקן דערויף. זי קוועלט. זי פרייט זיך, און האָט פולע אויגן מיט טרערן.

די יינגלעך הערשלס, חיים׳ל און יאָסעלע זענען אָנגעטון אין נייע אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, אין סאַמעטענע היטלעך, די פּנימלעך אָנגערויטיקטע, צוואַרעמטע, זיי טרעטן נישט אָפּ אויף קיין איין רגע פונם חתן.

ביי לייביש בעקער האָט מען היינט אויך געגרייט אַ חתונה. די שענסטע שטוב איז געווען פאַרפּוצט מיט פריש געוואַשענע פאַרהאַנגען מיט בלומען.

לייבישעס ווייב האָט תמיד ליב געהאַט אַוועקצושטעלן וואַזאַנעס אויף די פענצטער־ברעטלעך. איצט לכבוד דער חתונה, האָט זי ממש פאַרפלייצט די שטוב מיט בלומען און, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן פאַר אַזאַ גוי־אישקן אופן פון פאַרפּוצן די שטובן, האָט זי היינט גוט אויסגעשטויבט די רי־זיקע לאַנדשאַפט, וואָס זי האָט כלה־ווייז אויסגענייט און אויפגעהאַנגען עס פּונקט קעגנאיבער דעם טיש, ווו ס׳וועלן זיצן חתן־כלה, דער רב א.אז.וו.

אויף אָט דער קאַנוועס זענען די יידן אַרויסגעגאַנגען פון מצרים און מלאכים זענען דאָרטן געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ פון יעקבס לייטער און יוסף איז געזעסן אין פּרעה׳ס פּאַלאַץ און אים פּותר געווען דעם חלום מיט די זיבן פעטע און זיבן מאָגערע קי און אינמיטן דערינען האָבן זיך גאָר געפּאַשעט אַ סטאַדע ווייסע שעפּסעלעך אויף אַ גרין שטיק פעלד... אָט די לאַנדשאַפט האָט פאַרנומען אַ האַלבע וואַנט און זי האָט דערציילט, אַז לייבישעס ווייב איז אַ יידישע טאָכטער, כאָטש זי האָט ליב בלומען...

דער לאַנגער טיש אין מיט שטוב איז געשטאַנען אַ געדעקטער מיט כל־ערליי טייערע וויינען און ליאַקערן, מיט לעקאַך און בראַנפן און אַלערליי טייע־רע פּירות פון לייבישעס אייגענעם סאָד.

די ברעטער פון דער פּאָדלאָגע זענען געווען אַזוי ווייס ווי מ׳וואָלט זיי נישט אויסגעשייערט, נאָר אָפּגעהיבלעוועט.

דער בליך־לאָמפּ האָט געברענט העל, גורם געווען אַ גליען פונם ווייַן אין די גלעזערנע קאַראַפינקעס, אַ גלאַנצן פון זילבערנע גאָפּל־מעסער, אַ בלישטשן פון די בעכערלעך און פּסחדיקע כוסות, וואָס מען האָט היינט חמצ׳דיק גע־מאַכט לכבוד דער חתונה.

לייביש און נחמיה זענען ביידע געגאַנגען אָנגעטון אין שוואַרצע סורדוטן, יעדער מיט אַ ווייסער בלום אינם לינקן לאַץ. דאָס האָט לייביש געזען בשעת ער איז אַמאָל געגאַנגען זען אַ חתונה אין דער „דייטשער שול" אויף טלאָמאַצקע אין וואַרשע, ווו ער איז מיט יאָרן צוריק געווען אַ בעקער געזעלן. דער דאָזי־קער טראַכט האָט סיי לייבישן, סיי נחמיהן גאָר פיין געפּאַסט.

ביידע זענען זיי געווען גלייך אָנגעטון און אַזוי ענליך איינער צום אַנדערן, אַז ווען נישט דאָס, וואָס לייביש האָט שוין איצט געהאַט אַ פאַרשווירן געל בערדל און נחמיה איז געווען גלאַט ראַזירט און יאָרן יונגער פונם ברודער, וואָלט מען נישט דערקאָנט, ווער ס׳איז דער חתן.

אויבן־אָן ביים טיש איז געזעסן דער „רב", אַ ווינקל מורה הוראה וואָס ליי־ביש האָט אַראָפּגעבראַכט פון וואַרשע — אַ ייד אַ בעל מטופל, וואָס האָט „געאַרבעט" שווער, כדי צו קענען אויסהאַלטן דאָס ווייב מיט דער כאַלאַסטרע

קינדער קיין עין הרע. ער האָט נישט אַזוי געפּסק'נט קיין שאלות, ווי ער האָט דורכגעפירט שטילע חתונות דאָרטן, און גט'ן. און טאָמער האָט זיך געמאַכט אַ „שטילע" צייט, ס'זענען נישט געווען אַזוי קיין חתונות און קיינעם האָט זיך גראַד נישט פאַרגלוסט צו גט'ן, האָט ער נעבאַך פּראָסט און פּשוט געניט פאַר־טוכער. אָט די מלאכה האָט זיך דער „רב" אויסגעלערנט אין אַמעריקע מיט אַ סך יאָרן צוריק, פון וואַנען ער האָט זיך בשעת אַ קריזיס צוריק אומגעקערט קיין וואַרשע.

דער רב האָט געהאַט אַ ברייטע, צוקעמטע און פייערדיק רויטע באָרד, מיט אַ פּאָר דיקע פליישיקע רויטע ליפּן, אַ מויל ווייסע שטאַרקע ציין, אַ פול פליישיק פּנים און אַ פּאָר קלוגע בורשטין־קאָלירטע, גרויסע גלאַנציקע אויגן. אָבער קיין מזל האָט ער נעבאַך נישט געהאַט. זיינע לאָטערי־צעטעלעך האָבן קיינמאָל נישט געוווּנען. וואָס ער האָט געטון, איז אים געגאַנגען „מיט דער פּו־טער אַראָפּ". איז ער פּאַר אין ברירה שוין געבליבן אַזוי מורה הוראה אין דער אָרימער וואַרשעווער גאַס.

איצט איז ער געזעסן און פּונקט אַזוי אומגעדולדיק אויסגעקוקט די כלה, וואָס האָט געדאַרפט אין דער נאַכט פון שרהקעס חתונה, ווען זי וועט במילא זיין אויסגעפּוצט, אַרויסגליטשן זיך פון צווישן דעם עולם מיידלעך און וויב־לעך און — אַריבערקומען צו זיך אַליין, אויף איר אייגענער חתונה.

נחמיה האָט היינט ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן געביסן זיך די פינגער־נעגל, אַרומגעדרייט זיך הין און צוריק איבער דער פאַרפּוצטער שטוב און צום טויזנטסטן מאָל זיך אַליין געפרעגט: „וועט זי קומען, אָדער וועט זי אין דער לעצטער רגע פאַרלירן דעם מוט?"

טויבע איז אין אַ וואַכנדיקן מאַנטל איבערן יום־טוב'דיקן קלייד געקומען. אין שטוב איז געוואָרן אַ שמחה. מ'האָט זיך גענומען קושן, נישט בלויז מיט טויבן, נאָר די משפחה אַליין צווישן זיך. ס'האָבן זיך געקושט מאַנסבילן מיט ווייבער. טויבע האָט געגלאָצט, זי האָט נישט געוווּסט אויף וועלכער וועלט זי איז.

נאָר אײדער זי האָט צייט געהאַט רעכט אָפּצואָטעמען האָט מען אַ שטעל אַוועק געגעבן די חופּה. ווי פון ערגעץ נישט איז אויסגעוואַקסן אַ מנין יידן. און אײדער וואָס און ווען, האָט נחמיה שוין געהאַט נאָכגעזאָגט מיטן רב דעם „הרי את" און טויבע האָט שוין געטראָגן אויפן אויסגעשטאָכענעם וויַיז־פינגער אַ ניי בלישטשנדיק גאָלדן רינגל, פּונקט ווי איר שוועסטער שרהקע.

עס איז ווידער אַמאָל געוואָרן אַ געקושעריי... און מען האָט זיך געזעצט צום טיש פּראַוון די חתונה סעודה.

אוודאי וואָלט לייביש מער הנאה געהאַט, ווען ער וואָלט געקאָנט פאַר־בעטן אַ שענערן עולם, בפרט איצט, ווען ער איז אַריין אין אַזאַ יחוס — אַ

קליינקייט, משדך געווען זיך מיט אַ ר׳ הערשלען!... אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז די גאַנצע זאַך האָט געמוזט געמאַכט ווערן אין דער שטיל? אַפילו די אָ געסט זיינע האָבן נישט געוווּסט ביז דער לעצטער מינוט, צוליב וואָס לייביש האָט זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן זיין גרייט היינט אין אָוונט, געגעבן זיי אין דער האַנט אַריין און זיי געזאָגט, אַז זיי וועלן קיין חרטה נישט האָבן. אויך האָט קיינער פון זיי נישט געוווּסט, אַז אַחוץ אים האָט מען פאַרבעטן נאָך ניין אַזעל־כע יידן, ווי ער איז.

די גאַנצע זאַך איז אַזוי גיך אָפּגעטון געוואָרן, אַז זיי האָבן אַפילו איצט, נאָך דער חופּה שוין, זיך קוים אָפּגעגעבן חשבון, וואָס דאָ איז אַזוינס געשען.

נאָר ווען לייביש האָט זיי פאַרבעטן צום טיש מעשה מחותנים, האָבן זיי זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. זיי האָבן זיך צוגעכאַפּט צו די אַלע פיינע מאכלים, וואָס אַזוינס האָבן זיי זינט זיי לעבן נאָך נישט פאַרזוכט. זיי האָבן ממש פאַרשלונגען איין מאכל נאָכן אַנדערן, געמאַכט איין כוסה נאָך דער אַנ־דערער. לייבישן האָט שוין פאַרדראָסן, וואָס ער האָט געמאַכט אַ מאָלצייט פאַר זייערט וועגן.

— געווען געדאַרפט געבן זיי עטלעכע גילדן מער און זיי באַלד נאָך דער חופּה אַהיימשיקן, די „שנאָרערס“ — האָט ער געזאָגט צום ווייב, וואָס האָט סיי ווי געקוקט קרום אויף דער גאַנצער זאַך, הגם זי האָט זיך נישט אַקעגנגע־שטעלט. זי האָט נישט געוואָלט דער׳צערנ׳ען דעם מאַן. אויך איז זי — זינט דער שוואָגער האָט זיך געשמד׳ט — ביי זיך געווען שטאַרק געפאַלן, און זי האָט געהאָפט, אַז דאַדורך, וואָס טויבע, הערשלס טאָכטער, ווערט אירס אַ שוועגערין ווערט, פּונקט ווי זי פּנחס קצב׳ס אַ שנור, וועט אַביסל אויפהויבן איר אייגענעם כבוד.

דער אַלטער פּנחס איז געזעסן אויבן אָן לעבן חתן־כלה, לעבן רב, און, ווי תמיד, נישט אַרויסגערעדט קיין איינציק וואָרט, נישט פאַרזוכט פון די פיינע מאכלים, נישט פון די משקאות. ער האָט אינם נייעם מלבוש, וואָס לייביש האָט אים געלאָזט אויפנייען לכבוד דער חתונה, אויסגעזען פּונקט אַזוי אָרים, ווי תמיד. די האָר און די באָרד זענען געווען איין גרויסער קאָלטן.

די מחותנתטע האָט זיך בכלל נישט אַרויסגעזען. זי האָט קוים דערגרייכט דעם טיש, איז געווען איינגעשרומפּן, און, פּונקט ווי דער מאַן, אויסגעזען אָרים אינם נייעם מלבוש. די האָר נאָר זענען איר איצט געווען אינגאַנצן ווייס און זיי האָבן זיך איר אַרויסגעזען פונם נייעם זיידענעם טיכל, וואָס נחמיה האָט איר געקויפט צו זיין חתונה.

טויבע איז געזעסן נעבן חתן, שטיל און בלייך. און הגם אין שטוב איז גע־ווען געוואַלדיק הייס האָט זי כסדר געציטערט פון קעלט.

דער רב האָט געפּרווט משמח זיין די כלה. ער האָט איר אָנדערציילט מעשיות פון די שטילע חתונות, וואָס ער פירט דורך ביי זיך אין וואַרשע.

— און איר האָט געדאַרפט זען, ווי די כלות פילן זיך גליקלעך, ווי זיי פרייען זיך!

טויבע האָט זיך צעוויינט.

נחמיה האָט געהאַלטן איר האַנט אין זיינער, געפּרוּווט איר דערוואַרעמען מיט זיין הייסער האַנט. ער האָט זיך געבעטן רחמים ביי איר, זי זאָל זיך באַרויקן, נישט זיין אַזוי צושראָקן, אָנגעגאָסן איר אַיין גלעזל נאָכן אַנדערן, וואָס ער האָט סיי ווי אויסגעטרונקען, מחמת טויבע האָט עס קוים באַרירט מיט די ליפּן און צוריק אַוועקגעשטעלט.

פלוצים האָט זי זיך נאָך העכער צעוויינט, ווי אַ קליין קינד.

וועלוויל שטאָק דער דאַרפסגייער האָט זיך אַ שטעל אויף געטון אין זיין גאַנצער הויך, אַ קלאַפּ געטון אין טיש אַריין, אַז אַלץ אויפן טיש האָט געציטערט און אַ טויט שיכורער זיך צעשריגען:

— וואָס איז דער חידוש, אַז די כלה וויינט? איר טאַטן האָט נישט געפּאַסט צו קומען אויף איר חתונה, אויף זיין אייגענער טאָכטערס חתונה! עס פּאַסט אים נישט דער יחוס. אַ רוח אים אין זיין טאַטנס הינטישן זון אַריין! די חסידאַקעס האָט ער פאַרבעטן אויף דער חתונה, אונדז נישט. מיט אונדז שעמט ער זיך, דער שניידער־יונג! — האָט וועלוויל שיכורערהייט אויסגעגאָסן די גאַנצע ביטערקייט, וואָס ער טראָגט ביי זיך תמיד אין האַרצן לגבי די חסידישע יידן פון שטעטל.

— אַזאַ יאָר אויף מיר, וואָס פאַר אַ „נאַש בראַט" דו ביזט! גיב אַהער נאָך אַ כוסה, לייביש! — האָט ער געשריגען, און וועלנדיק אַ גוט־ברודערישן קלאַפּ טון לייבישן אויף דער פּלייצע, האָט ער אַ קלאַפּ געטון אין אַ פלאַש וויין אַריין און זי אומגעוואָרפן אַ צעבראָכענע אויפן טיש. ער האָט זיך צובלוטיקט די הענט.

ס'איז געוואָרן אַ גערודער. לייביש איז גראַד געווען אין קיך, איבערגערעדט מיטן ווייב, אַז ס'איז צייט צו ענדיקן די סעודה.

— אַז נישט, וועט מען פון זיי דערנאָך נישט קענען פּטור ווערן! — האָט לייביש געטראָפן.

די געסט האָבן גאָרנישט געוואָלט אַהיימגיין. זיי האָבן געהאַלטן אין איין טרינקען און שיכורערהייט זידלען און שעלטן.

— און דו לייביש, ביזט דען בעסער פון די חסידאַקעס? דו וואָלסט אונדז דען יאָ געוועען געבעטן אויף דיין טאָכטערס חתונה? — האָבן זיי שוין געפּלאַפּלט סתם אין דער וועלט אַריין.

אַ טייל זענען גאָר אַנטשלאָפן געוואָרן זיצנדיק ביים טיש. די מענטשן זענען געווען אויסגעמאַטערטע, מידע, פונם לעבן אַרויסגעוואָרפענע, דאָס גוטע עסן, און די גוטע משקאות האָבן זיי פאַרשלעפערט. זיי זענען געזעסן מיט די

קעפּ אַראָפּגעהאנגען און געשנאָרכט, געפּאטשט מיט די ליפּן, גערעדט פון שלאָף.

בנימן שניידער איז אַליין געקומען אויף טויבע׳ס חתונה. קיינער האָט נישט געוווּסט פון וואַנען ער איז געוווּיר געוואָרן. לייביש האָט אים אויפגענומען, ווי אַ גאסט, מכבד געווען אים מיט אַ טרונק, פארבעטן אים צום טיש.

נאָר בנימן האָט זיך נישט געוואָלט זעצן. ער האָט בלויז אויסגעטרונקן אַ גלעזל בראָנפן, געווונטשן מזל־טוב חתן־כלה, די מחותנים, און מיט אַ פיל זאָגנדיק שמייכעלע אויף די אלטע פארדארטע ליפּן, איז ער אַרויס און זיך געלאָזט גיין גלייך אויף שרה׳קעס חתונה...

דאָ זענען די ליכט אין די זילבערנע לייכטער שוין געווען גאָר נידריק. דער חלב האָט זיך געשמאָלצן. דער רב האָט גערעדט מכח דער דרשה מצד דעם חתן. ער האָט אים געלויבט אין טאָג אַריין:

— ר׳ הערשל, איר האָט ב״ה געקראָגן אַן איידים אַ תלמיד חכם — האָט דער רב לסוף פארענדיקט די רייד.

דער עולם האט זיך אויפגעשטעלט. זיי זענען געווען אביסל בגלופנדיק און זיי האָבן זיך געגרייט מאכן אַ רקידהלע די ווייבער פונם חתנס צד האָבן געווישט די אויגן און זיך זאכלינגעט פון נחת. די מחותנתטע, דעם חתנ״ס מוטער, האָט זיך אזש צעכליפּעט אויפן קול פון גרויס גדולה.

חיה ביילע האָט זיי אָנגעקוקט און גאָרנישט געזאָגט. אָבער אין הארצן האָט זי נישט געקאָנט פארטראָגן די מחתנתטע פאר אירע יחסנישע שטיק, וואָס זי פּראוועט.

פלוצלינג האָט זיך געעפנט די טיר און ס׳איז אַריינגעקומען בנימן שניידער, אַ שוואַרצער, אַן איינגעטריקנטער און אַ בייזער, ווי תמיד.

ווען הערשל האָט אים דערזען, האָט אים געגעבן אַ קלאַפּ אין הארצן: האַ, וואָס טוט ער עפּעס דאָ אינמיטן דארינען?

ער איז אויפגעשטאנען, איז צו אים צוגעגאנגען גאָר נאָנט, און אים געפרעגט, וואָס ער פארלאנגט. באלד האָט ער חרטה געקראָגן אויף זיינע אייגענע רייד. היינט וויל ער זיין גוט צו זיינע שונאים אַפילו. אַז גאָט האָט אים געהאָלפן, ער האָט דערלעבט אַזאַ נחת!

— פארקערט, אדרבה, איך בין צופרידן, וואָס איר זענט געקומען. אָט גיס איך אייך אָן אַ גלעזל וויין וועט מען טרינקן לחיים לכבוד מיין טאָכטערס חתונה — האָט הערשל גערעדט בלשון רבים, כדי צו פארווישן דאָס, וואָס ער האָט פוגע בכבוד געווען לגבי בנימנען מיט זיין פראַגע, וואָס ער פארלאנגט.

— זייט אייך נישט מטריח — האָט בנימן געזאָגט מיט אַ שמייכעלע — איך האָב שוין היינט געטרונקן לחיים אויף אייער יונגערער טאָכטערס חתונה. אזא יאָר אויף מיר, וואָס פאר אַ שיין פּאָר פאָלק זיי זענען פנחס קצב׳ס זון

אך אײער טאָכטער! װי פון גאָט אַלײן באַשערט... איך האָט װײזט אױס נישט געפּאַסט צו קומען אױף טױבע׳ס חתונה, פּנחס קצבס יחוס שטײט איך נישט אָן. בין איך געגאַנגען. מ׳קאָן דאָך נישט פאַרשעמען קײן ײדישע טאָכ־טער, נישט אמת, ר׳ הערשל?.. כ׳בין דאָס טאַקע געקומען װינטשן איך מזל טוב. איר האָט קײן עין הרע, מזל ר׳ הערשל. איר האָט געזאַמלט געלט אױף אײן אײדים און געקראָגן האָט איר צװײ!

הערשל האָט אים דערשראָקן אָנגעקוקט, בנימנען. ער האָט געמײנט, דער ײד איז פון זינען אַראָפּ — װאָס פּלאַפּלט ער עפּעס? טױבע, חתונה? — אָט האָט ער דאָך ערשט איצט געזען מיט זײנע אײגענע אױגן טױבע׳ן טאַנצן מיט די מײדלעך. דער מענטש איז רחמנא לצלן משוגע געװאָרן, השם ישמרנו!

— מזל טוב! מזל טוב! טאַנדטיך חסידאַקעס, טאַנדטיך! — האָט בנימן גע־נומען שרײען מיט באַנומענע קולות צו די ײדן אין די אַטלאַסענע קאַפּאָטעס מיט די שטרײמלעך, װאָס האָבן זיך דערװײל אָנגענומען אין אַ ראָד און אָנגעהױבן אַ רקידהלע.

— טאַנדטיך! ר׳ הערשלען קומט הײנט אַ טאָפּלטער מזל טוב. ער איז הײנט געװאָרן פּנחס קצבס מחותן. ער איז הײנט אַרײן אין טאָפּלטן יחוס!...

# זייגערס

ווי יעדן אָוונט איז היינט ווידעראַמאָל געשטאַנען די מיסעס דזשייקאָבס, אַן אָנגעטוענע שוין, מיט אַ ברוינע וואַליזע אין איין האַנט און אַ ווייסע וואָלענע קאָלדרע מיט בלויע פּאַסן אין די עקן, אין דער אַנדערער, און זיך געבעטן רחמים ביי דער טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, מיט אַ קורץ פּאַריסן נעזל און אַ פּאָר ליכטיק־בורשטין קאָלירטע אויגן — קלוגע, לאַכנדיקע אויגן, — אַז זי זאָל מיטגיין אין „שעלטער“ אַריין שלאָפן:

— קום מיט. פאַרקירץ מיר נישט די יאָרן. דו „ספּוילסט“ מיר די נעכט, מיט דיין עקשנות. היטלער זאָל אַזוי לעבן צי כ׳קען אַן אויג צוטון! אַ „גערל“ (אַ מיידל) האָט זיך איינגעשפּאַרט.

— מאַמע, כ׳על מיך נישט אַרומוואַלגערן אין קיין שעלטערס אַזוילאַנג, ווי כ׳האָב אַ „רום“ (שטוב) און אַ בעט ווו צו שלאָפן. כ׳האָב עס דיר שוין טויזנט מאָל געזאָגט! „גוד נייט, מאַמע, און גוד לאַק!“

די מיסיס דזשייקאָבס האָט פאַרביסן די ליפּן און איז אַרויס מורמלענדיק אַ תפילה צו גאָט, אַז ער זאָל באַהיטן און באַשיצן איר קינד, איר שלעכט קינד. און ער זאָל איר מוחל זיין, וואָס זי טוט אָן דער מאַמען אַזויפיל עגמת־נפש.

— אַ נאַריש קינד! ס׳פאַרשטייט נישט — האָט זי געפּרוווט אין דער מחשבה אויפוויזן דעם רבונו־של־עולם, אַז אייגנטלעך איז בעלא, די טאָכטער אירע, אַ גוטע נשמה, און דערפאַר טאַקע זאָל ער זי אָפּהיטן פון אַלעם בייזן. אַזוי טראַכטנדיק איז זי אַרויס דורכן גאָרטן־טירל.

דאָס פראָנט גערטנדל איז געשטאַנען אַן אָנגעפּיקעוועטס מיט קאָליר און געזאַנג. עס האָבן שטיל און איינגעהאַלטן דורכגערעדט זיך אויף זייער לשון — די פיל־פאַרביקע שפּעט זומערדיקע בלומען, באַגאָסענע מיט אַלט גאָלד זענען זיי געשטאַנען איצט „פוסט און פּאַס“ און קיינעם מער קיין נוצן נישט געבראַכט. קיינער האָט זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט; זייער פאַרפאָרמירנדיקן ריח נישט איינגעאָטעמט. די תמיד פאַרשניטענע, אָפּגעקיילעכיקטע בוימלעך האָבן פון די אייזערנע ראַמען זיך געריסן, זיך אַליין איבערגעוואַקסן און זיך געחידושט וואָס קיינער קימערט זיך נישט מער וועגן זיי, אַפילו נישט בעלאַ.

דאָס געסל האָט, ווי ערב יום־כּיפּור צו כּל־נדרי אויסגעזען — טרויעריק שיין און מאָדנע שטיל.

מיסעס דזשייקאָבס האָט זיך געשאַרט אויפֿן לײדיקן טראָטואַר מיטן גע־פּעק אין ביידע הענט, שווער געפּראַכט און געזיפֿצט.

אַ שכן האָט פֿאַרבייגעאײלט, בחפֿזונדיק צוגערופֿן דער שכנטע אַן „אַל די בעסט״ (אַלדאָס גוטס) און איז ווי אַ וויכער פֿאַרשוווּנדן. געלאָפֿן פֿאַרכאַפּן אַ קריש אָרט אין אַן אונטערגרונט־סטאַציע, אַז נישט קען אויסקומען איבערצו־שלאָפֿן אַ נאַכט שטײענדיקערהייט.

די מיסעס דזשייקאָבס איז געווען פֿאַרטיפֿט אין מחשבות און אים נישט געענטפֿערט. אָבער זי האָט זיך באַלד געכאַפּט און אים געפּרוּווט אָניאָגן. פּונקט ווי ערב יום־כּיפּור צו כּל נדרי, האָט זי נישט געוואָלט היינט, קײנעמען פּוגע בכבוד־זײַן.

— „אַל די בעסט״! — האָט זי אַרײַנגעשריגן אין דער שטילער לײדיקײט אַרײַן.

בעלא איז געלעגן אין איר מיידעלש בעטל און צוגעהערט זיך צום ברילן פֿון די נאַצי־עראָפּלאַנען, צו די טעמפּע, ווײַטע קלעפּ פֿון די קאַנאָנען, וואָס זע־נען געוואָרן אַלץ בולטער, אַלץ נענטער. צוגעהערט זיך צום פֿײַפֿן פֿון די באָמ־בעס, וואָס זענען שוין איצט אַראָפּגעקומען איבערן אייגענעם דאַך כּמעט — און האָבן פֿאַלנדיק, טיילמאָל, ווי קליינע קינדער געוויינט, טיילמאָל ווי משוגע געוואָרענע הינט געוואָיעט. זי האָט געזען דורכן פֿענסטער ווי דער הימל ברענט. און ווי מ׳וואָלט אַ גאַס געטון אַ פֿאַס נאַפֿט אויף אַ ברענענדיקער גע־ביידע האָט אויפֿן אָנגעצונדענעם הימל אויפֿגעבליצט נאָך אַ פֿײַער, באַלויכטן איר מיידעלש שלאָף חדר׳ל, איר בעט. זי האָט זיך דערפֿילט אויסגעשטעלט צו הפֿקרות, טיפֿער אַרונטערגערוקט זיך אונטער דער זײַדענער קאָלדרע און מיט מוראדיקער נײַגעריקייט צוגעקוקט זיך צום שפּיל — און אַפֿילו געכאַפּט אַ דרימל. אין אַ ווײַלע אַרום צוריק זיך אויפֿגעכאַפּט און זיך גע׳חידוש׳ט:

— המ־מ־מ... געשלאָפֿן גאָר? אַ שיינע מעשה!

פֿאַרטאָג, ווען די סירענע האָט אויסגעפֿײַפֿט דעם „אַל קליער״, האָט בע־לאַ געחלשט ממש איבערצודרייען זיך אויף דער אַנדערער זײַט און אָוועק־שלאָפֿן אַזוי כאָטש אַ גאַנץ לעבן... אָבער ס׳האָט אויף איר געוואַרט די ביורא. זי איז געשלאָפֿן אפֿשר אַ שעה אַנדערהאַלבן און איז פּונקט ווי יעדן אַנדערן פֿרימאָרגן צו דער מינוט און צו דער רגע, פּונקט אַכט אַזייגער שוין געווען אַ האַלב אָנגעטוענע אונטן אין דער „מאָרנינג רום״. פּונקט ווי יעדן אַנדערן פֿרימאָרגן ס׳ערשטע געגעבן דער קאַץ אַ טעלערל מילך. צוגעשטעלט טיי און זיך גענומען מאַכן די איבונגען.

— איינס! צוויי! די פֿיס גלײַך! די קניען נישט אײַנבויגן! די הענט ביי די היפּטן: איינס! צוויי! — האָט די דאַמע אין ראַדיאָ־קאַסטן אויסגעזונגען. די מוזיק האָט געשפּילט. אויפֿן גאַז־אויוון האָט היימיש אונטערגעזונגען דער טשײַניק.

בעלא האָט זיך געפּלושקעט אינעם קאַלטן וואַסער, אויסגעלייגט זיך די בורשטינערנע לאָקן. אינעם מאַנטל שוין, האָט זי מיטן וואַליזקעלע אין דער האַנט פאַרענדיקט טרינקען די „קאַפּ אָף טי" און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— גייסט שוין אַוועק?

זי האָט דערזען די מוטער, אַן איינגעהילטע אפשר אין אַ טוץ מאַנטלען, מיטן געפּעק אין ביידע הענט.

— אַ שיינע נאַכט געווען! אויף היטלערן אַזאַ מזל! אסור, צי כ'האָב געקאָנט אַן אויג צוטון! ווי אַ מיידל האָט דאָס נישט קיין איינזעעניש!

בעלא האָט געלאַכט.

— גוד באַי, מאַמאַ, ס'איז שפּעט. זע, — האָט זי אויסגעשטרעקט דאָס ווייסע שמאָלע הענטל מיט די לאַנגע, רויטע פינגער־נעגל. זי האָט געוואָלט דער מאַמען אַ קוש טון, נאָר מער ווי צוויי רויטע, פייכטע אויגן האָט מען ביי איר נישט אַרויסגעזען. אַזוי פאַרהילט איז זי געווען. האָט זי אויסגעקושט דעם בלאָען, וואַליטשקענעם שאַליק, וואָס זי, בעלאַ, האָט טאַקע אַליין אויסגעשטריקט, כדי די מוטער זאָל האָבן מיט וואָס זיך צו באַשיצן קעגן ווינטן, אונטן אין אונטערגרונט, בשעת עס פאָרט פאַרביי אַ צוג, און זי איז אַרויס.

דאָס פראָנט־גערטנדל איז איצט געשטאַנען איינגעהילט אין העלער, זילבערנער זון. די בלומען האָבן זיך געוואָרעמט און געטריקנט פונם ביינאַכטיקן טוי. בעלא האָט אָפּגעריסן אַ בלום, פאַרשטעקט זי אין לאָץ. אויף אַ בלעטל האָט אַ זילבערנער טראָפּן אַ ציטער געטון, און איז פאַרשוווּנדן.

צוזאַמען מיט דער בלום האָט בעלא אויפגעהויבן אַ שטיק גראָען שטאָל, אַ שפּיציקן, מיט אַ סך שאַרפע קאַנטן און וואָרעם נאָך. זי האָט עס אַריינגעפּאַקט אינעם עלעגאַנטן האַנט־בייטל, כדי צו ווייזן עס אין ביוראָ.

— ס'וועט זיין אַ „סאָוועניר" — האָט זי אַ זאָג געטון און זיך אַוועקגעאיילט צום אָמניבוס.

די ערד איז געלעגן אַ צעפּאַלמעסטע, אַ נאַסע. די קאַנאַליזאַציע־רערן האָבן פון איר אַרויסגעשטאַרט, ווי קישקעס פון אַן אויפגעשניטענעם בויך.

נאָכדעם, וואָס דער אַנגעפּיקעוועטער אָמניבוס האָט זיך אַ לאַנגע צייט ארומגעשלעפּט איבער אלערליי זייטיקע וועגן, (מחמת אלע גאַסן זענען געווען אָפּגעצוימט מיט שטריק און טאַבלעטקעס מיט אויפשריפטן:

„סכנה! (דורכפאָר פאַרבאָטן!) — האָט ער זיך לסוף אָפּגעשטעלט.

— גוט מאָרגן! איר דערקאָנט דאָס אָרט, ווו אונזער הויז איז געשטאַנען? — האָט דער באַלעבאָס זי באַגעגנט אַ פריילעכער. ער האָט זיך געריבן אַ האַנט אָן אַ האַנט און אין גאַנצן געשיינט.

— פינף מינוט נאָך דעם, וואָס איך בין אַרויס, איז עס געשען. כ׳בין גראד געזעסן שפּעט נעכטן ביינאַכט. געוואָלט ברענגען רעכענונגען אין אָרדנונג. האָבן מיר נישט אַ גוטן גאָט? עי? איר ווייסט וויפיל מענטשן עס זענען דאָ דערהרגעט געוואָרן?

בעלאַ האָט אויפגעהויבן די אויגן. פּלוצלינג האָט זי אַזאַ ציטער געטון, אַז דער באַלעבאָס האָט זי קוים דערהאַלטן אויף די פיס מיט זיינע צוויי גרוי־סע, שווערע הענט.

אין דער אָפּגעמעקטער גאַס, צווישן בערגער ציגל, ערד, צעבויגענע איי־זערנע בעלקעס, גלאָז, רויך און פאַרשטיקטע פייערלעך, וואָס די פייערלעשער האָבן גאָרנישט געקאָנט גובר זיין — האָט הויך און רעגלמעסיק געטיקט דער זייגער פון זייער בוראָ, וואָס איז זיך געבליבן הענגען אויף דער איינציקער פאַררויכערטער, שוואַרצער וואַנט, געגאַנגען זיך זיין מאָנאָטאָנעם גאַנג, ווי־ברירט, ווי אַ לעבעדיקער אויף אַ בית־הקברות.

— טיק־טאָק! טיק־טאַק!

בעלאַ האָט נאָך אַמאָל אַ קוק געטון אויף דער פינסטערער וואַנט, דער־זען דעם זייגער מיט אַזויפיל אימה אין די אויגן, אַז דער באַלעבאָס האָט זיך פאַר איר דערשראָקן. אויפן וועג אַהיים האָט זיך דערהערט דאָס מרה׳שחורה־דיקע אויסגעצויגענע פייפן פון דער סירענע.

דער אָמניבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט. בעלאַ האָט אַפילו נישט אין זינען געהאַט צו גיין אין קיין שעלטער אַריין. פּלוצלינג, נישט ווּיסנדיק וויאַזוי עס איז געשען, האָט זי זיך דערזען צוזאַמען מיט די אַנדערע פּאַסאַזשירן אין אַ קעלער פון אַ קירכע.

אויף נידריקע בענקלעך, קעסטלעך און שטיינער, זענען געזעסן אַלטע, חושכדיקע פרויען, עפּעס געדזשאַמדזשעט מיט אָנצייניקע מיילער, געשמייכלט מיט פאַרלאָשענע, טויטע אויגן, און מיט שוואַרץ־אָדערדיקע, דאַרע הענט גע־שטריקט זאָקן און הענטשקעס פאַר די „בויעס“ (זעלנער).

די לופט אונטן אין קעלער איז געווען גרוי און נעפּלדיק און געשמעקט מיט קעלט, שימל און קבר.

די עלטערע קינדער, וואָס די „וואָרדנס“ אין די בלויע פאַרטוכער מיט די זילבערנע קנעפּ האָבן געהאָלפן אַראָפּפירן, האָבן זיך צעוויינט. די באַטעריע לעמפּלעך, וואָס האָבן געברענט טונקל און מרה־שחורהדיק, האָבן מער שאָטן ווי ליכט געשפּרייט. די פרויען האָבן גאָרנישט אויפגעהערט צו שטריקן.

— וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? — האָט איינע פון די ווייבער אָנגעהויבן רעדן צו בעלאַ׳ן.

בעלאַ האָט אַ ציטער געטון. איר האָט זיך געדאַכט, אַז דער זייגער האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן צו רעדן. זי האָט זיך אַזאַ וואַקל געטון, אַז די אַלטיטשקע האָט איר אַזש געפּרוווט דערהאַלטן אויף די פיס.

— זעצט זיך — האָט זי זיך שווער אָפּגערוקט און אָנגעבאָטן בעלאַן אַן אָרט נעבן זיך אויף אַ מצבה.

בעלאַ האָט זיך אַרומגעקוקט. זי האָט ערשט איצט דערזען, אַז דאָס אָרט איז אָנגעפּיקעוועט מיט מצבות אַלערליי: גרויסע בכבודיקע, הויכע, נידריקע, גלאַטע, געשניצטע, גאָר קליינטשיקע, קינדערשע מצבהלעך, און אַלטע מיט מאָך באַוואַקסענע גרינע מצבות. זי האָט אויפגעשוידערט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט די ווייבער, מיט די געלע צעקוועטשטע פּנימער, מיט די טרויעריקע שמייכעלעך אין די פאַרלאָשענע אויגן, וואָס דזשאַמדזשען כסדר מיט די אָנצייניקע מיילער, זענען אין דער אמתן טויטע ווייבער, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון די קברים און זיך אַוועקגעזעצט אויף זייערע אייגענע מצבות שטריקן זאָקן און הענטשקעס פאַרן טויט... זי האָט זיך גענומען שאַרן צו דער טיר.

— וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן? — האָט די אַלטע ווייטער גערעדט צו בעלאַן — איר זענט אויפן ריכטיקן אָרט. טאָמער טרעפט דאָ עפּעס, וועט איר צומאָל נישט דאַרפן האָבן קיין לויה — האָט זי זיך געחכמה׳ט, די זקנה — מיר זיצן דאָ אָפּ גאַנצע נעכט און האַלבע טעג — האָט זי אַלץ גערעדט — די לופט איז דאָ נישט קיין גוטע, דערפאַר אָבער איז מען דאָ זיכערער מיטן לעבן — האָט די אַלטע פאַרזיכערט, און האָט זיך צוריק באַקוועם געמאַכט אויף דער מצבה; אַלץ שמייכלענדיק מיט איר טויט־שמייכעלע אין די טויטע אויגן.

בעלאַ איז אַרויס אויף דער גאַס. אין דרויסן האָבן זיך געהערט קראַכן און טעמפּע שיסערייען. זי האָט פריי אָפּגעאָטעמט, אַריינגעצויגן אין זיך די פרישע, קילע לופט און אַוועקגעלאָזט זיך אַהיים צופוס.

דאָס פראָנט־גערטנדל איז ווידער אַמאָל געשטאַנען אַ לעבעדיקס, אַ שמעקעדיקס, באַגאָסן מיט גאַנצע כוואַליעס גאָלד. זי איז אַריין אין שטוב. קיינמאָל איז איר די שטוב נאָך נישט אַזוי טייער געווען ווי איצט.

פּלוצלינג האָט זי דערזען אויף דעם קאַמין דעם זייגער, זייער אַלטן, היימישן זייגער און די מוטער — מיטן געפּעק אין ביידע הענט — גרייט, פריער ווי אַלעמאָל, אַוועקצוגיין אין שעלטער אַריין.

— וואַרט, מאַמע, כ׳גיי מיט. וואַרט, וואַרט, וואַרט! כ׳האָב מורא פאַר — פאַר די זייגערס. — האָט בעלאַ געזען נישט איינעם נאָר הונדערטער זייגערס אַרום זיך. אַלע זענען זיי געשטאַנען, נישט אויפן קאַמין, אויף זייער קאַמין, וווּ אַ העל פייער האָט געשפּריט היימישקייט, פריילעכקייט און נאָנטקייט, נאָר

אויף מצבות; אויף אלטע, גרינע מיט מאך באַוואַקסענע מצבות און האָבן עפּעס געֿרעדט צווישן זיך, געמורמלט אויף אייגענע, אומפארשטענדלעכע לשונות...

— וואַרט, מאמע, וואַרט! וואַרט!

די מיסעס דזשייקאָבס האָט ברייט פאנאנדערגעעפנט די רויטע, פייכטלעכע אויגן, נישט פארשטאנען וואָס די טאָכטער מיינט און אָפּגעגעבן אַ לויב דעם רבונו־של־עולם וואָס זי איז קלוגער געוואָרן, דאָס מיידל, און זי פארשטייט שוין, אַז זי דארף מיטגיין אין שעלטער אַריין שלאָפן...

# בליטץ

אויסגעצויגן, שווער און מרה־שחורהדיק האָט ווי אַ קלאָג־ליד אויסגעזונגען איר אָנזאָג — די סירענע.

די איינוואוינער פון אַרום די דאָקס האָבן אַפילו קיין צייט נישט געהאַט רעכט איבערצושרעקן זיך.

„פלוצלינג, ווי פון הימל אַראָפּ, איז עס געקומען“... — האָבן די מענטשן פון דער מזרח זייט לאָנדאָן דערנאָך דערציילט.

דער הימל האָט זיך געהאַט אויסגעברייטערט איבער דער שטאָט מיט אַ רחבותדיקייט, מיט אַ קלאָרקייט, ווי ער וואָלט געלעגן ערגעץ איבערן אָריענט און נישט איבערן כמעט תמיד טריפנדיקן, פאַרנעפּלטן לאָנדאָן — איבער דער שטאָט, וואָס באָדט זיך כסדר אין סאַזשע, רויך און חושך; איבער מענטשן טרוקענע, בלייכע, איינגעהאַלטענע, אין זיך פאַרשלאָסענע, און אויסגענאָגטע פון דער כסדרדיקער פייכטקייט.

די זון האָט זיך געגאָסן אַ קאָכעדיקע איבער דער שוואַרצער שטאָט, אויפגעדעקט — ווי תמיד אין סעפטעמבער טעג — דעם גאַנצן אָנגעזאַמלטן ברוד, וואָס איז זיך דאָ געלעגן יאָר איין, יאָר אויס. אין די געסלעך, אויף די פלאַך־פּנימדיקע הייזלעך, אַלע געבויט אויף איין שטייגער.

אַ העלע, אַ צעפּראַלטע, האָט זי זיך געגאָסן, די זון, אויפגעזוכט ביי אָרימע מענטשן אַלע קנייטשן און קנייטשעלעך: אַלע שוואַרצע שפּעלטעלעך, די דינסטע הערעלעך אויף גאָמבעס און בראָדעווקעס, אַלע שעקעס און בלאָע ליפּן ביי אַלטע און מיטליעריקע גויעס, וואָס האָבן זיך גראָד געהאַט אַרויסגעלאָזט מיט קאַשיקעס און טייסטערלעך — נאָר וואָס אָפּגענומענע „ווידזשעס“ (שכירות) אין די הענט, כדי איינצוקויפן דעם „וויק ענד דזשאָינט“ (פלייש לכבוד זונטאָג).

ס'איז געווען אין אַ שבת נאָכמיטאָג. פאַרשפּעטיקטע גויעס און אַזעלכע וואָס אַרבעטן אַ גאַנצע וואָך, זענען געלעגן אויף די קני און אָפּגעווייסט מיט אַ מין ליים די שוועלן ביי די שמאָלע הויז־טירן, געפּוצט די מעשענע קלאָפּערס, וואָס האָבן אויפגעכאַפּט די שטראַלן פון דער זון, און זיך אַליין אויך צעשטראַלט.

אין די נידריקע, ברייטלעכע פענסטער מיט די אַריינגעקיטעוועטע שייב־

לעך אין געקעסטלט האַלץ, וואָס האָט שוין לאַנג ווי קיין האָלץ נישט אויסגעזען, נאר גיכער ווי אַלט פאַרראָסטעט בלעך, וואָס שיילט זיך און קרישלט זיך, האָבן אין זייערע שטייגלעך, אַרומגעהאָפּקעט די קאַנאַריקלעך.

זאַטע, דורכגעוואַרעמטע פון דער ליכטיקער זון, האָבן זיי זיך צעזונגען, ווי ס׳וואָלט גאָר קיין מלחמה אויף דער וועלט נישט געווען.

קעץ זענען געזעסן אויף הינטערשטע לאַפּקעס און מיט אַזויפיל חידוש אין די אויגלעך צוגעקוקט זיך צו דער אַרבעט פון די באַלעבאָסטעס זייערע, אַז ס׳האָט זיך געדאַכט אָט וועלן זיי אַ פרעג טון, צוליב וואָס וויסן טיר־שוועלן און פוצן קלאַפּערס איצט, אין מלחמה צייט, ווען ס׳איז פאַראַן אַזויפיל נויטיקערע אַרבעט צו טון...

יידישע ווייבער, אויסגערוטע שוין, זענען געזעסן דרויסן נעבן די הייזקעס, איבערגערעדט מיט שכנטעס מכּת דער מלחמה, מכּת זייערע זין, וואָס זענען שוין אין דער אַרמיי און מכּת די, וואָס מ׳עט באַלד איינרופן כּדי צו העלפן באַשיצן ענגלאַנד און ראַטעווען די וועלט פונם משוגענעם אכזר.

מאַמעס האָבן געזיפצט און זיך פאַרזיכערט איינע דער אַנדערער, אַז מיט גאָטס הילף וועט ער איינעמען אַ מיתה־משונה, היטלער.

מאַנסבילן זענען צוליב דער היץ געזעסן אין בלויזע העמד־אַרבל, געריטן אויף קיך בענקלעך און אַריבערגערעדט צו שכנים, אַז ס׳איז אַן עבירה די רייד, אַז וואָס מער מ׳שעלט אים, היטלערן, אַלץ שטאַרקער ווערט ער... און האָבן אַליין אויך אַריינגעוואָרפן אַ קללה.

— אַ שוואַרצן סוף וועט ער סאַי ווי האָבן!

— וואָס דען? הימל און ערד האָבן געשוווירן, אַז אַ וועלט זאָל נישט אונטערגיין — האָט דער אַלטער אייבראַמס, אַ ייד אַ בן־תּורה, אַ זאָג געטון און פאַרמאַכט דעם עין־יעקב.

און דער הויכער סיימאָן, אַ יידישער „באָקסער", האָט געמאַכט אַ פויסט:
„מיר וועלן אים ווייזן", האָט ער געקוועטשט די האַנט און באַוויזן פינף ווייסע קנאַכן, וואָס קענען מיט איין קלאַפּ עמיצן אָוועקממיתן...

„אָוו קאָרס" (אַוודאי), „אַ וועלט וועט נישט אונטערגיין" — האָבן זיך יידן געטרייסט און די זון האָט זיך אַריינגעגאָסן אין די קנייטשעלעך, שמייכעלעך, פון די שבתדיקע פּנימער, און אין די שמאָלע, שמאָלע פעדערהייזלעך, דורך האַלב אָפענע טירן פון הייזער, וואָס האָבן גיכער ווי שוואַרצע קאַסטנס אויסגעזען.

— ס׳אַ שיינע וועלט... מ׳וואָלט געקאָנט לעבן נאָר מ׳לאָזט נישט — האָבן מאַמעס געפרוווט אָפּווישן אַ פאַרעקשנטע טרער, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אַוועקווישן, כּסדר געהאַלטן זיך אינם טיפסטן קנייטש פונם אָנגעדראָלענעם טרערן־זעקעלע.

צעשטראלטע מיידעלעך אין זייד און אין אטלאס זענען געשפּרונגען איבער שטריקלעך, געיאָגט זיך אויפן ברוק, געוואָרפן מיט די שלענגלדיקע לעקעלעך, מיט וועלכע בריהשדיקע מאמעס האָבן געפּרווט איינע די אנדערע איבער־טרעפן.

און די זון האָט זיך אַריינגעגאָסן אין אַלע לעכער: צעלייגט זיך הינטער אַ מלבושים־האלטער, אויף אַ שטיקל אָפּגעקראָכן מעבל אין אַ שבתדיקער שטוב. אויף אַ ביסל גרינע עפּלעך, אַ ביסל פאַרטריקנטע פּיעטרישקע, אַ פּאָר גערינצלטע פּאַמידארן (טאָמאַטן), אַ קרענצל קנאָבל אין אַ קרעמל. אויסגע־לייגט זיך אויף די בלאָע פּאַסן פון אַ זיידענעם טלית, אַריינגעוועבט זיך אין אַ בינטל ציצית אַריין. געוואָרעמט און באַהעלט דאָס לייש־גאָלד פון די סידורים, מחזורים און אלערליי תחינות פון אַ שכנותדיק ספרים־געשעפט; אַרונטער־געגנבעט זיך אינם סאַמע הינטערגרונט, נישט פארשעמט דאָס „בריוועלע דער מאַמען", „ראָזשינקעס מיט מאנדלען", אלערליי גראַמאָפאָן פּלאטן און פּסחדיקע הגדות, וואָס זענען איצט, צוליב די אָנקומענדיקע ימים־נוראים געלעגן פּאַר־שיבט אָן אַ זייט און געטוליעט זיך אונטער אַ וואַרימער דעק שטויב.

בחורים און מיידלעך האָבן זיך געגרייט אַרויסצוכאַפּן פון די ענגע געס־לעך, וואָס האָבן צוליב דער היץ געשמעקט מיט צוגעפוילטע פּירות, צוגע־ברענטע הויזן, (פון די שניידערשע שאָפּקעס) פּערדס טינוף און שטאל; אַוועק־לאָזן זיך אין יענעם טייל לאָנדאָן, וווּ גאַסן פארקריכן זיך נישט איינע אין דער אַנדערער אַריין, שניידן זיך נישט אַלע אָפּ ביי קאָמערשל רויד, און בלייבן שטיקנדיק זיך אין זייערע ד' אמות; אַוועקלאָזן זיך אין יענעם טייל לאָנדאָן, וווּ גאסן זענען ברייט און רחבותדיק און שיין — אַפילו איצט, ווען פענסטער־שויבן זענען כסדר פארקלעפּט מיט ברוינע פּאַסיקלעך פּאַפּיר, און גראָע זאמד־זעקלעך זענען אָנגעהויפנט ארום פרעכטיקע געביידעס, פאַרשטעלן האלבע שוי־פענסטער.

יונגוואָרג איז געווען אויסגעפּוצט. מיידלעך האָבן קיין איינציק לעקעלע נישט פארפעלט אויסצוגלעטן, קיין פינגער־נעגל אָפּצופארבן. בחורים האָבן ממש געבאָדן די קעפּ אין „ברילִיאַנטין" (פּאַמאַדע), די הויזן־קאַנטן שאַרפער פון שאַרף געמאַכט. נישט געטראַכט אַפילו מכח דעם, וואָס מ'עט באַלד אַליין דאַרפן אוועק אויפן פראָנט. פאַרקערט, זאָל מען נאָר אַ רוף טון!

— אוי, וועלן מיר זיי „היטן" (קאַטעווען) — האָט יונגוואַרג געוואָרט שוין אויפן טאָג, ווען מ'עט קענען די הענט פאַנאַנדערנעמען. אין די פּלאַכן האָט געביסן ממש. דער חשק צו שלאָגן די נאַציס האָט געברענט אין די יונגע, יידישע הערצער. נאָר דערווייל, ביז מ'עט רופן, איז חי געלעבט...

— אוי־אוי־אוי — האָט די סירענע געקלאָגט און געבעטן זיך רחמים ביי יונגוואַרג, אַז זיי זאָלן נישט גיין, אַז עס איז אַ סכנה... און אײדער נאָך זי

האָט אויפגעהערט יאָמערן, די סירענע, האָבן זיך דערהערט קראַכן צוזאַמען מיט אַ געברילעריי פון הונדערטער עראָפּלאַנען, וואָס האָבן געגלאַנצט אין דער זון, אָנגעפילט דעם הימל מיט שטאָלענע רויב־פייגל. — — קראַך, טראַך! — און עס שיטן זיך שוין די שוואַרצע הייזקעס, ווי בערגער פאַנאַנדערגעוואָרפענע שפּענדלעך זען זיי אויס. עס שטיקט דער שוואַרצער רויך, וואָס ציט זיך אַהער פון די ברענענדיקע געביידעס אין די דאָקס.

איידער וואָס און ווען שטייען שוין לאַנגע הייזער העלע, ליכטיק צעצונדענע. אין אַלע פענסטער טאַנצן פלאַמען אַ שדים־טאַנץ. זיי שטעקן אַרויס פייערדיקע צונגען, לעקן, שלינגען, זען אויס טייוולאָניש שיין — אומהיימלעך שיין און פריילעך. עס וואַלגן זיך פלאַמען פון אַלערליי קאָלירן — גרינע, רויטע, געלע, אָראַנזש — אַ פאַרבן־שפּיל אַזאַ, וואָס רייצט זיך מיטן מענטש, מאַכט זיך לוסטיק איבער זיין חורבן, און פאַרברענט דאָס צוגעגרייטע עסן אויפן ווינטער אַרויס, וואָס מאַטראָזן האָבן מיט העלדישער הפקרות אַריבערגעבראַכט. איינגעשטעלט דאָס לעבן, כדי צו פאַרזאָרגן דאָס לאַנד, וואָס האָט זיך נישט פאַרזאָרגט מיט קיין אייגענע רייפע קאָרנפעלדער, מיט קיין אייגן ברויט, ווי ס'האָבן אַנדערע מדינות — מיט עסן.

אויף דער טעמזע שטייען די באַרזשעס אָנגעצונדענע, זען אויס ווי פייערדיקע בערגלעך. באַלד ברענט, דאַכט זיך, די טעמזע אַליין. די טעמזע און דער הימל — צוויי בלוטיקע ימים.

אין די געסלעך פליען די מענטשן סתם אין דער וועלט אַריין. שלעפּן מיט זיך אייגענע און פרעמדע קינדער — שרייענדיקע און פאַרשטומט געוואָרענע קינדער, זוכן זיך צו ראַטעווען, קענען קיין וועג נישט געפינען. אומעטום לויערט דער טויט. אומעטום פאַלט גלאָז, פאַלן ציגל, פאַלן דעכער, פאַלן גאַנצע הייזער — מיט אַמאָל. באַגראָבן אונטער זיך לעבעדיקע מענטשן, פרויען און קינדער.

די געשרייען פון די לעבעדיק באַגראָבענע, דאָס קרעכצן פון די פאַרוווּנדעטע ווערט דערשטיקט פון די, וואָס זענען גראַד דרויסן און ווילן נישט אָפּטרעטן פון די צעפאַלענע הייזקעס. מיט הפקרדיקער עקשנות גראַבלען זיי אין פייער, ווילן מיט די בלויזע הענט אַוועקשאַרן ברענענדיקע „דעבריס", שטיקער קאָכעדיקע ערד, געבויגענע אייזערנע בעלקעס, אָנגעגליטע פון דער היץ. ווילן אַרויסקריגן די לעבעדיק באַגראָבענע און ווערן אַליין באַגראָבן.

די יללות אַרום די חורבות, ווו ס'ליגן שוין באַגראָבן אייגענע מאַמעס און טאַטעס, אייגענע קינדער, משפּחה און שכנים, זענען ביטערער פון ביטער.

— און ווו איז גאָט? — פרעגט דעם אַלטן אייבראַמס ווייב און הויבט אויף די אויגן צום אָנגעצונדענעם הימל.

נאָר אַ באָמבע טוט איר אַ שליידער אַוועק. זי בלייבט ליגן מיט דעם שייטל

אין דער פארקוועטשטער האנט און פרעגט מער קיין קשיות נישט...

דער הויכער סיימאָן, וואָס האָט נישט אָפּגעטראָטן אויף קיין איין איינצי־קער רגע, געהאלטן אין איין אַרויסקריגן מענטשן פון אונטער די חורבות אָפּער, איבערגעגעבן זיי צו דער גיכער הילף צעקאַליעטשעטע, צעבלוטיקטע אָדער טויטע, איז פּלוצים ווי משוגע געוואָרן פון די אומברחמנותדיקע היר־זשערייען מצד די פערד אין די פארשלאָסענע שטאַלן אין דאָק־לאַנד. ער האָט געלאָזט אַלץ אויף הפקר און איז — טרעטנדיק איבער טויט און לעבן אַוועק.

ער האָט זיך געוואָרפן אין פייער אַריין, אויפגעריסן די שטאַלן און אַרויס־געלאָזט די פערד, וואָס האָבן ווי שטיקער שטום אומגליק אויסגעזעען.

די ווילד־געוואָרענע פערד האָבן זיך אַ לאָז געטון איבער די געסלעך, גע־טראָטן און געשטויסן אַלץ אין וועג. באַלד זענען זיי — צום טויט אָפּגעבריטע שוין און פונם רויך דערשטיקטע — געפאַלן אין מיטן לויפן, געבליבן ליגן, ווי אַ שטומער פּראָטעסט, מיט די קאָפּיטעס אַרויף צום אָנגעצונדענעם הימל.

דער אָוונט איז צוגעפאַלן. די זון איז אונטערגעגאַנגען אין מערב. אַ צע־פלאַמטע, אַן אָנגערויטיקטע האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט. דער הימל איז איצט גע־שטאַנען אַ בלוטיקער, אַן אָנגעצונדענער פון צוויי פייערן: אין מזרח און אין מערב.

און די נאַצי עראָפּלאַנען האָבן — ווי אַמאָל די שפינען, וואָס האָבן גע־טראָגן פייער צום בית המקדש — געברענגט און צוגעוואָרפן נאָך באָמבעס, געשליידערט זיי אויף די יידישע געסלעך, וואָס זענען שוין סיי ווי געלעגן אין חורבות.

# דזשים

דזשים האָט זיך געשיילט פונם געדיכטן נעפּל אַרויס, איז שטופּנוויִז בולטער געוואָרן, באַלד איז ער ווידער אַריין אין אַ זייטיק געסל. דאָס שלעפּוועגעלע צו וועלכן זיינע צוויי לאַנגע, דאַרע, אויסגעהאָרעוועטע הענט זענען געווען איינגעשפּאַנט האָט מיט אים אינאיינעם שוין ווידער אַמאָל אויסגעזען ווי אַ שוואַרצערער פלעק אין דער שוואַרצקייט.

נאָר אָט איז ער שוין אַריין אין דער הויפּט־גאַס. דאָ, צווישן דער לאַנגער שורה אָמניבוסן, משא־וועגענער, אויטאָמאָבילן און טראַמווייען, וואָס האָבן זיך געצויגן אויפן נאַסן אַספאַלט האָט זיין מאָגער לעמפּל געלויכטן ווי אַ פונק, וואָס האַלט ביים אויסגיין. דאָס פּנים זיינס, שיער נישט אַזוי שוואַרץ ווי דער טאָג, ווי די פייכטע טונקעלע סיראַטע וואָס האָט געשיצט די סחורה פון נאַס ווערן, האָט זיך גענומען בלומלען מיט אַ קראַנקער רויטקייט איבער אַרויסשטאַרצנדיקע באַקנביינער, איבער טיפע, טונקלע לעכער. די נאָז דין, מיט אַ פאַרשפּיצטער בלאַסקייט; דאָס מויל מיט די געלע קרומע ציין האַלב אָפן; די מאָרדע שוואַרץ, שפּיציק באַוואַקסן. — האָט ער זיך געשלעפּט. געשפּיגן אין אַ ברודיקער שמאַטע אַריין און נישט געפינענדיק קיין סימן פון בלוט אויף איר, האָט ער ווייטער געשפּינט דעם חלום זיינעם מכּח אַהיים. — זיין איינציקע האָפענונג, וואָס האָט אים דערהאַלטן סיי ביים לעבן, סיי אויפן פּאָסטן.

ר'איז געווען אַ מזלדיקער דזשים! יעדע וואָך האָט ער זיך אָפּגענומען זייער 35 שילינג. נישט געדענקט שוין גאָר, וואָס ס'מיינט אַזוינס, „ביזי" און „סלעק".

ביי אים זענען נישט געווען קיין סעזאָנען, וואָס וואַרפן אָן אַ פּחד אָדער ברענגען אַ נחמה אַזוי פיל הונדערטער טויזנטער מענטשן אין לאָנדאָן. דער באַלעבאָס איז מיט אים געווען צופרידן און, אַז עס פלעגט זיך מאַכן, ער האָט געאַרבעט אַ טאָג, ווי צוויי גרויס, פלעגט ער עס אים אָפּן זאָגן — דורך אַ קלאַפּ אויף דער שמאָלער פּלייצע. אויף וואָס דזשים האָט תּמיד אָפּגעענטפערט מיט אַ קרום אויס דעם גרוב מיט די געלע ציין, וואָס האָט געדאַרפט הייסן אַ שמייכל. פאַר גרויס גליק אַזש נישט געהערט, ווי דער קלאַפּ האָט הויל אָפּגעקלונגען, נישט געפילט דעם ווייטיק. ס'האָבן זיך אים אַזש גענעצט

די אויגן פון הינטישער צופרידנקייט, פון שמחה, וואָס ער האָט ארבעט און דאַרף זיך נישט — ווי אַמאָל — אַרומשלעפּן איבער די לאַנדאָנער פאַבריקן זוכן אַ „דזשאָב".

יענע טעג, חדשים און יאָרן וועט ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווען ער פלעגט זען דער מאַמען זיינער אויסצייילן אים די זעקס פּענעס, זיי אים דערלאַנגען מיט אַ ציטערנדיקער האַנט און אָנזאָגן אים ער זאָל עסן. הגם זי האָט גאַנץ וויל געוווסט אַז פון דעם געלט מוז ער נאָך טיילווייז אַראָפּנעמען אויף הוצאות אויך.

ווען דער טאַטי „אלי שאלים" וואָלט געלעבט וואָלטן מיר נישט אַזוי אויסגעזען פלעגט די מאַמע אָפּווישן אַ טרער.

— *„איי עם לאַקי!" — האָט דזשים הויך, אויפן קול פאַרענדיקט די מחשבות זיינע און אַזש צוהוסט זיך פון התלהבות. ער האָט געהוסט טרוקן, געכאַפּט זיך ביי דער ברוסט. אַ קוק געטון אויף דער פאַרמעטענער האַנט און הנאה געהאַט:

„קיין פּיצל בלוט, קיין קריש".

„אופּספּסטר" — האָט אַ שוואַרצער גלאַנציקער „דעימלער", שטאַרק העל באַלויכטן, זיך צופּיפּן.

דזשים האָט גענומען אַוועקשלעפּן ס'וועגעלע, גענטער צום טראָטואַר צו. דער אויטאָמאָביל איז אָנגעפאָרן מיט אַ גדלות, ווי ער וואָלט דערוואַרט, אַז גאַנץ לאָנדאָן זאָל זיך פאַר אים ס'היטל אַראָפּנעמען.

דער שאָפער איז אַרויס פונם אויטאָמאָביל אין אַ ברוינעם אוניפאָרם מיט בלישטשענדיקע, גאָלדענע קנעפּ און אַ פּאָר מיט פוטער באַנייטע לעדערנע הענטשקעס איבער די ארבעל. ער האָט שטיל אונטערגעברומט אַ לידל, אַז „עס האָט נישט קיין זינען צו זיצן איינער אַליין אויפן פּאַרקן אין אַ לבנה'דיקער נאַכט", און איז אַריין אין אַ געשעפט.

דזשים איז געשטאַנען ביים רינשטאָק מיטן וועגעלע שאַכטלעך, וואָס האָבן שיער נישט דערגרייכט די הויז־דעכער און האָט זיך אָפּגערוט.

*„דאַטס עי לאַקי פעלער!" — האָט דזשים מקנא געווען דעם שאָפער אויפן קול. די דאַמע אינם אויטאָמאָביל איז אים נישט געפעלן געוואָרן, אַ טרוקענער ביין...

דער שאָפער האָט ווידער אַ דריי געטון מיט די הענטשקעס ביים רעדל. דער אויטאָמאָביל האָט זיך פריש צעטאַראַראַמעוועט, און איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ שאַרפן ריח פון פּעטראָל און אַ פּערלמוטערנעם, פעטן גלאַנץ אויפן נאַסן אַספאַלט, איז ער אַוועק.

---

*כ'האָב מזל.

*אָט דער בחור האָט מזל.

דזשים האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט. די דאַמע אינם גרויען פוטערמאַנטל איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן. ער האָט זי אין געדאַנק פאַרגליכן מיט זיין מיידל אין דער שאַכטל פאַבריק און ער האָט זיך צעשמייכלט — אַ שיינער חילוק! ער האָט באַקוקט ס'וועגעלע, געזען, אַז די סיראַטע זאָל זיך נישט אַראָפּגליטשן, פעסטער פאַרצויגן די שטריק, צוריק איינגעשפּאַנט זיך, ביס־לעכווייז צוריקגעקומען אין מיט גאַס אַריין און זיך אַוועקגעלאָזט מיטן פאַרקער.

ער דרייט זיך שוין אַריין אין געסל פון דער שוך־פאַבריק וווהין ער פירט דאָס איצט די שאַכטלעך. ער האָט אַ צי געטון ביים גלאָק. אַ ייִנגל מיט אַ דין געשוירענעם קאָפּ האָר איז אַראָפּגעקומען צו לויפן, אַ שאַר אַרויף געטון זיך דאָס חזיר בערשטעלע ביים שטערן, זיך אַ שמיר געטון מיטן הענטל ביים אויס־געריסטן פּנימל האָט ער מעשה חבר, באַגריסט דזשימען:

— האַלאָ דזשים! — קאָנסט דאָך אַרויפפייפן, וואָס קלינגסטו, אידיאָט?

— גאָ אַוועי, יו שרימפּ! — האָט דזשימ'ן פאַרדראָסן דעם קליינעמס חוצפּה און ער האָט אַ טראַכט געטון, אַז עס וואָלט גוט געווען צו קענען פייפן. און דאָס מויל האָט זיך ביי אים אויסגעקרומט אַזוי, אַז ס'איז שווער געווען צו טרעפן, צי לאַכט ער, צי וויינט ער.

דער קליינער וויל דווקא אַרויפטראָגן די שאַכטלעך, נאָר דזשים לאָזט אים נישט.

— גאָ אַוועי, יו דאָג! — מער פעלט אים נישט, ער וועט זיי נאָך צע־קנייטשן אָדער ברודיק מאַכן.

און אָט איז שוין דאָס וועגעלע ליידיק. דזשים וואַרפט אין דעם אַריין די נאַסע סעראַטע, די שטריק. ער פאַררויכערט אַ געשענקטן סיגאַרעט, שפּאַנט זיך צוריק איין און זעט אויס צופרידן מיט זיך און מיטן ליידיקן וועגעלע.

אין פאַבריק האָט שוין דאָס מיידל וואָס מאַכט די „טי״ (טיי) זיך קעציש געשאַרט צווישן אָנגעוואָרפענע פּאַפּירן, שטיקלעך טאָוול, דרעטלעך, וואָס האָבן זיך איר געקלעפּט צו די פיס. זי האָט כלומרשט געהיטן זיך פאַר דער „פּאָרלעידי״ (אויפזעערין), וואָס מאַכט זיך נישט ווייסנדיק, אַז דער גלאָק האָט נאָך נישט געקלונגען, מחמת זי טרינקט אַליין אויך פון דער טיי פאַר וועלכער, אַחוץ איר, מוז יעדער איינצאָלן דריי פּעניס אַ וואָך.

ווען דזשים איז אַרויפגעקומען האָבן די לאַנגע טישן אויסגעזען, ווי פאַר־לאָזענע — נישט פאַרענדיקטע שאַכטלעך; אַ שער האַלב אַריינגעשניטן אין אַ בויגן פּאַפּיר אַריין; אַ נישט אַרויסגענומען בערשטל אין אַ טאָפּ וואַרעמען לאַם. ס'האָט אויסגעזען ווי אַלץ וואָלט דאָ דורך אַ כישוף פּלוצלינג פאַרשטיינערט געוואָרן און די מענטשן פון אַרום זיי, די טישן פאַרשוווּנדן.

---

*גיי אַוועק, דו וואָרים.

*גיי אַוועק, דו הונט איינער.

די מיידלעך האָבן געקיַיט, געטרונקען אַ „קאָפּ אָף טי״, געלאַכט, אַריַינגעכאַפּט אַ רגע אויף אָנפּודערן די נאָז, אויף אָנשמירן די ליפּן. די טיי מאַכערקע האָט געשמירט נישט בלויז די דיקע צעפּאַדערטע ליפּן מיט דער בלאָלעך־פליישיקער נאָז, נאָר טאַקע, ס׳גאַנצע פּנים. און אַפילו פאַרקעמט זיך די דינע, מויז־קאָלירטע האָר.

דזשים האָט זיך אַרומגעקוקט. אַלע קעסטלעך זענען געווען פאַרנומען. האָט ער זיך צוגעזעצט אויפן טרעפּל, וואָס פירט אין ביוראָ אַריַין, אָפּגעווישט זיך מיט דער האַנט דעם שווייס און צעשמירט די בלאָטע. ער האָט געוואַרט דאָס מיידל זיינס, זאָל אים שוין צוברענגען די טיי. עס האָט אים געקרעלט אין האַלדז פון טרוקנקייט.

— האַלאָ דזשים!

דזשים האָט אַראָפּגענומען די וואַסערדיקע אויגן פונם גרינעם בלעכערנעם אַבאַזשור איבערן עלעקטרישן לאָמפּ, ווי אַן איינציק־משונהדיק גרויסע פליג האָט זיך געקייקלט איבערן שטויב.

— האַלאָ!

אַ לאַכעדיקע, מיט אַ גרעל אָנגעפאַרבט פּנים און ליפּן, די געשוירענע האָר פאַרקעמט, דאָס קליידל קורץ, ביז פאַר די קני, איז זי פאַר אים געשטאַנען מיט אַ פאַרעדיק בלעכן טעפּל טיי אין האַנט.

דזשים האָט אַ טראַכט געטון מכּח דער דאַמע אינעם אויטאָמאָביל און איז רויט געוואָרן. ער האָט געציטערט, זי זאָל דאָ נישט טרעפן זיינע געדאַנקען. ער האָט אַ קלער געטון, אַז זי איז טאַקי אַ שיינע, אַז ער וועט חתונה האָבן און טאַקי מיט איר, אַז דער דאָקטאָר וועט אים נישט איינרעדן, אַז לעבן ווי אַ הונט, איינער אַליין, פאַר׳חושכ׳ט איז געזונטער ווי האָבן אַן אייגענעם פריינט, אַ היים. ער האָט דערזען דאָס באַנק־ביכל שוין כמעט אינגאַנצן פאַרשריבן. ער האָט אַ צופרידענעם שמייכל געטון — וואָס דען? אַז מ׳טראָגט יעדע פּעני, וואָס לאָזט זיך נאָר אָפּשפּאָרן אין „פּאָסט אָפיס״ אַריַין... פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז „זי״ וואַרט מיט דער טיי. האָט ער אַ האַסטיקן נעם געטון דאָס טעפּל און זיך שיער ניט אָפּגעבריט. דאָס מיידל האָט זיך צעלאַכט, אַפּיר געטון דזשימען איבער דער פּייכטער, געקרייזלטער טשופּרינע, זיך צוגעזעצט נעבן אים אויפן טרעפּל און אים גענומען מוסרן:

— זע דזשים, ווי דו קוקסט אויס! ס׳איז מיר אַ חרפּה פאַר די מיידלעך.

דזשים האָט זיך פאַרשעמט. עס האָט אים אַ שטאָך געטון צווישן די ריפּן ווי מיט אַ נאָדל — אַ שאַרפער, אַ שטעכיקער — און אַ מאָדנער געפיל. תמיד ווען ער רעדט מיט איר פילט ער ס׳אייגענע. און זי איז דאָך אים אַזוי געטריי, היט אָפּ ער זאָל האָבן די טיי וואַרים אויב עס מאַכט זיך ער קומט אַביסל שפּעטלעך. האָט אים מיטגעבראַכט פון דער היים אַ „מאַג״ (אַ גרעסער טעפּל).

ער פאַרשטייט נישט, פאַרוואָס זי זאָל אים גאָר וועלן. זעט ער דען נישט, ווען ער גייט פאַרביי פאַר אַ שפּיגל ווי אַזוי ער זעט אויס?

— טאַקי זיך געדאַרפט האַלטן אַביסל ווייבערער, איר צוליב — האָט ער ביי זיך געטראַכט.

— אַז נאָר מ׳שוויצט, שמירט מען זיך אויס. און די מלבושים רייסן זיך טאַקי אויך אָפּ — האָט ער זיך פאַרענטפערט. ער האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אָט קלינגט שוין דער גלאָק.

די מיידלעך כאַפּן אַ גיכן בליק אין די שפּיגעלעך פון די האַנט־בייטלען און נעמען זיך צו דער אַרבעט.

דזשים נעמט זיך צום לאַנגן בעזעם, קערט, שטופּט דאָס אָפּפאַלעכץ אין גרויסע שיטערע זעק אַריין. דער שווייס רינט אים פון פּנים. ער כאַפּט פון צייט צו צייט אַ בליק אויף די מיידלעך און קערט ווייטער.

נאָר אָט ווישט ער שוין אָפּ ס׳פּנים מיט זיין מיידל׳ס פאַרטוך, וואָס זי לאָזט אויפן טיש, גרייט פאַר מאָרגנדיקער אַרבעט. ער פירט זי צו צום טראַמוויי, העלפט איר מיט אַלע כוחות אַריינשטופּן זיך אינם געדראַנג, און אַ מידער, אַ צו׳הרג׳עטער, לאָזט ער זיך אַהיים.

ער פּאַקט אויס די „טשיפּס" (געפּרעגלטע קאַרטאָפל) וואָס ער האָט זיך געקויפט אויף „סאַפּער" (אָוונטברויט), גיסט אַרויף ברוינעם עסיק אויף זיי און גייט צו צום גאַז אויוועלע צוגרייטן טיי. ער עסט. דורך די באַקן זעט זיך יעדער פּיצל ברויט, יעדער שטיקל קאַרטאָפל. ער זופּט פון דער טיי, קוקט אַריין אין אַ צייטונג, (זיין איינציקער לוקסוס, אויף וואָס ער גיט אויס יעדן אָוונט אַ פּעני און זונטאָג צוויי), זעט דורך וויפיל „עקסידענטס" (פּאָרפאַלן) עס זענען היינט געווען, וואָס עס הערט זיך מכח דעם פוטבאָל־מעטש, באַקוקט די בילדער, כאַפּט אַ בליק וואָס עס הערט זיך עפּעס אין קעניגליכן הויף, ווען די דאַטשעס רעכט זיך אין קימפּעט אַריין... נאָר, ער קען נישט מער. לייגט ער אַוועק די צייטונג און גייט שלאָפן. די אויגן פאַלן צו.

דערפאַר איז זונטאָג זיין. זונטאָג פּוצט ער זיך אויס אינם פלוימען קאָלירטן אַנצוג, מיט די צו ברייטע הויזן, וואָס פלאָנטערן זיך אים צווישן די דאַרע פיס, ווי צוויי ברייטע ספּודניצעס. ער טוט אָן דעם גרינעם קראַוואַט מיט די גאָלדענע קעסטעלעך (געקויפט ביי „וואָלוואָרטס" אויף זיין מיידלס מבינות. ער עסט מיטאָג אין אַ רעסטאָראַן און ער לייענט דורך אַחוץ דעם המשך פון עדגאַר וואָלאַס׳עס „דעטעקטיוו סטאָרי", אַלץ וואָס ער קאָן נאָר. פאַרנאַכט גייען זיי צוזאַמען אין די „פּיקטשורס" און, וואַרטנדיק אין דער לאַנגער רייע אויף ביליקע בילעטן, עסן זיי צוזאַמען אויף אפשר אַ העלפט פון די גוטע זאַכן, וואָס זענען געקויפט געוואָרן כדי צו עסן בשעתן הערן און זען.

אין אַזאַ זונטאָג פאַרנאַכט האָט זיך דזשים געלאָזט „איבעררעדן" פון זיין מיידל. ער האָט זי געהאַלטן אַרומגענומען אַרום דער טאַליע, געקוקט אויף דער

לייוועגט, ווי דער „סטאר״ האָט זיך געקושט מיטן געליבטן, און זי האָט אויס־געזען אַזוי תאוהדיק געשמאַק, אַז דזשימ׳ע׳ן האָט אַזש פאַרכאַפּט דער אָטעם. און דאָ ביי אים אין די אָרעמס איז געלעגן עפּעס אַזאַ וואַרימקייט, און אַזוי מחיה׳דיק איז אים געווען, אַז ער האָט איר צוגעזאָגט חתונה צו האָבן, נישט שפּעטער ווי ער וועט קאָנען לויטן געזעץ, און ער האָט געהאַלטן וואָרט.

דזשים איז געווען יום־טוב׳דיק אויפגערוימט. פּלוצלינג, ווען ער האָט זיך געדאַרפט אונטערשרייבן האָט אים די דאַרע האַנט אַ ציטער געטאָן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַ ייד. ער האָט אַפילו דערזען די צוויי ציטערדיקע פלעמלעך פון די ליכט, וואָס זיין באָבע פלעגט בענטשן יעדן פרייטאָג צונאַכט. דעם טאַטן „אלי שאלים״, ווי זיין מוטער פלעגט אים רופן — און די פעדער איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט.

מאָנטאָג זענען זיי צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט. די מיידלעך האָבן זיך צענויפגעלייגט, געקויפט קוכן. אַפילו דער באַלעבאָס האָט פאַרזוכט פונם קוכן און גאָרנישט נישט געזאָגט קעגן דעם, וואָס די מיידלעך נעמען זיך אַ גאַנצע האַלבע שעה אויף זייער „טי־טיים״ היינט, לכבוד דעם יונגן פּאָרל.

דזשים האָט זיך כמעט נישט באַטייליקט אין דער שמחה. ער האָט אויטאָ־מאַטיש געענטפערט אויף צווונשונגען. עפּעס האָט זיך ביי אים אין קאָפּ גע־פּלאָנטערט ייד, גוי, ער האָט אַליין נישט געוואוסט, וואָס ער וויל.

נאָר ער האָט זיך געהאַלטן פון דער ווייטן, ווי דער יום טוב דאָ וואָלט אים בכלל נישט נוגע געווען.

# הינט

טאָם האָט געדרייט די עטלעכע מטבעות צווישן די דאַרע פאַרזשאווערטע פינגער, געקוקט אויף זיי מיט זיינע גראָע אויגן, און זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן. נישט געקאָנט פאַרטיק ווערן מיטן געדאַנק. דאָס געוויסן האָט אים געבריט. ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז וואָס דאָס ווייב זאָגט איז אמת: ער האָט נישט קיין מזל צו די הינט. ער האָט שוין פאַרזעצט דעם ווינטערדיקן פּאַלטן, די וועש אויך. קוים איבערגעלאָזט עטלעכע ווינדעלעך פאַרן קינד. ער האָט שוין דריי וואָכן נישט באַצאָלט קיין דירה געלט. דער ווירט פון הויז האָט אים שוין היינט אַריינגעשיקט אַ „נאָטיס״, אים שטרענג אָנגעזאָגט, אַז טאָמער באַצאָלט ער נישט דעם חוב וועט ער אים אין מיטן ווינטער אַרויסשטעלן מיט ווייב און קינד אויף דער גאַס...

— פאָלג מיך און גיי נישט! — עסט זען עסט היינט ווידער פאַרשפּילן! אַז ביי מיר אויפן האַרץ ליגט אַ שטיין — ווייס איך שוין, וואָס דאָס מיינט. דו ווייסט דאָך, אַז מיר זאָגט ס׳האַרץ שטענדיק וואָס עס גייט קומען! תמיד, ווען איך הייס דיך נישט גיין פאַרשפּילסטו! — האָט מיסעס דיקסאָן אַריינגעקוקט דעם מאַן אין די שטאָלענע אויגן, געוואָלט דערגיין צו הערט ער כאָטש, אַז זי רעדט צו אים. זי איז געשטאַנען ביי אַן אויסגעזשאַווערט, בלעכן וואַנעלע און געריבן צווישן די דאַרע פינגער אַביסל שמאַלינקע קינדערישע העמדעלעך און ווינדעלעך. די וועש איז געבליבן שוואַרץ, מחמת זי האָט נישט געהאַט קיין געלט מיט וואָס צו קויפן זייף.

— פאָלג מיך, טראָג אים אַריין דירה געלט פאַר דער היינטיקער וואָך, און זאָג אים, אַז דאָס איבעריקע וועט מען אים אויסצאָלן אַ שילינג אַ וואָך. עסט זען ער וועט באַשטיין.

טאָם האָט איר נישט געענטפערט. ער האָט געזען, אַז דאָס קינד גריזשעט אַ קריש ברויט. די סלינע רינט עס פונם מיילעכל. ס׳פאַרבייסט פאַר אַן אַפּעטיט דעם גראָבן פינגער, פונם לינקן פיסל. ס׳פּנים׳ל ביים קינד איז בלאַס. די אויגלעך זענען רויט און געשוואָלן. דאָס אויפגעהויבענע פיסל איז גרין, שטעקלדיק און קרום.

ר׳איז געוואָרן אין כעס אויפן קינד.

— הער אויף צו בייסן דעם פינגער. — האָט ער אים האַסטיק אַרויסגעשלעפּט דאָס פיסל. דאָס קינד האָט זיך צעוואָמערט. פון די געשוואָלענע אויג־

לעך האָבן זיך געגאָסן גרויסע טראָפּנס טרערן, אַראָפּגערונען אים איבער די שליאבערדיקע בעקעלעך, אַריינגערונען אים אינם בלאָען מיילעכל.

טאָם איז נאָך מער אין כעס געוואָרן.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט. אַ קוק געטון דורך די פאַרלאָפּענע שויבן, און דערזען אויפן גרויסן זייגער אין דרויסן איבערן פּובליק הויז "דער ווייסער העלפאַנט, אַז ס'איז שוין די העכסטע צייט צו גיין...

— אַז דו ווילסט קאָנסטו אויך מיטקומען. ס'איז שוין אַלץ איינס. דאָס מאָל מוז איך געווינען — עסט זען. „ליסען", איך וועל סיי ווי גיין. אַז דו וועסט מיטקומען וועט קאָסטן נאָך אַ שילינג — דערפאַר וועסטו באַלט אויפן אָרט זען דעם „רעזאַלט", און פאַרשפּאָרן צו ליגן דאָ אַליין און קלאָגן. קום, „איטל דו יו גוד!"

האָט ער איר שוין צוגעטראָגן דעם אָפּגעחומלטן מאַנטל, וואָס איז אַמאָל געווען ברוין און איצט, ווייסט זי אַליין נישט, וואָס פאַר אַ קאָליר ער האָט. זי שעמט זיך צו גיין אין דעם הולך צו די הינט. ס'קינד גייט געהילט אין שמאַטעס, אַלטע, ענג־געוואָרענע שמאַטעס, און ער, טאָם, אָן אַ פּאַלטן.

אָבער, וואָס דען זאָל זי מיט זיך טון, אַזאַ לאַנגן, „מיזעראַבל" אָוונט? אַ חוץ דעם — טאָמער געווינט ער פאָרט — וועט ער, אָן איר נאָך אפשר אַריינכאַפּן זיך מיט די „פעלס" זיינע אינם „ווייסן העלפאַנט" און וועט דאָרטן „פייערן" מיט זיי דאָס געווינס און זי וועט סיי ווי דערפון גאָרנישט האָבן.

זי האָט זיך פאַרקעמט די שיטערע האָר, איינגעפּאַקט ס'קינד און זיך אַוועקגעלאָזט פרווון גליק.

— אַז די מענטשן זענען אַלע משוגע! פאַר די הינט וואָלטן זיי אַוועקגעגעבן ס'לעבן. זע נאָר וואָס דאָ טוט זיך אָפּ?! — האָט זיך מיסעס דיקסאָן גע־חידוש'ט, ווי זי וואָלט היינט ס'ערשטע מאָל אין איר לעבן, געזען די אָ סצענעס.

טאָם האָט פאַרגעסן, אַז ס'איז אים קאַלט. אַז דורך די געלעכערטע זוילן רינט אים וואַסער אַריין, נעצט אים דורך די פיס. ער האָט געקויפט צוויי ביי־לעטן און אינגאַנצן געשיינט פון גליק.

— כ'האָב געשטעלט אויף „בלעק אלבערט", אַ „סערטענטי!" — ס'הארץ זאָגט מיר, אַז מיר וועלן היינט זיין מזלדיק.

— מיר נישט. — האָט מיסעס דיקסאָן אַראָפּגעשלונגען אַ זיפץ און איז נישט ווילנדיק אַריינגעצויגן געוואָרן אינם שפּיל.

נאָר ס'הארץ האָט איר געקלאַפּט. וואָס וועט זי טון, אַז ער וועט היינט ווי־דעראַמאָל פאַרשפּילן? — ער וועט נישט פאַרשפּילן, האָט זי געטריבן פון זיך די בייזע מחשבות. איצט, אַז זי איז שוין יאָ דאָ, וועט זי בעטן גאָט ער זאָל זיי דאָס איינע מאָל כאָטש צושיקן דעם „ווינער". נאָר דאָס איינע מאָל, בלויז היינט. — ניין, ניין, ניין! ער טאָר נישט פאַרשפּילן. ער וועט נישט פאַרשפּילן

הינט. אוודאי וועט ער געווינען. האָט זי בשום אופן נישט געוואָלט צולאָזן יענעם שרעקלעכן געדאנק, וואָס שפּאַרט זיך צו איר, וויל איר דווקא פּייניקן.

זי האָט אַ קוק געטון אַרום זיך. דער המון איז געווען הייטער, מכּח גאָרנישט נישט געטראַכט. אַלע חושים זענען געלעגן ביי די הינט. צוואַנציק טויזנט מענטשן זענען אַהער געקומען אָנקוקן אָט דעם הינטישן ספּעקטאַקל:

אַ קיילעכיק שטיק פּעלד, דאָס גראָז איז גאָר דין באַשניטן. די עלעקטריק וואַרפט דערויף אַ מאטן, טונקעלן שיין, וואָס איז גורם ס'זאָל אויסזען, ווי אַ גרינער טייך. אַרום דעם „וואַסער" איז אַ קיילעכדיק פאַרשניטענער פּאַס גראָז, שטאַרק העל באַלויכטן. אויף דעם שטייט אַ ווייסע, פּריש אָפּגעפּאַרבטע בודע, וואָס זעט אויס פון ווייטנס, ווי אַ ליאַלקע־הויז.

די אַרענע איז שיין.

מענטשן מיט געלט זיצן זיך ברייטלעך און אָפּגעזונדערט אויף אַ סאָרט באַלקאַנען, ענלעך צו לאָזשעס אין טעאַטערן. דער גאַנצער פּלאַץ איז יום־טובֿדיק באַלויכטן. די עלעקטריק שימערירט, צענדליקער און צענדליקער לאָמפּן בלענדן די אויגן. אַ גרויס הויז ענלעך צו אַ פאַבריק שטייט גרייט אַריינצונעמען די אויטאָמאָבילן, וואָס ברענגען צו פירן דאָס „שמאַלץ" פון די רייכע. דער טונקעלער דרויסן נעמט אויף די אויטאָבוסן, וואָס ברענגען צו פירן דאָס בלוט פון די אָרימע צו די הינט.

צווישן די רייכע באַזוכער און די אָרימע שאַפט אָט דאָס „וואַסער" מיטן פּאַס גראָז אַרום אַ מחיצה. אין יענער זייט קאָסט אַ בילעט פינף שילינג אַריינצוגיין, אין דער זייט איין שילינג.

קומען די איינשילינגדיקע מאַרבע פּנות לאָנדאָן. ציען זיך אַהער אויטאָבוסן, אָנגעפּיקעוועט מיט מענטשן פלייש, מיט מענטשלעכן שוויס און מענטשלעכן שטות. און נישט נאָר די אויטאָבוסן, די טראַמווייען, די מאָטאָרבאַסן זענען אַלע געפּאַקט, לאָנדאָן פאָרט צו די הינט!

„בוקיס" מיט בלוט־אָנגעגאָסענע פּנימער שטייען נעבן זייערע שטענדערס, גרייט פאַר עטלעכע שילינג בלויז, צו באַגליקן מיט אַ רויטן צעטל, וואָס ענטהאַלט זייערע, די בוקיס אייגענע נעמען פון הינט...

די מאַסע באַפאַלט זיי, ווי פליגן אַ טאָפּ האָניק.

די בוקיס געוואַלטעווען. די פּנימער ווערן רויטער נאָך, דער חשק אַריינצושלעפּן וואָס מער קונים, גיט זיי כּח.

ס'הערן זיך די הילכיקע אויסרופן זייערע, ווייט און ברייט:

— טו, טו וואַן, באַר וואַן!!

ס'דערהערט זיך אַ טרומייטערן. דער עולם הערט אויף אַרומצורודיען, ווי די פליגן. ווער עס זעצט זיך אַוועק, ווער ס'בלייבט שטיין. אַלע אויגן זענען געווענדעט צו דער אַרענע. אַלע הערצער קלאַפּן מיט דערוואַרטונג.

זעקס מענער אין ווייסע כאלאטן, ווי דאָקטוירים, פירן אַרויס זעקס דאַרע, חנ׳עוודיקע הינט, אַנגעטון אין מאַנטעלעך, זיי זאָלן זיך חלילה נישט צוקילן. מען מאכט מיט זיי אַ פּאַראַדע. די הינט זען אויס אומאָפּהענגיק און שטאָלץ, זיי קוקן זיך אַפילו נישט אום אויף די חסידים זייערע, וואָס אַ סך פון זיי טראָגן נעבעך צעריסענע תחתונים, האָבן נישט קיין אויבערראָק און ציטערן פון קעלט.

מ׳פירט אַריין די הינט אין דער בודע. מ׳לאָזט אַרויס אויפן קיילעכיקן פּאַס גראָז אַ ווייסן געשטאָפּטן האָז. דער האָז לויפט מיטן כח פון עלעקטריק, פון דער בודע הערט זיך אַ געבילעריי. די הינט וויען פון אויפרעגונג. דאָס געהייל מישט זיך אויס מיטן זשומען פונם אָנגעצויגענעם המון. נאָר אָט ווערט פינצטער און שטאָק שטיל.

ס׳הויבט זיך אויף דאָס טירל פון דער בודע. דער האָז פליט פייל אויסן בויגן — און נאָך אים די צורייצטע הינט.

דער המון איז משוגע פון אויפרעגונג. ס׳שטייגן די קולות ביזן זיבעטן הימעל אַריין.

— גאָ אָן, מיק! גוד אָלד מיק! גאָ אָן! זיי אַ כוואַט!! — אָה!

— גאָ אָן בלעק אלבערט! לויף! וויז זיי! גאָ אָן! גאָ אָן! גאָ אָן!!!

דער האָז פאַרשווינדט. אַ הונט האָט דערגרייכט דעם אָנגעצייכנטן פּונקט, אַ טויטע שטילקייט. אַנטוישטע פּנימער, אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. פון דער גאַנצער מאַסע לאָזן זיך איינציקע נאָר אַראָפּ די טרעפּלעך. שיינענדיקע גייען זיי צו די בוקיס געשטעלן אָפּנעמען די געווינסן. די איבעריקע בלייבן איבער אויף זייע־רע ערטער. זיי זען אויס ווי אָפּגעשמיסענע.

די בוקיס זען אויס צופרידן. מיט באַנייטן מוט נעמען זיי זיך ווידעראַמאָל צו זייער אויסגעפּרוווט מיטל.

טאַם טאַפּט די קעשענעס.

זאָל ער נאָך איין מאָל פּרווון? ער באַשליסט, אַז יאָ! — ער מוז צוריק־געווינען היינט דאָס פאַרלוירענע געלט. די בוקיס האָבן פולע הענט.

פיין געקליידעטע דזשענטעלמענער, מיט שטייפע היט אויף פּאַמאַדירטע קעפּ, מיט בלאַנקנדיקע ווייסע הענטשקעס אויף די כשרע הענט, סיגנאַליזירן קעגנזייטיק ווי ס׳האַלט דער פּרייז.

אַן הפסקה פון אַ פערטל שעה און מען פירט שוין אַרויף פרישע כלבים.

ס׳חזר׳ט זיך איבער אַ מאָל זיבן אָדער אכט און ס׳שפּיל איז געענדיקט.

דער עולם צעשיט זיך. מיסעס דיקסאָן מיטן קינד אויף די הענט, זעט אויס ווייס ווי דער טויט. זי וויינט מיט ביטערע טרערן.

— מיט וואָס וועל איך מאָרגן קויפן אַביסל מילך פאַר דער בייבי? און קיין דירה געלט וועט מען שוין די וואָך אויך נישט קענען צאָלן — כליפּעט

זי. טאָם האָט רויטע, בלוט פאַרגאָסענע אויגן. ער ציטערט אינם דינעם רעקל. ער האַלט די הענט איןביידע קעשענעס און וואַרט מיט נישט־היימלעכע בליקן דאָס ווייב, זי זאָל שווייגן, נישט פאַרשוואַרצן אים דאָס פּנים פאַר לייטן.

יונגע יידישע בחורים, נעכטיקע הפטרה־לייענערס און היינטיקע באַלע־בעסלעך, וויבער וואָס געהערן צו אַלערליי „סאָסייעטיס", אַלע קומען אהער אַ פּרווו טון ס׳מזל. און גוים קומען רייכע, זאַטע, יום טובדיקע. אַלע קומען צו די הינט.

—זיי וועט מען נישט אַרויסוואַרפן פון דער דירה — קרעכצט אַ פּאַר־ביטערטע די מיסעס דיקסאָן.

— שווייג, האָב איך דיר געזאָגט! — קריגט שוין טאָם אַ פּאָר גזלנישע אויגן. דער גערודער איז נאָך אַלץ גרויס, נאָר בעיקר הויבט ער זיך ערשט אָן אין דרויסן. יינגלעך לאָזן זיך ארויס איבער די גאַסן אָנזאָגן לאָנדאָן די בשורה מכח דעם טריאומף פון דעם אָדער יענעם הונט.

— אַל די ווינערס! — הילכט עס איבער לאָנדאָן. און מ׳כאַפּט די צייַ־טונגען ווי מצה־וואַסער. די, וואָס זענען דאָרט נישט געוועזן ווילן כאָטש אַזוי אַרום מקיים זיין די מצווה.—אינם גערודער זעט קיינער נישט, הערט קיינער נישט איר שטיל יאָמערן און טאָם האָט נישט וואָס מורא צו האָבן.

# אפגעפאסט זיך

דער אלטער באָרנשטיין איז אַהיימגעקומען אַ מידער פונם שעכטהויז.

אַ גאנצן טאָג און כמעט אַ גאנצע נאַכט האָט ער געהאלטן אין איין ווישן דעם חלף, אין איין פירן אים איבערן נאָגל פונם גראָבן פינגער און איבער אָפּגעציפּטע הינערשע העלדזלעך. די יונגן האָבן אים קיין מנוחה נישט געגעבן, געהאלטן אין איין אונטערטרייבן:

— גאָ אָן רבי באָרנשטיין, „האַרי אַפּ“!

איידער איין קאסטן הינער איז אויסגעלערט געוואָרן, האָט מען אים שוין אונטערגערוקט אַן אַנדערן. דאָס בלוט האָט זיך אים געקלעפּט צו די פינגער. ער האָט שוין קיין כח נישט געהאט צו האלטן אין איין פארשטעקן הינערשע קעפּלעך אין די לעכער פונם טיש נעבן זיך. דער ווייסער כאלאט איז שוין רויט געווען און די אַרויפגעשארצטע ארבעל האָבן ווי צוויי בייגל פון בלוט געקנעטן אויסגעזען. נישט געלאָזט פונאַנדערנעמען זיך. גרויסע טראָפּנס שווייס האָבן פון די האלבע ווענטלעך אין ריטשקעלעך זיך צעגאָסן. ס'האָבן געשוויצט די פארפעדערטע יינגן, און ס'האָט געשוויצט מיסטער באָרנשטיין סכנות נפשות. די גוואַלטן פון די כפּרות האָבן אים שיער דול געמאכט. דערצו איז אין דרויסן, אינם שמאָלן מארקל, אין דער „ליין“, דער יאריד געווען אַ רוישיקער.

ווי אַ כמארע האָבן זיך די וויבער אַ לאָז געטאָן אין דער ליין אַריין קויפן מציאות. און די הינער־הענדלערינס האָבן קיין מציאות נישט געוואָלט פאַרקויפן. איינמאָל אין יאָר איז יום־כפּור! האָבן זיי געטריבן פון זיך, נישט געלאָזט קלויבן, געוואַלדעוועט, ווי מ'וואָלט „זיי“ אַליין געוואָלט שעכטן... און, האָט אַ פארעקשנטע יידענע דוקה געוואָלט אַ קוועטש טון אַ הין ביים בייכל, האָט זי געקראָגן איבער די הענט.

ביז שפּעט אין אָוונט אַריין איז געשטאנען דאָס גערודער.
יידן האָבן פארקויפט מחזורים אומזיסט...

— קויפט'ס יידן! קויפט'ס בחצי חינם... יידן! „גרעיפּס“! פאַרגעסט'ס נישט צום אָפּפאַסטן זיך! יום כפּור ליכט! פּיעטרעשקע! יידן! יידן!

ער האָט שוין קיין אוירן נישט געהאט און ביי די געשטעלן אין דרויסן האָט נאָך אַלץ געזשומעט. האָט נאָך אלץ געפלאקערט דאָס צעגאָסענע ליכט, גרין געמאכט די הינער, געפלאמט איבער רויט־פּנימדיקע הינער־הענדלערינס,

גורם געווען זיי אַ משונהדיק שוואַרצן אויסזען, געגאָסן זיך איבער הינערשע קישקעס, פּופּיקעס און לעבערלעך.

דאָס בלוט, די קולות, די שווערע אַרבעט האָבן אים צערייצט און אויסגעמאַטערט. ווען ר'איז אַהיימגעקומען, האָבן אין זיין שטיל חדר נאָך אַלץ אָפּגעעכאָט די אַלערליי אויסרופן. ער האָט זיך גענומען אויסטון. גענעצנדיק אַריינגעכאַפּט דאָס קריאת שמע לייענען און זיך געלייגט שלאָפן.

פון צופיל איבערגעשפּאַנטקייט האָט ער נישט געקאָנט איינשלאָפן און ער האָט געטראַכט ווי פאַראַיאָרן אין דער צייט איז ער אַהיימגעקומען מידער נאָך ווי היינט — ווי ער האָט דעמאָלט אין די מלבושים, ווי ער שטייט און גייט אַריינגעוואָרפן זיך אין בעט אַריין — און פאַר די אויגן שטעלט זיך אים אַוועק דער פאַראַיאָריקער ערב יום כפור.

אויפגעשטאַנען איז ער דעמאָלט שפּעט, געדענקט ער, קוים נאָך באַוויזן צו פּאַקן אַ פאַרשפּעטיקטן מנין. ווען ער איז אַהיימגעקומען פון דאַווענען איז אין שטוב שוין געווען יום־טובדיק אויפגערוימט — אַזוי יום־טובדיק. זיין ווייב האָט געקאָנט מאַכן פון די כפרות אַזעלכע מאכלים, אַז זיי זענען זיך צוגאַנגען אין מויל. ס'איז שוין פאַרנאַכט, נאָך דער סעודה שוין. דער טיש איז מיט אַ בלענדנדיק ווייס טישטוך איבערגעדעקט געוואָרן. אין די הויכע, זילבערנע לייכטער האָבן זיך פיר בלויע פלעמלעך צום סופית געצויגן. אינמיטן האָט אין אַ דיק, געפינגערט גלאָז אַ ליכטפלעמל זיך געהוידעט, געלעקט דעם חלב.

זי האָט געלעבט. זי איז געשטאַנען איבער די ליכט, מיט ביידע הענט דאָס פּנים פאַרשטעלט און האָט צום רבונו של עולם אַ גאָר שטילע תפילה אויסגעגאָסן. ער האָט זיך געפּאָרעט, דעם טלית איינגעפּאַקט, ס'מחזור, געוואַרט זי זאָל אָפּבענטשן ליכט, מ'זאָל צוזאַמען גיין אין שול אַריין, צו כל נדרי.

איצט דרייט ער זיך אַרום ווי אַ וואָלקולאַק. נישט גוט צו זיין אַליין! נישט גוט! נישט גוט!

נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט איז ער שפּעט אויפגעשטאַנען. ווידער אַמאָל קוים באַוויזן צו קריגן אַ מנין. פאַרבייגייענדיק צום דאַווענען, האָט ער געהערט ווי די „לענדליידי" אונטן זאָגט צו דער קאַץ:

„לוק טיבי, היער קאַמז די ביוועך" און טוט איר אַ קוש, דער קאַץ אין סאַמע פּיסקל אַריין — און פון אויבן הערט זיך אַ מאַנסבילש קול צעגאָסן אין אַ נאַריש געלעכטער.

ער ווייסט ווער דאָס איז: דאָס איז דער שכן פונם צווייטן שטאָק. גאַנצע טעג זיצט ער אָפּ אונטן: ער לעבט נישט גוט מיטן ווייב. זי, אַ געוועזן פאַבריק מיידל, געוווינט אַלע יאָרן אַרומצושטיפן מיט די מיידלעך אין פאַבריק, צו גיין דריי מאָל אין דער וואָך אין קינאָ און פּאָדערן די נאָז, קימערט זיך ווייניק וואָס וועגן רעליגיע. כאָטש זי איז אַ קריסטין גייט זי נישט אין קירכע אַריין.

רוימט זונטאָג די שטובן. ער אָבער, געבוירן פון אַ קריסטלעכער מאמען מיט אַ יידישן טאטן, איז זער אַ פרומער, אַן אַפּגעהיטענער גוי, גייט יעדן זונטאָג אין קירכע. היט אָפּ אַלע פּראָטעסטאַנטישע דינים, איז גאָר אַ גרויסער מחמיר. ער האָט זיך שוין אַפילו אָנגעשלאָסן אין דער סאָלאַוועישן ארמעע, געהאָפּט אַזוי אַרום אויסצוקויפן די עבירה, וואָס ער האָט אַ יידישן טאטן. ווען נאָר דאָס ווייב צעשרייט זיך אויף אים, קומט ער אַראָפּ צו זיין פריינדין (די לענדליידי), אָפּרעדן זיך פונם הארצן.

דאָס ווייב זיינס געוואַלדעוועט, וואָס ער גיט אויס געלד אויף שמאָכטעס, אויף רויטע לייבלעך מיט געלע עמבלעמס, אויף אַ הוט מיט אַ שטייפער דענקי אַרומגעהאָפטן מיט גאָלדענע בוכשטאבן, וואָס דערציילן, אַז ער געהערט צו דער סאַלוועישן אַרמעע. היינט האָט ער אַריינגעכאַפּט מער ווי תמיד. ער האָט זיך אַ בלאָעם אויבעררעק געקויפט מיט שליפּעס ווי אַ גענעראל — אַ סך געלט אויסגעגעבן, זיצט ער שוין אונטן ביי מיסעס סטאָן.

מיסעס סטאָן אַ דיקע יידישע פרוי, מיט אַ קאָפּ ווייסע האָר, וואָס רינגלען זיך איר ארום דעם דיקן, געקנייטשטן האלדז, מיט א געהארטעוועט וויינקאַלירט פּנים און אַ פּאָר אַרויסגעזעצטע אויגן, גלאנציקע און צו לעבעדיקע פאַר אירע זיבעציק יאָר, פאַרשטייט אים. זי האָט שוין אלערליי „טענאַנטס" (שכנים) דאָ געהאַט, נאָר אַזאַ ווילן ווי ער, מיסטער פרעד דעיווויס, האָט זי נאָך נישט געהאַט.

זי וווינט שוין אינם הויז איבער פערציק יאָר. זי האָט דעם מאַן דאָ באַגראָבן, דעם אלטן פאָטער און אפשר צוויי טוץ קעץ. איצט האָט זי נישט מער וואָס צו טון ווי אכטונג געבן אויף זיך מיט דער איינער קאַץ. איז מיסטער דעיוויס ביי איר אַן אָנגעלייגטער גאַסט. זי דערציילט אים אויך אַלע אירע עגמת נפש'ן; זי קאָן נישט פאַרטראָגן דעם „שאָקעט" (שוחט) אויבן, אויפן ערשטן שטאָק. אַחוץ מזה איז איר לעצטנס צוגעקומען נאָך אַ פּאַרדרוס; מען מאכט איר אַ תל פון איר פיינער געגענט און זי באַקלאָגט זיך:

— נאו איזנט איט עי שעים מיסטער דעיוויס? לוק וואָט דעי דיד!*

מיסטער דעיוויס פארשטייט איר אויך. זיצנדיק אויף דער שטרויענער לענשטול, אויפן מאָל־צוגעסענעם קישעלע אין דער לאנגער, טונקעלער שטוב, וווּ אויף דער וואַנט קעגנאיבער אים הענגען בילדער פון צוויי הינט מיט אַ קאַץ אין איין ראם, פון מיסעס סטאָנס אלטע טאַטע מאַמע און אַ גרויס בילד פון זיך אַליין.

פינטלט מיסטער דעיוויס מיט די יידישע אויגן, טוט זיך אָפּיר איבערן שוואַרצן, געקרויזלטן קאָפּ האָר און העלפט איר קרעכצן אויף דער רציחה:

---

*איז עס נישט אַ הארצווייטאָג? זעט וואָס זיי האָבן געמאכט פון אונדזער פיינער געגענט!

וואָס אין אַ שיינעם סוף זומער־טאָג, ווען די זון איז ווי אַ שטיק אַלט גאָלד געלעגן צעלייגט איבער די גרויסע שטחים פון די פּראָנט גערטנער און געשפּילט זיך מיט די בלומען, האָבן עטלעכע אָפּגעברענטע, מוסקולירטע גוים מיט צוריסענע היטלעך אויף פאַרשוויצטע קעפּ, גענומען צעלייגן עלעגאַנטע, ווייט אָפּגערוקטע הייזער מיט מעשענע טיר קלאַפּערס און מעש פאַרפּוצטע טיר־שוועלן.

קליפּ, קלאַפּ! קליפּ, קלאַפּ!

און ס׳זענען געפאלן פאָלירטע טירן און פענצטער. און ס׳זענען געפאַלן אַלטע, איינגעפונדעוועטע הייזער, אַזוי ווי איר אייגן הויז איז. און ס׳איז שוין געשטאַנען אַ צייטווייליקער אָפּגעהיבלעוועטער, ווייסער פאַרקן. און איידער ס׳יאָר איז פאַרביי האָבן זיך באַוויזן אַ גאַנצע ריי גליענדיקע, ציגל רויטע טעגעמענט הייזער. און אַנשטאָט באָנעס און בלויע פאלערינעס, זאָלן פירן קינדער ביי לעדערנע פאַסקעס, ווי מ׳פירט הינטלעך, און די קינדער זאָלן מורא האָבן די פאַרע אַרויסצולאָזן, ליאַרמען דאָרט איצט קינדערלעך גאנצע טעג און טיילמאָל ביז שפּעט אין אָוונט אַריין.

— איי וויש „הי״ מווד אין דעיר! (הלואי ציט „ער״ זיך דאָרט אַריין) — טייטלט זי מיט אַן אלטער פעטער האַנט צום ערשטן שטאָק. — אַ גאַנצן סעפּטעמבער האלט ער אין איין מאכן אַ „נויז״ (טומעל) מיטן שאָפער (שופר): טראָ־טרא — טקוק, קאָ! שפּעט זי אים נאָך, מיסטער באָרנשטיינען, און ס׳בלוט גיסט זיך איר נאָך מער אַריין אין פּנים אַריין, פון גרויס הנאה איבער איר אייגענער חכמה... און זי דערמאָנט זיך אינאײינוועגס אין נאָך אַן עולה.

— יו רעמעמבער — דערמאָנט זי מיסטער דעיוויסן — וואָס פאַר אַ געוואַלטן זיי האָבן דעמאָלט געמאכט, ווען די מיסעס איז אים געשטאָרבן? ס׳איז געווען „עי דיסגרעיס״!... (אַ חרפּה).

פונדעסטוועגן יום כפּור אין דער פרי, עסט זי אָפּ לכבוד דער אָקאַזיע אַ געבראָטן הינדל, וואָס זי האָט געקויפט אין אַ טרפה׳נער יאטקע, אַנשטאָט איר געוועגלעכן אָנבייסן פון „בעיקאָן ענד עגס״. טרינקט נאָך עטלעכע „קאַפּס אָף טי״ און מיסטער פרעד דעיוויס פירט איר אַוועק אין דער ליבעראַלער שול אַריין, אַן אויסגעפּוצטע, מיט די לאנגע אוירינגגס אין די אַלטע, צעצויגענע, בלאָע אוירן, מיט אַן ענגלישן מחזור אין אַ קליין, לעדערן וואליזקאלע.

ווען זי קומט אַהיים געפינט זי אויפן טעפּיכל לעבן דער טיר אַ שאָנע טאָווע (לשנה טובה) פון דער פאמיליע דעיווויס. דאָס רירט זי אַזוי, אַז זי הערט גאָרנישט אויף קוקן אויף דעם ווינטש־קארטל, אויף די פורפּורנע בולטע בלימעלעך, אויפן גאָלדענעם, געציקטן לשנה טובה, וואָס זי קאָן נישט איבערלייענען. לייענט זי דעם ענגלישן אויפשריפט און די אויגן נעצן זיך איר אַזש פון דאנקבאַרקייט צו זיי, פאַר זייער פיינער טאָלעראַנץ...

אין אָוונט קומט אַהיים מיסטער באָרנשטיין אַ מידער פון פאסטן, פון דאַוונען, פון שופר בלאָזן אַפילו אַ באַלאָדענער מיטן טלית, מיט די שטעק שיך, מיט די יום כפור טראָפּנס. פּאַמעלעך גייט ער אַרויף די טונקעלע טרעפּ. ער צינדט אָן צוויי ליכט. דורכן פענצטער קוקט נאָך אַריין אַ בלויער דרויסן. עס הערט זיך אַ געגייעריי, אַ גערעדעריי. יידן גייען פון שול, ווינטשן זיך אָן איינער דעם אנדערן אַ סך גוטע זאכן אויפן נייעם יאָר אַרויס.

און מיסעס סטאָן אונטן, און מיסטער באָרנשטיין אויבן, זעצן זיך אַוועק יעדער באַזונדער, איינער אַליין, ביי זיין אייגענעם טיש, אָפּפּאַסטן זיך...

# געוואָרן אַ טרעמפּ

ביל האָט פונאנדערגעגנומען די צוויי „בייגל“ פון די העמד־ארבל, אראָפּגעלאָזט זיי איבער די לאנגע, גראָב־אָדערדיקע, גרינע שטעקנס אנשטאָט אָרעמס, אָפּגעשאָקלט דאָס מעל פון דער צעפּליקטער מארינארקע. די מארנארקע האָט באקומען אַ פינצטערן אויסזען.

שוין 8 יאָר ווי ער האלט אין איין בייטן די ארבייט, ביל, און נישט מיט זיין ווילן. פון זיינעטוועגן וואָלט ער זיך געהאלטן דאָ, די רעשט פון די עטלעכע יאָר, וואָס ס׳וועט אים נאָך באשערט זיין צו לעבן. אָבער וואָס קומט אַרויס, אז מ׳פרעגט אים נישט קיין דעות. ווי נאָר ער געוווינט זיך ערגעץ צו, צו דער ארבייט, צו די מענטשן, קומט תמיד אונטער „עפּעס“ — און מ׳הייסט אים גיין.

איצטיקעס מאל האט ער געארבעט ביי אַ בעקער. ווילע מענטשן. ער האט פארדינט צוויי פונט צען שילינג אַ וואָך. געצאָלט האבן זיי פינקטלעך, פארשטייט זיך, און נישט געזוכט זיך צו טשעפּן.

זי, די בעקערין, אַ ברייטע יידינע, מיט אַ ברייטן שרינט צווישן די שיטערע גראָע האָר, מיט אַ קיילעכדיק שמייכלנדיק פּנים, איז צו אים געווען, „ווי אַ מאַמע“. יעדן פרימאָרגן אײדער ער איז אַהיימגעגאנגען פון אַ נאכט ארבייט פלעגט זי אים ארײנשטופּן אַ שקארמיץ בייגל אין דער האנט אריין:

— נא, ביל, ס׳טהאַנט האבן אַ יידישן ברעקפעסט (פרישטיק) און וויסן פון אַ טעם. — פלעגט זי שמייכלען מיט הנאה און אלע וואָרצעלעך אויף די לויזע באקן און ארום דער גאמבע האָבן גוטמוטיק מיטגעשמייכלט, ממש געשיינט...

און דעם בעקער, אַ נידריקן ייד מיט אַ פארמעליקטע באָרד, וואָס האָט געהאלטן אין איין דראָען די מענטשן זיינע, אז ער וועט זיי אלע אהיימשיקן, אז ער דארף נישט קיין „יוניאָן שמוניאָן לייט“ ביי זיך אין דער בעקעריי — און די מענטשן האָבן פונדעסטוועגן געאַרבעט ביי אים צו צען און צו פופצן יאר, נאכאנאנד — איז א שאָד געווען, וואָס ער מוז אָפּזאָגן ביל׳ן.

איינער אַ הויכער יינג, אַ ברייטפּלייציקער, וואָס האָט אָנגעהויבן בשעת ער האָט צו פערצן יאָר פארלאָזט די שולע, און איצט איז ער שוין אַ טאטע פון קינדער, שפּעט אים נאָך, דעם בעקער:

„כ׳דארף נישט קיין יוניאָן שמוניאָן לייט! ביי מיר איז אַ בעקעריי, נישט

קיין יוניאָן!" בייזערט ער זיך און פּרוווט אויסזען נידריקער, ווי ער איז. חברה פלאַצן פון געלעכטער, און ביל'ן איז דאָ היימלעך.

די יינגן האָבן אים יעצט אַריינגעשטופּט אַ שילינג יעדער, און האָבן אים אָנגעקוקט מיט טרויעריקע אויגן.

— וואָס רעכנסטו צו טון, ביל? — האָט אים איינער אַ פרעג געטון. ביל האָט זיך אַ פאַרחידושטער אומגעקוקט. זינט ער אַרבעט דאָ, האָט ער אַחוץ פון דער בעקערין, מצד קיינעם נישט געהערט זיין נאָמען. ווען ער איז מיט זעקס חדשים צוריק אָנגעקומען אין דער בעקעריי האָבן די יינגן אויף אים אַ קוק געטון — און אויפן אָרט געקרוינט אים מיטן נאָמען „שומיאל" (שלומיאל).

זיין שווארצע צוזאַמענגעצויגענע הויט אויף די קנאַכיקע קינבאַקן, די קנייטשן אויפן נידריקן שטערן, ווי דורכגעשניטן מיט אַ מעסער איינגעטונקן אין טינט. זיינע לאַנגע, שוואַרצע, קנאַכיקע הענט מיט די גרויסע העלע נעגל אָנגעפּילטע מיט בריד. די רויטע פייכטע טרויריק־שמייכלענדיקע אויגן מיט די געלע, טויטע, ווייסלען. זיין ביטערער הולך: די אַראָפּהענגענדיקע, צו לויזע, צעפּליקטע מאַרינאַרקע, וואָס האָט זיך פונדעסטוועגן ערטערווייז געשניטן אין די ביינערדיקע גלידער אַריין. בולטער געמאַכט די דאַרקייט פון זיין אויסגע־צויגענעם לאַנגן גוף, די פעטע קלעפּיקייט. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט אים גורם געווען אַן אויסזען פון אַ געשטאַרבענעם „טרעמפּ", ביי וועמען ס'איז גע־בליבן אַ פאַרגליווערטער שמייכל אויפן פּנים, און ער וויל נישט פאַרשווינדן אפילו איצט, נאָכן טויט. — אַ פינסטערער שמייכל.

דער בעקער האָט באַצאָלט ביל'ן פאַר אַ וואָך שכירות און זיך פאַרענט־פערט:

— וואָס קאָן איך טון, אז די קונים הערן אויף קויפן? — זיי מיאוס'ן זיך!

— האָט ער פאַרענדיקט אויף יידיש און אָנגעקוקט דאָס ווייב, וואָס האָט דער־וויל איינגעוויקלט אַ ברייטל, אַריינגעלעגט אין אַ שקאַרמיץ עטלעכע ווייך־גע־וואָרענע קיכלעך.

— נאַ, ביל, פאַר די קינדער!

ביל האָט זיך גיך אַרויסגעשאַרט פון דער ליכטיקער, זוניקער קראָם, וווּ אַלצדינג האָט געגלאַנצט מיט רייכקייט, איז געווען באַהויכט מיט אַ מעליק שטויבעלע, וואָס האָט גורם געווען איר, דער קראָם, אַ מין זאַטע פריילעכקייט.

די בעקערין האָט אים נאָכגעקוקט, געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ווען ער וואָלט זיך געהאַלטן אַ ביסל ריינער?

— גיי, פאַרדריי נישט קיין קאָפּ! — האָט דער בעקער גלייכגעלייגט די קוכנס, און געגעבן דער בעקערין צו פאַרשטיין, פאַר וואָס ביל האַלט זיך נישט „אַ ביסל ריינער".

— ר'איז דאָך שווינדזיכטיק, און ס'וויל לאָזט אים אין שטוב נישט אַריין.

ער האָט אפילו נישט ווו אָפּצוגאָלן זיך. געזען אַ גאָמבע? שפּיציק און באַ־וואקסן מיט שטעכיקע האָר, ווי ביי אַ שווארצן דבר אחר.

ס'האָט זיך אים פארגלוסט אַ מלחמה, דעם העלד. צאָלט ער. און ווער מיינסטו וועט אים העלפן? אַ קלאָג צו זיין שכל. ווער וועט אים האלטן, אז ער האָט צושאָסענע לונגען? זיי אוואדאי נישט! ביי אונדזערס איינעם קאָן ער נאָך געפינען ארבייט אויף עטלעכע וואכן. אָבער זיי? — אַנומעלט האָט ער אָנגע־באָטן אַ לידי צו באשניידן ס'גראָז אין גאָרטן, האָט זי פארהאַקט די טיר. אַפילו נישט געוואָלט אויסהערן אים.

— בררר, אַ ליידיק מויל ווי אַ קבר. אַ ברודיקער! — האָט זי געזאָגט צו דער דינסט אינם בלאָעם קלייד, מיטן ווייסן, שטייפן טשופּיק אויפן קאָפּ גראָע האָר.

— אַזוי זענען זיי. ביי זיי איז נישטאָ קיין רחמנות. ביי זיי, אַז דו האָסט איז דיר גוט. טאָמער נישט מעגסטו זיך באגראָבן — האָט די בעקערין געגעבן צו פארשטיין דעם בעקער אַביסעלע פּסיכאָלאָגיע...

— מיסעס ליווי, די נעקסט־דאָריקע פון דער ליידי האָט דאָס געפּועלט, דעמאָלט, אז איך זאָל אים ארייננעמען אין דער בעקעריי. זי קאָן אים. ער איז אַן ערלעכער יאָק, האָט זי געזאָגט, סאַ רחמנות. — נו, האָב איך אים אַריינ־גענומען. אָבער כ'קען דאָך נישט פארלירן די קונים צוליב אים!

ביל'ן האָט זיך שטארק נישט געגלוסט אַהיימצוגיין. ער האָט געוווּסט, אז פונם בליק, וואָס דאָס ווייב וועט אים צוזוואַרפן וועט אים קאַלט און הייס ווערן, אז ער וועט אויסשפּייען אַ שטיק בלוט און לסוף סייווי מוזן צוריק אָפּטראָגן זיך. איז ער אריין אין אַ דערבייאיקן פּארק.

דער טאָג איז געווען אַ ליכטיקער. די גוט געפּפלעגטע בלומען־בייטן האָבן געבלענדט מיט קאָלירן, שמעקעדיקע ריחות געשפּרייט.

אויף דעם גראָז האָבן זיך קינדערלעך געקאָלערט מיט געלעכטערן און גע־שרייען, הינט האָבן זיך מיטגעקאָלערט, געבילט פון פרייד. פּאָרלעך זענען גע־לעגן אַרומגענומען, פארגעסן, אז זיי וואָלטן איצט גאָר געדארפט זיין ביי דער אַרבעט, אַז פאר ליבן זיך אויפן גראָז, וועלן זיי סוף־וואָך, קיין שכירות נישט באקומען.

— ס'איז נישטאָ קיין ארבעט, — האָבן זיי זיך געזאָגט — אָבער זון איז דאָך דאָ! (און ווען שיינט דאָ די זון?) האָט מען זי אויסגענוצט.

אויף אַ שטיק ארומגעצוימט גראָז, גרין און פריש פארשניטן, האָבן אַ צענדליק עלטערע מענער געשפּילט „באָלס". איינגעבויגענע, מיט ערנסטע פּנימער, האָבן זיי אָנגעשטרענגט די שטאָלענע אויגן, מיט געשפּאַנטער נייגע־ריקייט געקוקט אויף די שווארצע באָלן, וואָס האָבן זיך געקייקלט אויפן סאָ־מעטענעם גראָז.

אויף צווי לאַנגע הילצערנע בענק זענען געזעסן זייערע ווייבער: אַלטע, איינגעטריקנטע, אין טונקעלע מלבושים, מיט פרומע פנימער, און גרויסע הוטן אויף די גראָע קעפ, צוגעקוקט זיך צום שפיל. טייל האָבן געשטריקט לייבלעך.

יידישע ווייבער זענען געזעסן אַביסל ווייטער און צווישן זיך געשמועסט מכה קאָכן און באַקן — און יידישע צרות. אינאיינוועגס חוזק געמאַכט פון די אַלטע, וואָס זיי נעמען דאָס שפיל אַזוי ערנסט.

— וואָס יאָקעס קענען? — האָבן זיי געשאָקלט מיט די לויזע פנימער.

— אסור חזר, צי אַ ייד וואָלט געהאַט דעם קאָפ דערצו!

ביל איז געזעסן עטלעכע שעה און צוגעקוקט זיך צו דעם שפיל אין שוואַרצע באַלן אויף גרינעם גראָז. צומאָל מיטגעריסן געוואָרן און זיך אויף אַן אמת פאַראינטערעסירט צו די באַל וועט אָנקלאַפּן, אָדער נישט. לסוף איז ער אַהיים געגאַנגען.

אין קיך, אויף אַ זויבערער, ערטערווייז צעריסענער סיראַטע, האָבן זיינע פיר יינגלעך אַלע מיט שטאָל־גראָע אויגן, אַלע פולע, מיט רויטע געזונטע בעקלעך געהאַלטן אין פאַרענדיקן אַ „פאַלאַץ". אפילו אַ פענדל שוין געהאַט אַריינגעפּאַסט צווישן די קלעצלעך.

דערזען דעם פאָטער האָבן זיי זיך דערפרייט, נישט אַזוי מיט אים, ווי מיט דעם וואָס זיי וועלן אים קענען ווייזן וואָס פאַר אַ פיינעם פאַלאַץ זיי האָבן אויפגעבויט.

— זעסט, דעדי, — האָט דער מיטלסטער דערציילט מיט התלהבות — דאָס האָט אונדז געקויפט מיסטער בראַון. ער זאָגט, ער וועט אונדז קויפן אַ „ריעל פעלעס" (אַן אמתן פאַלאַץ) אויב מיר וועלן נישט וויינען, ווען די מאַמע גייט אַוועק.

ביל האָט אַ ביטערן שמייכל געטון.

— ר'איז אַ גוטער, מיסטער בראַון! וואָס? — האָט ער אַ פרעג געטון דעם עלטסטן, דעם אַכט יעריקן. דער קליינער האָט געהאַט גרייט אַ פריילעכן יאָ, נאָר ער האָט זיך פלוצלינג באַגעגנט מיטן פאָטערס בליק, און דאָס וואָרט איז אים געבליבן שטעקן אין העלדזל. ער האָט זיך פאַרטראַכט, ווי אַ דערוואַקסענער און אַליין נישט ווייסנדיק פאַרוואָס, האָט ער זיך גענומען פאָרן גיכער ביי די קלעצלעך. פלוצים האָט ער צעוואָרפן דעם פאַלאַץ. די קלעצלעך האָבן זיך מיט אַ הילצערנעם געקלאַטער צושאָטן — און דער יאָ איז געבליבן הענגען אין דער לופט.

— ווו איז די מאַמע? הא? — האָט ער זיך געבייזערט אויף די קינדערלעך.

זיי האָבן נישט געענטפערט.

— ווו איז די מאַמע? — האָט ער זיך צעהוסט.

— די מאמע האָט געזאָגט כ'זאָל זאָגן כ'ווייס נישט. — האָט אַ פיר־יאָריקס געזאָגט. דער עלטסטער האָט זיך צעלאַכט. באַלד איז ער שטיל געוואָרן און זיך גענומען פאַרן גיכער נאָך ביים צענויפזאַמלען די קלעצלעך פונם דיל.

— די מאמע איז אַוועקגעגאַנגען מיט מיסטער בראַון. ער האָט געזאָגט, אַז זי וועט נישט גיין וועט ער ווידער וועלן דירה־געלט — האָט דער עלטסטער געררעדט שטיל, ווי ער וואָלט פאַרטרויט דעם פאָטער אַ סוד.

— וועסט נישט זאָגן דער מאַמען, אַז כ'האָב דערציילט, וועסטו? — האָט דער קלענער געוואָלט זיין זיכער.

— נישט זאָגן, — האָט ביל אַ ברום געטון מיטן ליידיקן מויל.

— מיסטער בראַון אויך נישט! — האָט זיך פלוצלינג אָפּגערופן אַ זעקס יעריקס, אַ פּולס, אַ בלאָנדס, מיט אַ פאַרסמאַרקעט נעזל און פולע הענטלעך מיט קלעצלעך, וואָס ער האָט צענויפגענומען פונם דיל. — אַז נישט וועט ער נישט קויפן קיין פּאַלאַץ — האָט דער קלענער געגעבן צו פאַרשטיין בילן אַביסל לאָגיק.

ביל איז ארויס. ער איז צוריק אריין אין פּאַרק. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ באַנק קעגן איבער אַ קינסטלעכן טייך. אינם וואַסער איז געשווומען אַ קאַטשקע מיט בלאָע פליגל און נאָך איר, אפשר אַ טוץ קליינע, געלע קאַטשקעלעך.

ביל האָט אריינגעוואָרפן די ווייך־געוואָרענע קיכלעך אין וואַסער אריין. די קאַטשקע מיט אַלע אירע קינדער האָבן זיך אין איין אימפּעט אַ לאָז געטון צום ברעג.

ביל האָט זיך צוגעקוקט, ווי די חברה פרעסערס ניבלען אַריין די קיכלעך.

אַן אַלטער אָפּגעריסענער מענטש, מיט אַ פאַרקאַלטנטער גראָ־גרינער באָרד, מיט לאַנגע פאַרקאַלטנטע גראָ־גרינע האָר און אַ פּאָר צעפליקטע שיך, וואָס האָבן איבערגעלאָזט נאַקעט אַלע צען ברודיקע, געשוואָלענע פינגער פון זיינע צעפּלאַטשטע פיס, האָט זיך שווער אוועקגעזעצט.

— האַלאָ ביל! שוין ווידער יום טוב?

ביל האָט אָנגעקוקט דעם אַלטן מיט שטאַרע אויגן, ווי ער וואָלט אים ניט דערקאָנט. זיינע מחשבות זיינען געווען העט ווייט אַוועק.

— זי איז אַמאָל געווען אַ גאַנץ אָרענטלעכע. איך זאָג דיר — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין, און געקוקט שטאַר פאַר זיך.

— וואָס מיינסטו? — האָט דער אַלטער אויסגעגלאָצט די צוויי קאַליע אויגן זיינע אויף בילן, מיינענדיק, אַז ער רעדט דאָס צו אים.

— ער האָט זי ביי מיר צוגענומען פאַר דירה געלט, און עסן פאַר די קינדער.

דער אַלטער האט נאָך אַלץ נישט פארשטאנען, וואָס ער מיינט.

די נאכט איז צוגעפאלן.

ס'האָט זיך דערהערט אַ קלינגען פון אַ גלעקל און דעם וועכטערס אויס־רופן „אָל אוט", אלע אַרויס פון פּארק. ביל איז מיטן ברייטל אונטערן אָרים אוועק צוזאמען מיטן אלטן, אָפּזוכן זיך ערגעץ ווו אַ נאכטלעגער.

אויף אַ שטיינערנעם טרעפּ פון אַ טאבאק פאבריק האָבן זיי זיך איינגע־אָרדנט, געטיילט זיך מיט דער בעקערינס ברייטל און מיטן אלטנס שמאטעס.

ביל איז געוואָרן אַ טרעמפּ.

# צו שפּעט

ביי די סעגאַלס אין הויז איז געווען יום־טובדיק. מ׳האָט זיך געריכט אויף אַ גאָר חשובן גאַסט.

אינעם גרויסן קרישטאָלענעם זשיראַנדעל האָבן אַלע ליכט געברענט. די לעמפּלאַך אַרום די לייוונטענע ווענט, וואָס זענען מערסטנטייל סתם אַ צירונג, וואַרפן פון זיך שאָטנס אויף קעגנאיבערדיקע ווענט און אויף דעם טיפן, געלן, אינדישן טעפּיך, האָבן היינט אויך העל געברענט. דער לאַנגער זאַל איז געשטאַנען ממש איינגעטונקען אין ליכט. פון דער קרעדענץ האָבן די קרישטאָלענע וואַזעס און שיסלען אַ מין טאַנץ אין קאָלירן אויסגעפירט — גרין, רויט, געל, קרישטאָלן־ווייס און פייער־קאָליר האָבן זיך כסדר געביטן, געלאָפן אַרום זיך און אינם קעגנאיבערדיקן אָוואַל געשליפענעם שפּיגל אויף דער וואַנט.

דער שווערער גלאַנציקער טיש פון ניסן־האָלץ איז געווען אינגאַנצן אַרויס־גערוקט. פונעם זילבער־שענקל האָט אַ שטיק עשירות אַרויסגעלאַכט; פון אַ בילד איבערן קאַמין האָט שירלע, די עלטסטע טאָכטער, אַראָבגעלאַכט. ס׳האָט זיך געדאַכט, אָט אָט גייט זי אַראָפּ פונם בילד, זעצט זיך אַוועק ביים לאַנגן טיש און די שווערע רעם בלייבט הענגען אַ ליידיקע און אַ פאַרשעמטע — איבערן ברייטן מאַרמאָרנעם קאַמין. דער פּאַרקעט ארום טעפּיך האָט געשפּיגלט און איז געווען סכנותדיק גליטשיק.

אונטן אויפן קליינעם טעפּיכל ביים קאמין האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ ליבעס־סצענע צווישן די גריכישע געטער. שירלע האָט זיך אַ לאַכנדיקע צוגעקוקט, נישט אין זינען געהאַט אפילו אַראָפּצוגיין פונם בילד.

די קעכין האָט געשוויצט, געשטאנען אויף די געשוואָלענע פיס פון פאַר־טאָג אָן און זי איז נאָך אַלץ נישט פארטיק געווען, אַלץ געהאַלטן אין איין קאָכן און פּרעגלען, בראָטן און באַקן — געהאַקטע פיש און „געפּרייטע“ פיש, (געפּרעגלטע) היינערשע יויך און געבראָטענע קאַטשקע, געהאַקטע קלאָפּסן און געשטאָפּטע קעלבערנס, קוכן און לעקאַך און אַלערליי „פּודינגס“, „עפּל־פּיי“ און שטראָדל — אַ מיש־מאַש פון יידיש־היימישע מאכלים און עכט ענגלישע. אַפילו „יאָרקשייר פּודינג“ האָט זי נישט פאַרגעסן צו מאַכן.

זי האָט געוווסט, מיסיס סעגאַל, אַז דער גאַנצער קאָנטינענט חלומט פון

אַ וויזע, כדי צו קענען אַריינקומען — אין חלום כאָטש — קיין ענגלאַנד. און זי האָט זיך געוואָלט באַווייזן מיט דער מדינה אירער, ווי זי לײַדט שוין איבער צוואַנציק יאָר פון רעוומאַטיזם, האָט אויסגעקרימטע פינגער, אַ דיקן בויך, אַ שווער לײַביקן גוף און אַ ליכטיק, קײַלעכדיק פנים.

זי איז שוין אַ גאַנצע ענגלענדערין, די מיסיס סעגאַל. זי ווייסט, אַז מ׳דאַרף זאָגן „איי העוונט דאָן איט" און נישט „איי דידנט דאָן איט". לאַכט פון די „פּאַרווענערס", האַלט זיך אָפּגעזונדערט ביי זיך אין הויז, פּירט אפילו מיט אַ הינטל מיט זיך בשעת זי גייט אויסקלויבן די פיש מיט די הינער און די אַלער־ליי טייערע פירות, וואָס מ׳שיקט איר דערנאָך אַהיים מיט גרויס כבוד און נישט פאַרגינערישקייט דורך אָרימע ידישע און מערסטנטיילס גוישקע שיק־יינגלעך.

זי היט אָפּ דעם ידישן כבוד, גיט די גוישקע שיק־יינגלעך מער ביר־געלט פון די ידישע, כדי נישט צו מאַכן קיין אַנטיסעמיטן פון זיי.

דערצו איז זי נאָך אַן אָפּגעהיטענע ידישע טאָכטער, בענטשט ליכט יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס, שטעלט זיי דווקא אַריין אין דער פראָנט שטוב, צינדט אָן אַלע לאָמפּן און פאַררוקט נישט די שווערע פּליושענע פאָרהאַנגען ביי די פענסטער. שעמט זיך נישט — פאַרקערט, איז שטאָלץ דערמיט, וואָס זי איז אַ ידיש קינד. און האָט אפילו גרויס הנאה ווען זי זעט ווי די גוים כאַפּן פאַר־גאַפטע בליקן אין איר פאַרפּוצטן זאַל אַריין, ווי פון די שווערע זילבערנע שבת־לייכטער גיסט זיך אַ וועלט מיט יום־טובדיקייט אַרויס.

ווען ר׳איז געקומען, דער גאַסט, איז די שמחה געווען גרויס. קודם כל איז דער גאַסט אַ פּלימעניק און אין הויז זענען דאָ דריי טעכטער. אַ חוץ מזה וויסן זיי, אַז ער איז נישט סתם אַזוי זיך אַ בחור, נאָר אַ מענטש מיט אוני־ווערזיטעט בילדונג, אַ נאָר וואָס געענדיקטער דאָקטאָר. און דער שוואָגער, דער מיסיס סעגאַלס שוועסטערס מאַן, האָט געשריבן, אַז דער זון זיינער האָט נישט סתם געענדיקט, נאָר מיט אויסצייכענונגען און אַז דער פּראָפעסאָר האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך נישט לאָזן אַראָפּפירן פונם וועג, וואָס ס׳געשעט מיט אַזויפיל יונגע דאָקטורים: ער זאָל למען השם נישט עפענען קיין „קרעמל", נאָר ר׳זאָל ווייטער שטודירן, ספּעציאַליזירן זיך אויף אויגן. על כן בעט ער זער זיי, די סעגאַלס, זיי זאָלן אים העלפן די זאַך אַדורכצופירן.

וואָס ער האָט אַזוינס געמיינט מיטן וואָרט „קרעמל" האָט די מיסיס סעגאַל אפילו נישט אַזוי אינגאַנצן פאַרשטאַנען. נאָר זי האָט גאַנץ וווּל גע־ווּוסט, אַז דער שוואָגער איז אַ ייד אַ למדן, נישט אַזוי ווי איר דזשעק און — הגם ער איז נעבעך אַ גרויסער אָרימאַן — האָט ער פונדעסטוועגן געלאָזט אַלע קינדער לערנען. אַ חוץ דעם זון, וואָס דאַרף אַ ליאַדע רגע אָנקומען, האָט ער נאָך צוויי מיידלעך וואָס גייען אין גימנאַזיע — און טאָקע פאַר איר געלט.

מחמת, ווען נישט דאָס, וואָס זי שיקט פון דאַנען, וואָלטן זיי דאָרטן אויסגע־גאַנגען פאַר הונגער.

מיסטער סעגאַל האָט זיך אַרומגעדרייט הין און צוריק איבערן זאַל אין דערוואַרטונג. און כדי די צייט זאָל גיכער פאַרבייגיין, האָט ער זיך אַלע ווײַלע אָפּגעשטעלט נעבן די טעכטער, וואָס זענען געזעסן אויף דער סאָפע, אויף די ברייטע פאָטעלן — שמאָלינקע, שלאַנקע, די קורצע קליידלעך אַרויפגערוקט ביז אַ שטיק פאַר די קניען, אַנטפּלעקט פיין געטאָקטע פיסלעך אין עכטע לייב־קאָלירטע זיידענע זאָקן.

דאָס הינטל האָט אים נאָכגעפאָלגט יעדן טריט, אָפּגעשטעלט זיך ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געשנאָרכט מיטן שוואַרצן נעזל פון גליק, וואָס אַלע זענען אין זאַל און ער בתוכם.

ער האָט באַטראַכט אַלצדינג אין שטוב, מיסטער סעגאַל, געחידושט זיך, וואָס ער האָט ביז איצט גאָרנישט געוווסט, אַז ער האָט אַזעלכע שיינע טעכטער.

ער האָט געכאַפּט אַ בליק אין שפּיגל און געזען, אַז ער אַליין זעט נאָך אויך אויס גאַנץ שיין און יונג. געכאַפּט אַ בליק אויפן ווייב און זיך געוווּנדערט, וואָס ער האָט גאָר ביז איצט נישט באַמערקט, אַז זי האָט זיך אַזוי צעוואַקסן, האָט אַזאַ ריזיקן איינגעשנאָרעוועטן בוזעם, אַזעלכע שווערע היפּטן און פּלייצעס און אַ סך גראָע האָר אויפן קאָפּ.

אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז ערשט היינט אַזוי געוואָרן. שוין דרייסיק יאָר ווי זיי ווױנען צוזאמען און ער האָט פריער גאָרנישט געזען זי זאָל זיך מיט עפּעס ענדערן. אים האָט זיך ביז איצט געדאַכט, אַז זי זעט יעדן טאָג אויס די אייגענע... ער האָט זיך ערשט איצט דערמאָנט, אַז דאָס ווייב האָט זיך טאַקע כסדר באַקלאָגט פאַר אים, דאָס זי ווערט צו דיק, דאָס די „וועריקעס וועינס“ ווערן ביי איר נאָך יעדער קימפּעט בולטער און די פיס אַלץ מער געשוואָלן, קוועלן אַלץ מער אַרויס פון די צו ענגע שיכלעך....

איז זי — די יידענע מיט די דריי גוידערס, מיטן ליכטיק שמאַלציקן פּנים און פעטע גלאַנציקע איינגעגראָבענע אייגלעך — דאָס שלאַנקע מיידל, חנה, מיטן לענגלעכן פּנים, מיט דער שאַרפער, אַרויפגעבויגענער גאָמבקע, וואָס האָט דערציילט פון אַ פעסטן כאַראַקטער, די מיט די ליכטיקע, גרויסע, בלאָע אויגן, זיין מיידל, פאַר וועמען ער האָט אַ גאַנצע מלחמה געמוזט פירן ביז ער האָט זי זוכה געווען צו קריגן און וואָס האַלט אים נאָך עד היום אין איין מאַכן פאַרוורפן, אַז ער האָט זי אָפּגענאַרט, אַז זי האָט געמיינט ער איז אַ גאַנצער אינטעליגענט געווען ביי זיך אין שטעטל דאָרט און ס'האָט זיך אויסגעלאָזט, גלייך נאָך דעם וואָס זיי זענען אנטלאָפן קיין לאָנדאָן, אַז ער איז אַ פּראָסט פּשוטער שניידער....

— האַ, האַ האַ! — האָט ער זיך צעלאַכט — טאַקע כדאי געווען צו פירן מלחמה. האַ, וואָס, עני?

דאָס ווייב האָט אויפגעריסן, אויף וויפל ס'האָבן זיך איצט געלאָזט, די אייגלעך און נישט פאַרשטאַנען.

— האָסט עפּעס געזאָגט, דזשעק?

— ניין, גאָרנישט, „ט'ס אָלרייט"...

ער האָט דערווייל געכאַפּט אַ בליק אויפן חתונה בילד זייערן, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ נידריק טישל אין אַ ווינקל, נאָך איינעם אין שפּיגל אַריין און ער האָט געזען, אַז אויך ער האָט זיך אַ היבש ביסל געענדערט.

ער האָט אויסגעטון די פיר־עקעכדיקע יאַרמלקע, וואָס ער האָט היינט אַ גאַנצן טאָג ניט אַראָפּגענומען פונם קאָפּ. אַ ווייסער פליך האָט אים אַ גלאַנץ געטון פאַר די אויגן. ער האָט דערזען, אַז פונם פיינעם געקאַרבטן קאָפּ ברוינע האָר, וואָס אויפן בילד, איז נישט מער ווי אַ זילבערן רעמל געבליבן. און ווי ער וואָלט עס ערשט היינט צום ערשטן מאָל דערזען, האָט עס אים געאַרט, וואָס ער. איז שוין אַליין אויך גראָ — פאַרקערט, גראָער נאָך פונם ווייב. און די לענגלעכע, אַביסל געבויגענע נאָז איז אַ סך, אַ סך דיקער געוואָרן — דיק און קיילעכדיק. ער האָט זיך צוריק אָפּגעקערט פונם שפּיגל, צוריק אַרויפגעזעצט די יאַרמלקע אויפן קאָפּ.

— יאָ, מ'ווערט נישט יונגער.

ער האָט אַ קוק געטון אויף דער האָריקער האַנט. אינם ברייטן לעדערנעם פאַס האָט דער זייגער געוויזן האַלב זעקס.

— ס'ווערט שפּעט. מ'זאָל כאָטש באַווייזן צו נעמען אים אין סינאַגאָג — האָט ער אַ זאָג געטון צו דער עלטסטער טאָכטער, וואָס האָט זיך גראָד איצט געהאַט איבערגעבויגן איבערן ראַדיאָ־קאַסטן, צוגעהערט זיך צו אַ סימפאָנישן אָרקעסטער.

„איי סופּאָז דעי וויל סון בי היער" — האָט זי זיך באַימט צו ווייזן פאַרן פאָטער גלייכגילטיק, נישט אַ האָר טשיקאַווע צו זען דעם קוזין, וואָס מ'האָט אין שטוב אָן ווערטער און אָן זיין הסכמה שוין געהאלטן פאר אַ צוקונפטיקן איידעם.

דער גראָער אויטאָמאָביל, וואָס מ'האָט מיט אַ שעה פריער געהאַט אַרויסגעשיקט צום באַנהויף אָפּוואַרטן דעם פלימעניק, האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ געפּילדער.

אינם פראָנט גערטענדל זענען די ביימלעך געשטאַנען קיילעכדיק־פאַרשניטענע, באַגאָסן מיט אַ שטיק גאָלדענער זון. די קריזאַנטעמען פון אַלערליי קאָלירן האָבן זיך ממש געבאָדן אין דער בין־השמשותדיקער זון, וואָס האָט — פונקט ווי דער באַלעבאָס — נישט קיין חשק געהאַט מודה צו זיין, אַז זי האַלט שוין ביים אונטערגיין.

די טעכטער האָבן זיך אַלע מיטאַמאָל אַ לאָז געטון צום ברייטן געקעסטלטן פענצטער, געהיטן זיך דער גאַסט זאָל נישט זען דורך די טייערע טוליענע פאָרהאַנגען, ווי זיי גנבענען דורך נייגעריקע בליקן.

סעגאַל אַליין האָט זיך גלייך געמאַכט די ירמלקע אויפן קאָפּ און איז אַ פריילעכער אַרויס, מקבל־פּנים זיין זיין ווייבס פּלימעניק.

די מאַדאַם סעגאַל איז געבליבן שטיין ביי דער אָפענער הויז טיר, אַ שיי־נענדיקע געוואָרט מיט אירע אָפענע פעטע אָרימס אַריינצונעמען אים אינגאַנצן, ווי גרויס ער איז, צו זיך און אים קושן אָן אויפהער.

דרייסיק יאָר שוין, ווי זי איז אָבגעריסן געוואָרן פון דער היים. איר האָט זיך געדאַכט: איר שטעטל, אירע מיידלשע יאָרן, איר גאַנצע משפחה וואָרט זי דאָ אָפּ איצט מיט אָפענע אָרימס. און אַ טרער האָט זיך איר גענומען קייקלען אויף דער צעפלאַמטער רעכטער באַק.

פונעם אויטאָמאָביל איז מיט גרויס בריהשק'ט אַרויסגעשפּרונגען הערי, דער איינציקער זון, די סעגאַלס; אַ בלאָנדער, אַ באַלייבטער, אין אַ העלן אָנצוג, אין ווייסע שיך מיט ברוינע נאַסקעס, מיט אַ לאַכעדיק אָפן פּנים, איז ער געשטאַנען ביים טירל פונם אויטאָמאָביל און געוואָרט דער קוזין זאָל אַרויס־קומען.

ער האָט דערזען דאָס הינטל, אַ כאַפּ געטון עס און גענומען אויסשמועסן זיך דערמיט.

פונם אויטאָמאָביל איז אַרויס אַ טונקל־פּנימדיקער בחור פון אַ יאָר דריי־סיק, אין אַן אָפּגעחומלטן גראָען אָנצוג, מיט אַ פּאָר אָפּגעחומלטע שיך, מיט אַ שטאַרק פאַרזאָרגט פּנים און אַ פּאָר טונקל ברוינע אויגן, וואָס האָבן געגלאַנצט ווי ביי אַ הונגעריקן.

די מיידלאַך האָבן אַלע אינאיינעם אַרויסגעלאָזט אַן — „אָה!" צוריק אָוועקגעזעצט זיך, ווי עס איז, אויף די פאָטעלן, באַקוועם געמאַכט זיך. ס'האָט זיי איצט אַ האָר נישט געקימערט, ווי אַזוי זיי זען אויס.

מיסטער סעגאַל האָט גענומען דעם בחור אונטערן אָרים, מיט גרויס צע־רעמאָניע פאַרגעשטעלט אים פאַר דער מומע.

מאַדאַם סעגאַל איז בלאַס געוואָרן. זי האָט פאַרגעסן, אַז זי דאַרף זיך מיט אים קושן. דערמאָנט זיך און אים אַ קוש געטאָן אין שטערן. אַ ליכטיקער חלום איז איר צושטערט געוואָרן. איר גאַנצער עבר איז אָפּגעמעקט געוואָרן אין משך פון איין איינציקער רגע.

מיסטער סעגאַל האָט כמעט פאַרבייגעשטופּט זיך, מיטן גאַסט ביי דער האַנט, פאַר זיין ווייב, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר דער אָפענער טיר ווי אַ געליימטע און נישט געוואוסט וואָס טוט זיך מיט איר.

ער האָט צוגעפּירט דעם גאַסט צו דער עלטסטער טאָכטער, פאַרגעשטעלט אים. אַלע דריי מיידלעך זענען אויפגעשפּרונגען, אויסגעשטרעקט די שמאָלע הענטלעך, אַ זאָג געטון „האו דו יו דו", מיט אַלע כחות איינגעהאַלטן זיך נישט אויסצושיסן מיט קיין געלעכטער, ווען דער קוזין אין די אָפּגעהומלטע שיך האָט צוגעפּירט איינע נאָך דער אנדערעס הענטל צום מויל און געקושט זיי אויף די לאַנגע, שפּיציקע, העל רויטע פינגער־נעגעל.

נאָר ווען דער קוזין האָט מיט אַ שטיל, רויק און זיכער קול צוריק אַ זאָג געטון „האו דו יו דו", ווי אַ געבוירענער ענגלענדער, זענען זיי געבליבן שטיין מיט אָפענע מיילער.

האַ ! וואָס איז דאָס ?

דאָס דינסטמיידל, וואָס האָט לכבוד דעם גאַסט אויסגעביטן דאָס העל־בלויע קליידל אויף אַ שוואַרץ אַטלאַסנס, אויסגעטוישט די ווייסע מאַנזשעטן מיטן טשעפּיק אויף אַ שפּאָגל־נייעם, האָט אַריינגעטראָגן טיי.

דער בחור האָט מיט גרויס געשיקטקייט געהאַלטן די פיינע פאָרצעלייענע טאַס אין איין האַנד, דאָס אונטערטעצל אין דער אַנדערער און גערופן די טיי אַ „קאַפּ אָף טי", מיט גרויס אַפּעטיט און נישט אַ האָר שעמעוודיק געגעסן פון די אַלע גוטע זאַכן, וואָס מ'האָט אים פון אַלע זייטן אָנגעבאָטן, און אַ ביסעלע סאַרקאַסטיש געשמייכלט, וואָס זיי האָבן נישט קיין שום סאַלאָן מאַניערן, די קוזינקעס זיינע.

נאָר ווען הערי האָט אים אַריינגעפירט אין באָד צימער, וואו די ווייסע קאַכל־ווענט האָבן געבלענדט און אַ שוואַרצע גלעזערנע וואַנע האָט, אַ פולע כמעט, און אַ שמעקעדיקע, געוואַרט אויף אים, האָט ער זיך אינם קעגנאיבער־דיקן שפּיגל דערזען אין זיין גאַנצן הולך און ער איז ביי זיך אַביסל אַראָפּגע־פאַלן.

צו זיינע פיס ביי דער וואַנע איז נאָכן גומענעם טעפּיכל געלעגן אַן עכטער טעפּיך, אַ שוואַרצער. אויפן טעפּיך איז געלעגן צעלייגט אַ ריזיקער בוקעט געלע טוליפּן, אזוי קינסטלעריש אריינגעוועבט, אַז עס האָט זיך געדאַכט זיי לעבן, און איבער זיי איז זיך געלעגן רחבותדיק אויסגעשפּרייט, ווי ביי זיך אין דער היים, אַ שטיק פאַרנאַכטיקע, ערב־שבתדיקע, גאָלדענע זון.

מיט גרויס טאַקט און מיט אַן אינערלעכן דרך־ארץ האָט מיסטער סעגאַל אַליין אַריינגעבראַכט פרישע אונטערוועש, זאָקן, אַן אַנצוג און שיך. געבעטן דעם פּלימעניק, ער זאָל אָנמעסטן, מחמת ער פאַרשטייט, אַז עפּעס האָט געמוזט אונטערוועגס געשען מיט זיין באַגאַזש.

דער פּלימעניק איז רויט געוואָרן, געגומען שטאַמלען :

— יאָ, ס'הייסט...

נאָר מיסטער סעגאַל האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן, אָפּגעהאַקט אים אין מיטן זוכן אַ תרוץ.

— פּליעז האַרי אַפּ עי ליטל, ביקאָז מען מוז שוין באלד גיין אין שול אַריין — האָט ער פאַרענדיקט אין יידיש און איז, אַ דערלייכטערטער פון דער עבודה, אַרויס.

שול יידן זענען זיי גאָר ? אָך, יאָ, ער דערמאָנט זיך ערשט איצט, אַז דער פעטער דרייט זיך די גאַנצע צייט ארום מיט דער יארמלקע אויפן קאָפּ. — הממם, אַן אויסטערלישע מדינה !

די זאכן האָבן אים גוט געפּאסט, מחמת מיסטער סעגאל האָט זיי אים אַליין אויפגעניית לויט ווי ער האָט זיך משער געווען פון אַ פאָטאָגראַפיע. מיסטער סעגאל האָט געהאַט אַ חוש פאר אזעלכע זאכן. אַז מ'האָט געדארפט, האָט ער זיך נאָך איצט אויך נישט געשעמט אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דאָס רעקל און אין דער פאבריק זיינער, צווישן אַלע אַרבעטער, אַוועקזעצן זיך ווייזן דעם הויפּט שניידער, ווי אַזוי מען פאַסט אָפּ אַ שטיקל אַרבעט.

ער האָט אַרויפגעזעצט אַ גרויסן, גלאַנציקן צילינדער אויפן קיילעכדיקן קאָפּ. אין אַ שוואַרצן פראק מיט אַ פּאָר ברייטע, געפּרעסטע הויזן, שוואַרצע הויזן מיט ווייסע פּאסיקלעך. מיט אַ פּאָר ברוינע לעדערנע הענטשקעס אויף די הענט און אַ קליינטשיק, טונקל רויט טלית-זעקעלע אונטערן אָרים, איז ער געווען גרייט, דער מיסטער סעגאל. הערי האָט אויסגעביטן די ווייסע שיך אויף ברוינע, אָנגעטון אויף אין אויער כמעט דעם גראָען וויכן הוט, געשפּילט זיך נאָך אַביסל מיטן הינטל און נאָכדעם וואָס מאדאם סעגאל האָט אָפּגעבענטשט ליכט, זענען זיי אַוועק אין שול אַריין.

די שול איז געשטאַנען איינגעטונקען אין ליכט. פונם סופיט האָבן אַראָפּ־געשטראַלט די געשליפענע קאַנדעלאַבּרעס.

יידן, כמעט אַלע פעט-בייכיקע, שווערלייביקע, מיט הויכע צילינדערס און שמייכלדיקע פּנימער, זענען אים אַקעגנגעקומען, געגעבן אים שלום, אויסגע־פרעגט זיך, וואָס עס הערט זיך עפּעס אין דער אַלטער היים. אַ טייל האָבן גע־קענט זיין פאָטער. עפּעס איינער, דער פעטסטער פון אַלע, מיט דער גרעסטער בריליאַנטענער שפּילקע, אינם ברייטסטן קראַוואַט, האָט אים געדענקט פון דער היים, דערמאָנט אים, אַז זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען אין חדר אַריין, דער־ציילט אים, אַז בשעת ער האָט אָנגעהויבן גיין אין גימנאזיע, זענען זיינע על־טערן אַוועק מיט אים קיין לאָנדאָן.

ענד היער ווי אַר —האָט ער אויסגערופן אַ צופרידענער.

דער גאַסט האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט : אָט דער ברייטער ייד, וואָס זעט גיכער אויס ווי אַ היימישער חזיר־הענדלער, מיט דער בריליאַנ־טענער שפּילקע אין קראַוואַט, איז דאָס צען יאָריקע אינגעלע זייער שכנס — דער, וואָס אַלע יינגלעך האָבן געלאַכט פון אים, ווייל ער פלעגט כמעט תמיד ארומלויפן מיט צעפּלאַצטע הייזלעך, וואָס זענען אויף אים כסדר געוואָרן צו

ענג? ער זעט דאָך אויס אפשר מיט פופצען יאָר עלטער פון אים! און פאַרט, ווען ער קוקט זיך גוט צו צו אים, זעט ער טאקע די ענלעכקייט. געוויס, דאָס איז ער.

— כ׳האָב געהערט זאָגן, ביזט געוואָרן אַ דאָקטאָר. האָסט אלעמאָל געהאט אַ גוטן קאָפּ. איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט קיין עברי. באַט איי דאָנט קער עי הענג, בעליוו מי! — האָט דער פארשוין פארגעסן, אַז ער רעדט צו אַ „גרי־נעם". — האָב איך ניט צוועלף בוטשער שאָפּס, עי? — האָט ער געפרעגט זיך אַליין.

— איי עם וועריפּליעזד טו היער דאט — האָט דער „גרינער" געענט־פערט און אין אַ סך אַ בעסערן ענגליש.

— וואָס, קומסט גאָרנישט פון דער היים? — האָט זיך אויף די יידנס קיי־לעכדיקע פּנימער אַ כמארע צעלייגט.

— געוויס קום איך פון דער היים — האָט זיי דער גאסט געטרייסט — אין דער היים לערנט מען אויך ענגליש. פאַרוואָס עפּעס נישט?

— אין דער היים לערנט מען ערשט — האָט מיסטער סעגאל געהאט נחת און הערי האָט געלאכט:

— איי טהינק ער וועט אייך אלע קענען געבן אַ לעסאָן אין ענגליש, האַ־האַ־האַ!

מ׳האָט זיך געשטעלט דאַווענען. הערי האָט זיך געשאָקלט איבערן סידור און געקוקט דורכן פענצטער, געציילט די רויטע און בלאָע שייבלעך פון די לאַנגע פענסטער אין דער שול, וואָס יידן האָבן געהאט איבערגעבויט פון אַן אָפּגע־קויפטער קירכע.

אַהיים געקומען פון שול, האָט דער פעטער אָוועקגעלעגט אַ קידוש וואָס נישט געשטויגן און ניט געפלויגן, מחמת ס׳האָט זיך אים געגלוסט היינט מאכן קידוש פון אויסנווייניק...

דער פלימעניק האָט זיך געמאַטערט איינצוהאַלטן דעם שמייכל, וואָס האָט זיך ווי אַ פויגל געריסן אויף דער פריי.

דערפאר זענען די מאכלים געווען אזעלכע, וואָס דער פלימעניק האָט נאָך זינט ער לעבט נישט געגעסן און וואָס זענען זיך ממש צעגאַנגען אין מויל. דער בחור האָט זיך שיער טועה געווען, נישט געוואוסט אַזוי אײנגאנצן וואָס מ׳טוט מיט די בערגער טעלער און לעפל און גאָפּל מעסער, וואָס מ׳האָט דאָ אויסגע־לייגט מיט אַ פרייער האנט נאָר ער האָט זיך אַן עצה געגעבן, געקוקט מיט אַ שאַרף אויג אויף די קוזינקעס, אויפ׳ן פעטער, וואָס איז דאָ גראד געווען אַ גרויסער בקי, — און איז נישט דורכגעפאלן.

תחילות האָבן זיך די מיידלעך נישט שטארק איבערגענומען מיטן קוזין, וואָס איז גאנצע טעג אין דער היים נישט געווען און גאנצע נעכט געזעסן אי־

בערן באַלייגטן טיש אין זיין חדר, רויט געמאַכט זיך די אויגן איבער די שווע־רע ביכער און זיך אויף זיי כמעט ווי נישט אומגעקוקט.

די מיידלעך זענען כמעט אויך קיינמאָל אין דער היים נישט געווען, גאַנ־צע טעג געשפּילט טעניס, געבאָדן זיך, געפּאָרן קיין באַרנמוטה, צוריקגעקומען פון באַרנמוטה, אַרומגעשפּאַצירט אין דער וועסט ענד, געקוקט אין די שוי־פענצטער. ווינטער איז מען געגאַנגען צו „טשאַריטי" קאָנצערטן. אין די אָוונטן איז מען אַוועק טאַנצן. און מ'האָט דעם קוזין מיט זיינע עסקים נישט געהאַט אין דער לינקער פּאה אַפילו, בפרט אַז זיי האָבן געזען, ווי ער ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ מער אַריינגעטון אין זיינע פאָרשונגען מכח אויגן און אַז די מלבושים, וואָס דער פאָטער גייט פאַר זיינעטוועגן מיט אַ פרייער האַנט, ליגן אויף אים לויז און נישט באַטעמט, אַז זיינע אייגענע אויגן הויבן אָן ווערן רויט־לעך פון אויפזיין דורך די נעכט.

מיסטער און מיסעס סעגאַל זענען געוואָרן אומרואיק. זיי האָבן געציטערט, די מיידלעך זאָלן זיך דערוייל נישט אָפּזוכן חתנים און אים אַדורכלאָזן. זיי האָט זיך דווקא געוואָלט האָבן אים, זייער קרוב, פאַר אַן איידעם, בפרט אַז עס האָט שוין געהאַלטן דערביי ער זאָל אַ ליאַדע טאָג דינגען אַ קאַבינעט אין האַר־לי סטריט, ווערן אַ „ספּעשיאַליסט".

— פאָלג מיך, רעד מיט אים איבער, ווי לאַנג איז דער שיער צו סטאַדן ? — האָט מיסעס סעגאַל נישט אויפגעהערט איינצוטענהן מיטן מאַן אויפן גע־לעגער ביינאַכט ווען ס'איז זיך נישט געשלאָפן אַזוי. — ער קאָן שוין יעצט זיין אַ ספּעשיאַליסט. ער ווייסט דאָך צומאָל נישט, אַז דו ביסט גרייט אים איינ־צואָרדנען. אַנומלט איז געווען דער בעסטער טשאַנס. ער האָט דערציילט, אַז היינט האָבן ספּעשיאַליסטס מאַשינען ביי זיך אין דער היים און קענען זען דורך זיי וואָס עס טוט זיך ביים פּעישענט אין אויג, אַפילו אויף דער לינקער זייט האַסטו, ווען דו וואָלסט נישט געווען קיין „פול", אים געקאָנט זאָגן, אַז דו וועסט אים לאָזן אַריינשטעלן אַזאַ מאַשין. דערוייל וואָלט געקומען צו רייד און דו וואָלסט אים געקאָנט זאָגן, אַז ס'איז צייט צו מאַכן אַ חתונה.

— וואָס טוט זיך מיט דיר ? זיי זענען דאָך צומאָלט נישט ענגעידזשט, און דו רעדסט שוין פון אַ חתונה !

— נו, דאַרף מען מאַכן אַן ענגעידזשמענט.

דאָס פּאָרל האָט זיך ארומגעריסן כמעט אַ האלבע נאַכט און ס'איז געבליבן, אַז נאָך דעם זונטאָג זאָלן זיין די תנאים.

נישט די מיידלעך, נישט דער בחור, האָבן געהאַט די מינדסטע אנונג מכח דעם פּלאַן, וואָס טאַטע מאַמע האָבן אין זינען געהאַט.

— וועל, איי וויש יו לאַק ! — האָט די מיסעס סעגאַל געקושט די עלט־סטע טאָכטער, שירלין, אינדערפרי בשעת יענע איז געזעסן אין די פּידזשאַמעס

ביים דרעסינג־טייבל אין איר רייכן שלאָף־חדר און זיך געשמירט דאָס פּנים מיט גרינעם קרעם.

— ווהיי? — האָט שערלי אָנגעשטעלט אַ פּאָר גלאַנציקע אויגן, וואָס האָבן איר נאָך געטרערט פון די נאָר וואָס אַריינגעשפּריצטע טראָפּנס, כדי אַרויסצורופן אָט דעם גלאַנץ.

— דעדי האָט אַגריט, אַז ס׳זאָל זונטאָג זיין דיין ענגעידזשמענט מיט דע־ניסן און מ׳זאָל אים שוין דיזגען אַ פּלעט אין הארלי סטריט. גענוג געסטאַ־דעט! ער קען שוין די קונץ! די גערלס וועלן זיך דערווייל אָפּזוכן באָיעס און דו וועסט בלייבן אַן אָלד מעיד, אַז מ׳עט וואַרטן אויף אים. ער מיינט, אַז צו ווערן אַ ספּעשיאַליסט מוז מען פריער ווערן אַן אָלד מען.

— און מיך האָט מען גאָרנישט געפרעגט? איי העוו נאָטינג טו סעי, וואָט?

— האָט שערלי געטון אַ גלעט דער מוטער איבער דער באַק מיט אַ גליקזעלי־קייט און מיט אַ פרייד אין אלע גלידער. פּלוצלינג איז זי אויפגעשטאַנען, אַרומ־געכאַפּט די מוטער און גענומען אַרומטאנצן מיט איר איבער דער שטוב. די מיסעס סעגאל האָט געפּראכט, זיך קוים נאָכגעשלעפּט דער שלאנקער טאָכטער, לסוף אַרויסגעריסן זיך פון איר און אַ שווערע אָוועקגעזעצט זיך אויף דער זיי־דענער קאָלדרע איבערן צעוואָרפענעם בעטגעוואַנט.

— האָסט אים ליב?

— ליב? וועל, איי דאָנט נאָ! באַט דו ווייסט, מאַמע, דעי וויל אָל גאָ מעד ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז מיין פיאנסע איז אַ ספּעשיאליסט אין הארלי סטריט.

— אָף קאָרס! גוד דזשאב, טאָכטער, וואָס דו פארשטייסט. כ׳האָב אַלעמאָל געוואוסט, אַז דו ביסט אַ פּראַקטיקל גערל.

ווען מיסטער און מיסעס סעגאל האָבן אָנגערויטיקטע, פאַרשעמטע, ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט אָפּטון אַ מיאוסע זאך, זיך „געמאכט אַ האַרץ" און האָבן איבערגערעדט מיטן פלימעניק מכח זייער באַשלוס; דערציילט אים, אַז ס׳איז צייט צו טראַכטן וועגן „סעטלען" זיך, געגעבן אים צו פארשטיין, אַז די יינגערע מיידלעך וועלן לענגער אויף שערלין נישט וואַרטן און אז זיי אלס עלטערן ווילן נישט פארשעמען שערלין, לאָזן די שוועסטער חתונה האָבן פאר איר א.א.וו. א.וו. — איז דעם יונגנמאן פינצטער געוואָרן אין די אויגן.

ער האָט זיך אויך גראד איצט געגרייט רעדן מיטן פעטער מכח אַן ענלעכן ענין. ער האָט זיך געגרייט, איינגעחזרט זיך כמעט יעדעס וואָרט, וואָס ער זאָל אים זאָגן, ווי אַזוי ער זאָל עס אים זאָגן. עס איז אים שווער געוועזן, זייער, זייער שווער. און פאָרט האָט ער נישט געזען קיין אנדער אויסוועג.

ער האָט אַ מיידל... אַ ליב, האַרציק מיידל. ער וואָלט פאר איר געלאָפן אין פייער און אין וואַסער אַריין, אַבי איר זאָל גוט זיין. זי האָט אים אויך ליב, ליבער פון איר לעבן.

און ער האָט געהאַלטן, אַז איצט איז שוין געקומען די צייט. דער פּעטער איז אַ גוטער. די מומע אויך. זיי וועלן אים זיכער נישט אָפּזאָגן. זיי האָבן אויך הערצער. זיי וועלן פאַרשטיין. זיי זענען דאָך אויך אַמאָל יונג געווען. און ער ווייסט דאָך — די מוטער פלעגט דאָך אָפט דערציילן, ווי אַזוי די שוועסטער אירע האָט זיי אַלעמען פאַרשעמט, איז אַנטלאָפן מיט אַ שניידער־יונג צוליב ליבע. וועט זי דאָך גוט פאַרשטיין, וואָס דאָס מיינט: האָבן אַ ליבן מענטשן — אַזאַ, וואָס איז דיר טייערער פון דיין אייגן לעבן — ווייט פון זיך; נישט קאָנען צוליב אַ פּאָר פונט אַריבערברענגען זי.

געוויס וועלן זיי אים העלפן. ער איז בלויז געווען אַ נאַר, אַ שעמעוודיק יינגעלע. ער האָט עס שוין לאַנג געדאַרפט האָבן געטון. אָבער איצט, איצט ווייסט ער דאָך, אַז גאָר בקרוב וועט ער זיי קענען פאַר אַלצדינג, וואָס זיי האָבן געטון פאַר זיינעטוועגן, ביסלעכווייז אָפּצאָלן, זאָלן זיך נאָר וויזן די ערשטע פּאַציענטן. אַ „פלעט" (אַ דירה) האָט ער שוין. ענדלעך וועט ער קאָנען וווינען מיט זיין ווייב גלעזעצלעך. דערפון, וועט דער פּעטער געוויס נחת האָבן, ווען ער וועט זיך דערוויסן.

— האַ, און אונדז גאָרנישט דערציילט! — וועלן זיי כלומרשט האָבן תרעומות.

— געוואָלט אייך מאַכן אַ שיינעם סורפּריז — וועט ער זיי זאָגן. און זיי וועלן דאָס לאַכן אַביסל...

— געמיינט, האסט גארנישט מער קיין סענס אָף יומאָר — וועלן זיי אים זאָגן — געמיינט, אַז אַ חוץ קראַנקע אויגן און ברילן זעסטו גאָרנישט.

און, אַזוי לאַכנדיק, וועלן זיי נאָכאַמאָל איבערלעבן זייערע אייגענע יונגע יאָרן און צוליב דעם ווערן נאָך צערטלעכער, נאָך ברייטער לגבי אים ווי ביז איצט, און עס וועט ענדלעך קומען אַ סוף פון זיין און בעיקר איר, זיין מיידלס־ווייבס בענקענישן און אָפּגעריסנקייט איינער פונעם אנדערן.

— איז נאַ דיר גאָר אַזאַ אומגליק!

די מיסיס סעגאַל האָט פאַרבראָכן מיט די הענט, געפּרווט איינהאַלטן אין זיך דעם ים טרערן, וואָס האָט זיך אַ גאָס געטון איר אין די אויגן אַריין — און נישט געקאָנט. זי האָט זיך צעכליפּעט, ווי אַ קליין קינד.

— וואָס וועט זי איצט זאָגן שערלין?!

שערלי האָט זיך צעלאַכט, געווישט דער מוטער די טרערן פון די אויגן און נישט אויפגעהערט איינטענהן מיט איר, אַז זי וואָלט אים סאַי ווי נישט גענומען, אַז זי האָט קיינמאָל פאַר אים נישט „געקערט", ווייל ער איז אַ „מיזע־רי", ר'איז עס אַלעמאָל געווען און וועט עס אַלעמאָל זיין.

„שי קען העוו הים!" — האָט זי פאַרענדיקט און איז אַרויפגעלאָפן אין איר חדר אַריין, כדי די מוטער זאָל נישט זען ווי זי יאָמערט.

## צו שפּעט

### ענגלישע ווערטער פאַרטייטשט אויף יידיש

„עפּל פּיי״ —אַ סאָרט ענגלישער עפּל שטרודל.
„יאָרקשייר פּודינג״ — אַ קוגל וואָס מען מאַכט אין יאָרקשייר.
„איי העוונט דאַן איט״ — איך האָב עס נישט געטון.
„ווערי‏קעס ווײנס״ — פאַרהאַרטעוועטע אָדערן.
„יאַנגער״ — יונגער.
„איי סופּאָז טהעי וויל סון בי היער״ — זיי וועלן מסתמא באַלד קומען.
„האַו דו יו דו ?״ — וואָס מאַכט איר ?
„קאָפּ אָף טי״ — אַ טעפּעלע טיי.
„פּליעז האַרי אַפּ עי ליטל בעקאָוז״ — ביטע איַיל זיך צו אַביסל מחמת
„ענד היער ווי אַר״ — און אָט זענען מיר דאָ.
„באַט איי דאָנט קער עי הענג, בעליוו מי ! — אָבער עס האַרט מיך נישט אַ האָר, גלויב מיר !
„בוטשער שאָפּס״ — יאַטקעס.
„איי עם ווערי פּליעזד טו היער דאַט״ — עס פרייט מיך זייער דאָס צו הערן.
„איי טהינק״ — מיר דאַכט זיך.
„לעסאַן״ — לעקציע.
„טשאַריטי״ — וואוילטעטיקע
„ספּעשיאַליסט״ — פּראָפעסאָר אָדער ספּעציאַליסט.
„סטאַדען״ — שטודירן.
„טשאַנס״ — געלעגנהייט.
„פּעישנט״ — פּאַציענט.
„פול״ — נאַר.
„ענגעידזשד״ — פאַרלאָבט.
„ענגעידזשמענט״ — תנאים.
„וועל, איי וויש יו לאַק !״ — נו, ס זאָל דיר זיין מיט מזל !
„ווהיי ?״ — פאַרוואָס ?
„דעדי אגריס״ — דער טאַטע איז מסכים.
„אָלד מעיד״ — אַלטע מויד.
„אָלד מען״ — אלטער מאַן.
„וועל איי דאָנט נאָ, באַט״ — כ׳ווייס אַליין נישט, אָבער
„דעי וויל אָל גאָ מעד״ — זיי וועלן אַלע משוגע ווערן.
„פיאַנסעי״ — חתן.
„אָף קאָרס״ — אוודאי.
„גוד דזשאַב״ — ס׳איז גוט.
„עי פּראַקטיקל גערל״ — אַ פּראַקטיש מיידל.

צו שפּעט

„סעטלען" — איינאָרדנען זיך.
„סענס אָף הומאָר" — געפיל פאַר הומאָר
„געקערט" — ליב געהאַט.
„מיזערי" — מרה שחורהניק.
„שי קען העוו הים" — זי קען זיך מיט אים האַלטן.

# צוויי ביבליאָטעקן

אין דער גרויסער פּאָדער־שטוב פון דער ביבליאָטעק מיט די גרינע גלאַנציקע ווענט ווי דיקע, גלאַטיקע זיילן האַלטן אונטער דעם פיין־געוועלבטן סופיט, איז ליכטיק, דער רויט־ווייס, געקעסטלטער דיל איז קאַלט און זויבער. פון דער טיר נאָר שוואַרצט זיך אַ נאַסער, שמאָלער טעפּיך בלאָטע. איבערן לענגלעכן בענקל, וווּ ס׳וואַרטן אַלטיטשקע מענער און ווייבער אויף אָפּכאַפּן אָטעם און קינדערלעך — אויף טאַטעס און מאַמעס, וואָס זענען אַריין אויסקלויבן אַ בוך, הענגען אַלערליי אויפשריפטן, וואָרנונגען צום פּובליקום; רויכערן איז שטרענג פאַרבאָטן!

פּאַר שפּייען וועט מען איבערגעבן צום געריכט!

האַרט ביים פענצטער שטייט אַ פּילאַרי״ פּאַר אַ זכר לדורות. אויף אָט דער טאָרטור־מאַשין איז אַן אויסגעקריצטע אויפשריפט, וואָס דערציילט דעם אופן פון באַשטראָפן אַמאָל, אין די פּרימיטיווע צייטן, ווען מענטשן זענען נאָך נישט געווען ציוויליזירט... אין אָט דער מאַשין פלעגט מען איינקלעמען דעם זינדיקן, לאָזן אים שטיין אינמיטן מאַרק און גוטע מענטשן פלעגן קומען, טון אַ מצוה, באַוואַרפן דעם אומגליקלעכן מיט פאַרשטונקענע אייער, מיט מיסט, אַלערליי אָפּפאַלעכץ; גאָר פרומע פלעגן וואַרפן שטיינער אויך... כמעט תמיד פלעגט דעם זינדער די נשמה אויסגיין פון חרפּה און יסורים.

גראַד קעגנאיבער דער „פּילאָרי״ שטייט אַ ביוסט פון אַ רייכן, גוטמוטיקן מאַיאָר מיט אַ קאָפּ שטיינערנע לאָקן. ער קוקט אַריבער צום טאָרטור־מאַשינדל מיט זיינע שטיינערנע אויגן און שמייכלט קאַלט.

ס׳איז שבת אָוונט. אינם פּאָדער־צימער רודערט זיך. ס׳איז אַ געגייעריי. ס׳קומען אומבייטן ביכער יונגע מיידלעך און בחורים, אַזעלכע, וואָס מען קען זיך גיכער ריכטן צו באַגעגענען אין טאַנץ־זאַלן, אין קינאָס, אָבער נישט דאָ. קומען זיי דווקא מיט צוויי און דריי ביכער מיט אַמאָל. ס׳קומען בחורים מיט קורצע הויזן און נאַקעטע קניען, כל׳ערליי „הייקערס״ און „בייקערס״ מיט זייערע מיידלעך, די מיט די „אַ לאַ גאַרסאָן״ פאַרשוירענע קעפּלעך און ברייטע מענערישע שיך. ס׳זען זיך אויך אַ סך יונגע יידישע פּנים׳ער. ס׳קומען אַלטע גויעס מיט גרויסע קוביקעס און קעניגן וויקטאָריא־היטן אויף די שפּיץ קעפּ, ס׳קומען אַלטע גוים מיט וואַסערדיקע אויגן און ביינערדיקע פּנים׳לעך, מיט אויסגעלאָשענע פּיפּקעס אין די אָנציינטיקע מיילער.

ס'קומען שול־יינגלעך מיט גלאַנציקע באַקן און שקאַצישע אויגן, ס'טאַנצן אַריין אויף שטריקלעך גרינע מיידעלעך און ס'כאַפּן זיך אַריין באַלעבאַסטעס מיט קוישלעך אין די הענט. אַפילו טראַגעדיקע ווייבער קומען דאָ אַהער אָנ־גרייטן זיך ביכער אויף צו לייענען אין וואָרימער קימפּעט...

אינעווייניק, אינעם גרויסן זאַל, מיט די געפּאַקטע פּאָליצעס, איז אַ גרוי־סער געיעג נאָך עדגאַר וואָלעס. אַלטע ווייבער כאַפּן אויס מיסעס „העברי וווד" — איבער „איסט לין" קאָן מען כאַפּן אַ זיסע טרער... די הייקערס, די ביי־קערס, די געשווירענע מיידעלעך געבן טיילמאָל אַ טשאַנס אָן איבערגעזעצט בוך אויך. דער עולם קלויבט אינעם געדיכטן וואַלד, ווייסט נישט ווו אָנצוהייבן און ווו אויסצולאָזן...

און דאָ ברענגען די בויגעוודיקע מיידלעך מיט די מאַניקירטע נעגל און אונטערגעפּאַרבטע ליפּן נאָך צו פרישע שטויסן ביכער. די מיידלעך בויגן זיך אונטער דער משא. ס'דאַכט זיך אַז אָט־אָט וועלן זיך די שלאַנקע חנעוודיקע גופימלעך איבערברעכן אין צווייען און די שווערע ביכער וועלן בלייבן ליגן אויפן דיל פון ביבליאָטעק, אָפּגעדעקטע, פאַרשעמטע מיט זייער נאַקעטקייט. נאָר די מיידלעך זענען געווינט צו זייער אַרבייט. די ביכער ווערן אַריינגע־פּאַסט וווהין זיי געהערן מיט גרויס אָרדנונג און זיי פליען שוין ווידער אונ־טערטאַנצנדיק פון לייכטקייט איבערן לאַנגן, גלאַנציקן זאַל, כדי אָנצונעמען נייע שטויסן ביכער.

די מיידלעך ביי די אַריין־און־אַרויסגאַנג טירן האָבן פולע הענט מיט אַר־בייט: אַביסל ביכער פאַראַן אָפּצושטעמפּלען, צו פאַרשרייבן דאַטומס, אומצוקערן באַלעבאַסטעס זייערע קוישלעך, וועלכע זיי טאָרן נישט אַריינטראָגן מיט זיך, צוליב דרך ארץ מסתמא פאַרן געדרוקטן וואָרט און אפשר צוליב אַן אַנדער סיבה...

הכלל, ס'איז לעבעדיק!

גאָר אַנדערש זעט עס אויס אין דער יידישער ביבליאָטעק.

אין אַ לאַנגן זאַל שטייט אַ בופעט. אַ מחיצה צווישן לייען־זאַל און ליי־ביבליאָטעק.

דאָ קומען אַהער עלטערע יידן, נישט אַזוי נעמען ביכער, ווי — שלאָפן, כאַפּן אַ שמועס, טרעפן זיך מיט אַ באַקאַנטן, אַ קוק געבן אין די טעגלעכע צײ־טונגען אַמאָל. דאָס מיידל הינטערן בופעט האָט דאָ נישט וואָס צו טון. זיצט זי גאַנצע טעג און שטריקט. שטריקט און גענעצט, גענעצט און שטריקט. דאָ דערציילן זיך יידן מעשיות, זיי דערציילן פון טאַרטור־מאַשינען אין דייטש־לאַנד, וואָס יענע זענען קעגן זיי אַ שפּילעכל. זיי דערציילן ווי מען פייניקט יידן אין דייטשע קאָנצענטראַציע לאַגערן, אויף פרימיטיווע און אויף מאָדער־נע אופנים. רעדן יידן, קרעכצן יידן, גייט מען איבער צו פּוילן, דערציילט מען זיך מעשיות פון צרות, וואָס עס שטייען אויס די אומגליקלעכע פּוילישע יידן;

מיר דאָ האָבן געגנוג ניסים, וואָס ר׳איז דאָ נישט אַריין — געלויבט צו גאָט דערפאר! — ענטפערן יידן און גייען איבער צו סתם אַנטיסעמיטיזם! צוגע־נעצט זיך אַ ייד אין כאַר מיטן מיידל הינטערן בופעט, דערמאָנט זיך דער עולם אַז ס׳איז צייט אַהיימצוגיין.

און דער זאל ווערט אינגאַנצן ליידיק.

דאָס רב׳ל מיט די שוואַרצע אויגן, אינם אָפּגעכומלטן פעלץ, מיט דער טעקע אונטערן אָרעם, האָט שוין איבערגעלייענט כמעט אַלע אויסלענדישע צייטונגען. געכאַפּט אַ קוק אַריין אינם ליטעראַרישן זשורנאַל און זיך פאַר־קרימט. דער אלטער ייד, וואָס פּליקט הינער אין דער „ליין", האָט איבערגע־לייענט ביידע העכסט־אינטערעסאַנטע ראָמאַנען פון דער טאָג־צייטונג, גע־כאַפּט אַ בליק אין דעם „ליטעראַרישן זשורנאַל", אַ זאָג געטון — „טערקיש" און — אויך אַהיימגעגאַנגען. דער העברעאישער לערער, וואָס ברעכט זיך אין דרייען פון איבערגעוואָקסנקייט, האָט שוין איבערגעלייענט אַלע זיינע לידער פאַרן אויסגעפייניקטן, הונגעריקן שריפטשטעלער, האָט גראַד דעמאָלט, ווען ער האָט זיך געהאלטן אין סאמע מיטן באלעקן פון זיין אייגענער אַרבעט, דער־זען אַז ער לייענט פאר די ווענט, מחמת דער שריפטשטעלער האָט זיך דערווייל געבאָרגט ביי עמיצן אַ שילינג און האָט זיך אַרויסגעכאַפּט עפּעס אָפּעסן — איז ער, דער לערער, פאַר כעס, אויך אַהיימגעגאַנגען.

פון גאָרנישט נישט האָבן וואָס צו טון, ווערט דאָס מיידל אַזוי פויל, אַז זי לייגט צומאָל נישט אַוועק די טעלעכע ביכלעך, וואָס ס׳האָט שוין יאָ עמיצער אויסגעביטן.

איר איינציקער איבערברוך איז דעמאָלט, ווען ס׳באַוויזט זיך דער מוכר ספרים׳ניק, וואָס שטעלט איר, אגב, צו גוטע יידישע ליטעראַטור, פון קינסט־לער, וואָס וואָלטן ביי די אומות העולם אַ וועלט אויפגערודערט. על פי נס פארקויפט ער אַ פּאָר יידישע ביכער.

אַליין איז זי, די ביבליאָטעקאַרין, נישט קיין מומחה אין אַזוינע זאַכן. יידיש איז איר פרעמדלעך... קויפט זי אין די בעסטע יידישע ליטעראַטור צוזאַמען מיט שאמערס ראָמאַנען (הגם יענע האָט זי צו צווי און צו דריי מאָל) אַבי נאָר ס׳געפעלט איר דער איינבונד, קויפט זי — מחמת די ביבליאָטעק האָט גראַד געלט.

נאָר אַז דער מוכר ספרים׳ניק גייט שוין אויך אַוועק און זי האָט שוין קיין הענט נישט פון שטריקן, ווערט זי פלוצים אין כעס און זי צעשרייט זיך אויף די עטלעכע איבערגעבליבענע יידן, וואָס ליגן אויף עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט, און אויף טישן און דרעמלען:

— שטיל זאָל זיין! — שרייט זי אויס.

די יידן כאַפּן זיך אויף, רייבן זיך די צוזאַמענגעקלעפּטע אויגן, קוקן זיך איבער אין דער טונקלקייט און הויבן אָן צו רעדן...

# זי איז נישט בלינד

דאָס הייזל שטייט אינגאנצן אַליין, פאר זיך, די שכנותדיקע הייזער ליגן אַלע צעוואָרפענע צווישן הויכע שטויסן איבערגעבראָכענע, צעבראָכענע ציגל, צעבראָכענע און צעפליקטע שטיקער מעבל, גלאנציקע בעלקעס, ווי ריזיקע שוואַרצע גלאָזונעס; אלערליי הויז־מכשירים און גאנצע בערג צעבראָכן און צעמאָלן גלאָז. אינעווייניק אין דעם הייזל שפינט זיך שטיל אַ חורבן, ווי עס שפינען זיך די נעצן צווישן די בלומען און גראָזן, וואָס זענען זיך דאָ צעוואַקסן איבער די חורבות ווילד און פריי.

קיינער פרווט דאָ קיינמאָל נישט דורכרייסן די פיינגעוועבטע אַרבעט פון טויזנטער זאטע שפינען. נישט אָפרייסן די פיאָלעט־קאָלירטע, הויכע בלומען וואָס וואָלטן געקאָנט באצירן אַ טיש אָדער אַ קרעדענצל אין אַן אָרעמער שטוב, קיינער רירט זיך צו דעם נישט צו.

דאָס הייזל שטייט האלב־פארזונקען אין דער ערד, אינעם שוי־פענצטער זענען אויסגעשטעלט אלערליי פּאמאדעס, זייפן, פּודער און פלעשלעך פּארפומע, אין ביידע זייטן שטייען צוויי וואַקסענע דאמען. איינע אַ בלאָנדע מיט אַ ווייסן, דורכזיכטיק־לויטערן האלדז מיט אַ פּאָר „תמימותדיקע״ אויגן; בלאָע און גרויסע, מיט שוואַרצע געקרייזלטע וויעס און בלאָ אונטערגעפארבטע, גלאנציקע אויגן־דעקלעך. די גאָלדענע האָר שפּיגלען, ס׳נעזל איז ביי איר אַ דינס, אַ פּאַרריסנס. די לאנגע לאָקן וואַרפן זיך איר אַריבער ווי פון זיך אַליין איבער די פיינע אַקסלען, דערגרייכן די קליינע ברוסטלעך געטאָקטע און לויטערע און ביז איבער דער העלפט נאַקעטע. די אנדערע איז אַ ברונעטע; מיט אַ קאָפּ שוואַרצע, גליאיקע האָר, פארקעמט מיט אַ הויכן גרעק. אינעם גרעק זיצט אַ בריליאַנטן־באזעצטער ריזיקער קאם. דיאויגן „הייסע״, פּעך שוואַרצע און אויסגעלאַסענע שמייכלען. די ברוסטן יאדערדיקע, ברוינע, היפּשלעך גרויסע זענען האלב־פארהילט מיט רויטן אטלאס. די דאמען צופוסנס ליגן אלערליי בראשורקעס מיט עצות ווי אַזוי מען דארף זיך נוהג זיין, כדי אויסצוזען פּונקט אַזוי שיין און אפּעטיטלעך ווי זיי, די וואַקסענע יפת־תואר׳ס. און קרעלן ליגן דאָ פון אַלערליי מינים און קאָלירן; רויטע, בלאָע, ווייסע, בורשטין־קאָלירטע, און בראָשקעס אלערליי און פּאראסאלקעס און אַפילו פּאַפּיראָסן. איבער אלעם ליגט אַ דינער שטויב.

דאָס שוי־פענצטער איז אַזוי נידעריק, אַז עס דערהויבט זיך קוים איבערן אויסגעפליקטן טראָטואַר. דורך דער טיר קאָן מען נאָר אַריינגיין אויב מען בויגט זיך איין אין דרייען.

דער באַלעבאָס אינעווייניק איז אָנגעטון אין אַ בלענדנדיק־ווייסן כאַלאַט, ווי אַ דאָקטאָר. די הויזן וואָס זען זיך אַרויס פון כאַלאַט זענען געפּרעסט. די גורטע ברוינע שיך גלאַנצן, דאָס זיידענע העמד איז ווייסער פון ווייס, דער רויטער קראַוואַט איז ברייט און גוט אויסגעבונדן. דאָס בלאָנדע רעמל האָר אַרום דעם ראַזאַווען פּליך שפּיגלט ממש. ער זעט אויס צופרידן מיט זיך און מיט דער וועלט.

ער שטייט איבער אַ פעטן פּאַרשוין, וואָס זיצט אַן איינגעזייפטער אין אַ הויכער לען־שטול מיט אַ ווייס סערוועטל פאַרבונדן דעם קנופּ אויפן נאַקן ווי אַ קינד בשעת די מאַמע גיט עס עסן און ער קאָרמעט אים מיט אַלערליי געשיכטעס, וואָס ער, מיסטער מעלצער טראַכט אַליין אויס פאַר זיינעטוועגן, אָדער ער שמועסט מיט אים פּאָליטיק.

אין ביידע זייטן פון זיין „אָרט" שטייען עטלעכע יונגען אָנגעטון אין ווייסע רעקלעך, ווי קעלנער און עס זיצן קליענטן ; טייל איינגעזייפטע גרייט אָפּגעשאָבן צו ווערן מצד אָט די בחורימלעך אין די קורצע ווייסע רעקלעך. טייל שערט מען — און ס'טאַנצן די שערעלעך און עס גלעטן די קעמלעך און עס פּרוּוון דערציילן מעשיות די ווייס־באַרעקלטע בחורימלעך, נאָר ווייס איך וואָס — זיי קענען דערציילן מעשיות די ווייבער אויבן...

דאָס וואָס זיי האָבן צו דערציילן, ווייסן די קליענטן בעסער פון זיי. זיי זענען מערסטנס אַליין געווען ביי די פערד און הינט־געיעגן, ביים פוטבאָל־מעטש אויך און מען קאָן זיי קיין נייעס נישט דערציילן.

זיצן טאַקע אַ סך קליענטן אויף דער לאַנגער אויסגעזעסענער פּלושענער באַנק קעגנאיבער די הויכע שטולן, שפּיגלען זיך אין די פאַרלאָפענע זייף־באַשפּריצטע שפּיגלען און וואַרטן געדולדיק אויפן באַלעבאָס אַליין.

אַלע ווילן זיי אָנקומען נאָר צו אים, הגם ער, מיסטער מעלצער האָט אַזוי פיל צו טון, אַז זיי וואַרטן אָפט אומזיסט.

פאָרט, אויב אַ קליענט שטעלט זיך באַצייטנס אַוועק נעבן דער שטול וווּ מיסטער מעלצער וואַשט שוין אָדער פּודערט שוין עמעצן כאַפּט ער זיך שוין אַריין אין דער שטול, וואָס איז נאָך וואַרעם און האָט די זכיה געגאָלט אָדער געשוירן צו ווערן פון אים אַליין.

און זיי האָבן טאַקע טויזנט טעם די מעשיות, וואָס ער דערציילט זיי. אַלץ היימישע געשיכטעס.

„הי איז עי דזשאָלי ענד קלעווער מען, איז מיסטער מעלצער" — זאָגן די קליענטן — אַז ער דערציילט אַ „סטאָרי", מיינסטו, אַז דו האָסט דאָס אַלץ גע־

זען מיט דיינע אייגענע אויגן. טייל מאָל דאַכט זיך דיר אַפילו, אַז דאָס וואָס ער דערציילט האָט אַמאָל געטראָפן מיט דיר אַליין.

שטאָט ווייסט דאָס און שטאָטישע יידן פאַלט גאָרנישט איין צו גיין ערגעץ אַנדערש אָפּשערן זיך. אַפילו יידן, וואָס וואוינען שוין איצט אין די רייכע געגנדן העט, העט ווייט אַוועק, דאָרטן וווּ מען דאַרף גיין לייטיש אָנגעטון, כדי אַריינצופּאַסן זיך אין דער סביבה פון לייטישע מענטשן, ווען בדאַי גיין אַ טאָג נישט געגאָלט, אַ וואָך נישט צוגעשוירן, אַבי אָנצוקומען צו מיסטער מעלצער אַליין און כאַפּן אַ „סטאָרי״.

און נישט נאָר אין זיין שטאָט, נאָר אין אַ סך שכנותדיקע שטעט ווייסט מען פון אים. זיין נאָמען שמ׳ט.

קומט צו פאָרן אַ ייד, אַ מחבר מיט אַ רענצל ביכלעך, וואָס ער האָט אַליין געדרוקט, און מוז זיי נעבעך אַליין אַרומגיין פאַרקויפן, ווייסט ער, אַז די איינציקע אדרעס איז דאָס־אָ איינגעזונקענע הייזל מיט די צוויי פאַרשטויבטע שייַנהייטן אינם נישט איבעריק זויבערן שויפענצטער.

און ער קריגט טאַקע אויפן אָרט אַזאַ וואַרעמען שלום־עליכם מיט אַזאַ ווייכע וואַרעמע, הגם אָפּטמאָל נאַסע האַנט און אַזאַ גוטן צוזאָג אין די גוטע שמייכלענדיקע קלוגע אויגן מצד דעם באַלעבאָס, אַז עס ווערט אים ממש ליכטיק.

דער גאַנצער צער און צאָרן פאַרוואָס מען אַנערקענט אים נישט און מען גלויבט אים נישט, אַז ער איז דער גרעסטער שרייבער פון זיין דור און מ׳דערלאָזט, אַז אַזאַ גרויסער מענטש זאָל זיך דאַרפן אַרומשלעפן פאַרקויפן זיין אייגן ווערק, פאַרשווינדט. ווערט צערונען ווי אַ וואָלקן, ווען ס׳טוט זיך אין אים אַ גיס אַריין אַ שטיק קאָכעדיקע זון.

— וואָסזשע מאַכט איר עפּעס, חבר? — רופט דער שרייבער מעלצערן חבר און נישט מיסטער, מחמת ער ווייסט, אַז מעלצער איז אין דער היים געווען אַ סאָציאַליסט, אַן אייגענער מענטש.

— ביטע, גייט אַריין, מיין ניכטע וועט אייך דערווייל אויפנעמען — אַז רק מ׳איז פאַריאָגט!

אינעווייניק, אינעם נישט צו גרויסן חדר איז זויבער און „גוט״. אַ העל פייער פלאַקערט אינעם אָפענעם קאַמין, (הגם ס׳איז זומער) שפּרייט אַ ליבע, וואַרעמע פריידיקייט איבער די פּנימער פון די הויז־מענטשן, איבער די שטיקלעך גלאַנציקע מעבל, לעבט אינעם קעגנאיבערדיקן שפּיגל און אינם גלאַנץ פון ראַדיאָ־קאַסטן.

דאָרט אַהין פירט מיסטער מעלצער אַריין דעם גאַסט, לאָזט אים איבער און אײַלט זיך צוריק אַרויס צו פאַרענדיקן אַ קליענט.

אינעם חדר פֿאָרעט זיך אַ מיידל אויך אין אַ ווייסן כאַלאַט מיט אַ קליין קעפּל שוואַרצע האָר און אַ פּאָר גליאיקע פּעך־שוואַרצע בלישטשענדיקע אויגן. אַ קליין ברוין פּנימל און צוויי טונקל רויטע דיקלעכע ליפּן, וואָס האָבן אַ טבֿע צו פֿאַרשאַרצן זיך בשעת זי רעדט און אַנטפּלעקן אַ מויל ווייסע, שאַרפֿע ציינדלעך, ווי ביי אַ יונג הינטל. דאָס מיידל שטייט נישט אין קיין איינאיינציקע רגע. זי גייט נישט איבער דער שטוב, נאָר זי לויפֿט. זי האָט נישט קיין רגע צייט — פֿונדעסטוועגן איז זי גרייט צו לאָזן אַלצדינג שטיין און אויפֿנעמען די מענטשן, וואָס דער פֿעטער אירער פֿירט אַהין אַזוי אָפּט אַריין, בכבוד גדול.

איידער דער גאַסט האָט צייט רעכט אַרומצוקוקן זיך ליגט שוין אויפֿן טיש אַ ווייס געפּרעסט טישטוך און עס שטייט שוין דער פּלאַטין־זילבערנער טשייניק מיט פּריש־פֿאַרבריטער זודיקער טיי. אַ קריגל מילך, אַ פּושקע צוקער, עס ליגט שוין אויף אַ גרויסן פּאָרצעלאַנענעם טעלער אַ שטויס געשמאַקע דין־געשניטענע סענדוויטשעס. עס ליגט שוין אַן איבערגעקערטער מיטן „באָדעם" אַרויף אַ פֿרישער, אויסגעבאַקענער קוכן, טאַצן און אונטערטאַצן און אַלץ איז אויסגעשטעלט מיט סדר און מיט געשמאַק. אַפֿילו די בלומען פֿונעם ראַדיאָ־קאַסטן שטעלט זי אַוועק לכבוד דעם גאַסט, אויפֿן טיש. זי גיסט אָן טיי און שמייכלט צום גאַסט אַזוי האַרציק און באַחנ׳ט, דאָס ער דערפֿילט אויפֿן אָרט, אַז ער וואָלט חשק געהאַט צו בלייבן דאָ די רעשט פֿון זיין לעבן און זיך לאָזן באַדינען פֿון „חבר" מעלצערס ניכטע... זיצן דאָ אַזוי אַ גאַנץ לעבן און קוקן אויף דער קליינער, אויפֿן בוקעט בלומען פֿון אַלערליי פֿאַרבן און ריחות און אויף די רויטע, געלע און גרינע פֿלאַמען, וואָס לעבן אין קאַמין.

— ביטע, לאָזן זי זיך נישט בעטן, די סענדוויטשעס זענען געמאַכט פֿון כשרן וווּרשט, די אַנדערע זענען פֿון בלויז גרינסן — האָט זי אַפֿילו אין זינען, טאָמער איז דער גאַסט גראָד אַ וועגעטאַריאַנער. אַלץ געדענקט זי.

— ביטע, דער אָנקל וועט זיך ערגערן אויב זי וועלן נישט עסן.

דער גאַסט לאָזט זיך נישט בעטן. פֿאַרקערט...

און אַזוי רעדנדיק מיטן גאַסט טוט זי אַ שוועב אַריין צום פֿעטער, טוט זיך אַ בויג צו צו אים מיט אירע דיקלעכע הייסע ליפּן, אַזוי נאָענט, אַז ס׳דאַכט זיך, זי גייט אים אַ קוש טון. אָבער ווייס איך וואָס... זי רוימט אים בלויז איין, אַז עס איז שוין צייט ער זאָל אַריינגיין עפּעס נעמען אין מויל אַריין. זי בעט זיך ביי אים ער זאָל טרינקען אַ „קאַפּ אָף טי", ער זאָל איבערלאָזן די קליענטן כאָטש איינגעזייפֿטע. איר אַרט נישט אַ האָר.

דער פֿעטער הערט און קוועלט, אָבער קומען קומט ער נישט. ווי האָט ער צייט? אַ חוץ מזה האָט ער נישט פֿיינט, אַז די פּלימעניצע זאָל נאָך אַמאָל אַריינקומען, זיך נאָכאַמאָל בעטן ביי אים, ווידעראַמאָל צולייגן אירע הייסע ליפּן צו זיין גליענדיק אויער. און אַז ער וועט נישט איבערלאָזן דעם קליענט

מיט אַן אָפן מויל און אויערן איבעררייסן די געשיכטע און אַרײַנקומען זאָל זי זיך אָנברוגזן, אירע גליענדיקע שוואַרצע אויגן זאָלן ווערן נאָך הייסער, גלאַנציקער און פולער און „זיסער פון צוקער“ — דעמאָלט ערשט וועט ער אַרײַנקומען אויף אַ ווײַלע, צוזעצן זיך צום טיש, כאַפּן אַ גיכן זופּ פון דער טיי. אויף דער גיך אַ שמועס טון מיט דעם גאַסט און היידא צוריק צו דער אַרבעט מיט אַ פול מויל קיכעלעך, וואָס די פּלימעניצע, פּערעלע, וועט אים אָנפּאַקן.

פלוצלינג האָט דער גאַסט אַ ציטער געטון, ער האָט מיט אַמאָל דערזען ווי עפּעס אַ געשטאַלט שאַרט זיך מיט ביידע הענט פאָרויס אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט טאַפּן דעם וועג פאַר זיך. ווי זי וואָלט אירע אייגענע טריט נישט געטרויט. נישט געקאָנט די שטוב. ווי זי וואָלט היינט צום ערשטן מאָל אין איר לעבן באַטראָטן די ברעטער, וואָס הגם זיי זענען באַדעקט איז אָבער אונטער דעם פיינעם טעפּיך אַ טיפער אָפּגרונט פאַראַן. — און קיין צוריק אַרויס איז נישטאָ.

ער האָט געקוקט אויף דער געשטאַלט, געזען ווי זי האַלט די שווערע טונקעלע אויגן־דעקלעך אַראָפּ איבער די אויגן, וואָס ער האָט נישט געקאָנט זען. ער האָט געזען, אַז זי איז אַ קיילעכיקע, אַ טונקעלע, די האָר קורץ פאַרשוירן, מיט אַ גזשיבעע, וואָס דעקט איר צו דעם גאַנצן שטערן, גרייכט ביז די דיקע, שוואַרצע ברעמען. די נאָז איז אַ קליינע. צו קליין פאַר איר עלטער, די ליפּן דיקע, געשוואָלענע, גאַווערדיקע און בלאָע.

זי שאַרט זיך, שאַרט זיך אַלץ טאַפּנדיק מיט די הענט אין דער לופט. די הענט אירע זענען קליינע און געשוואָלענע. זיי גלאַנצן. זי מורמלט עפּעס צו זיך אַליין. דאַכט זיך זי שמייכלט בשעת מעשה. ס'ווערט אים אומהיימלעך. ער ציטערט מיט די ליפּן, ער וויל עפּעס פרעגן און קאָן נישט. דאָס געשטאַלט שאַרט זיך און פאַרשווינדט.

פלוצלינג דערהערט זיך אַ קראַך. פּערעלע באַקומט אַ בייזן אויסזען. די אויגן צינדן זיך איר, דאָס קליינע מיילעכל קרומט זיך אַזש אויס. — זי ווירד זיך נאָך אַמאָל דערהרגנען. מ'זאָגט איר קריך נישט אַרום, זיץ אויף אַן אָרט. ניין, זי מוז אָנטון שדונות און איבערשרעקן דעם אָרעמען אָנקל צום טויט. טאָמער פעלט אים פאַרדרוס.

מעלצער קומט צו לויפן אין מיטן דער אַרבעט אַ צום טויט דערשראָקענער. ער כאַפּט אַ קוק אויף פּערעלען, ער זעט זי האָט פולע אויגן מיט טרערן, אַ בליק אויפן גאַסט, ער ווערט רויט, ער שעמט זיך, ווי ער וואָלט נאָר וואָס אַ מיאוסע זאַך אָפּגעטון, אָבער דאָס אַלץ דויערט בלויז אַ רגע. ער לויפט אַרײַן אין קיך, ער פּרוּווט אויפהויבן די פּרוי זיינע, וואָס ליגט אַ געליימטע אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, זי איז שווער ווי אַ בר־מנן. לסוף פירט ער זי צוריק אַרײַן אין חדר ווי אַ קליין קינד. ער זעצט זי אַוועק אויף דער אויסגעזע־

סענער לענשטול מיטן האלבן טוץ אויסגעזעסענע קישעלעך און ער בעט זיך ביי איר:

— איך בעט דיך, פייגעלע, טו גאַרנישט, מ'טוט דאָך שוין פאַר דיינעט־וועגן. ווייסט דאָך, ביסט אַ שוואַכע.

— כ'בין נישט קיין שוואַכע — צישעט די קליינע פרוי אַרויס פיר ווער־טער און פארבייסט די ליפּן און עס פילט זיך אין די פיר ווערטער אַ גאַנצע וועלט מיט פראָטעסט קעגן מאן, קעגן דער ניכטע, קעגן לעבן, קעגן גאָט אַליין. זי זיצט און שווייגט ווי אַ טויטע. מ'ווייסט נישט, צי האָט זי זיך ווי געטון, צי נישט. דאכט זיך, זי שמייכלט גאָר. יאָ, זי שמייכלט. זי זעט אויס ווי אַ שטיק שטום אומגליק.

אין דער ראזורע עפנט זיך די טיר און עס טוט אַ קום אַריין אַ הויכע פרוי, אַ שלאַנקע, מיט אַ קאָפּ „גאָלדענע" גלאנציקע האָר אין אַ פיינעם גראָען קאָס־טיום. אינם לינקן לאץ גלאַנצט אַ גאָלדענער מאָנאָגראַם און אַ בינטל פרישע בלומען. די בלאָע טאַפטענע בלוזקע איז שטארק דעקאָלטירט, אויפן צעקנאָ־דערטן האלדז טראָגט זי עטלעכע שנירלעך עכטע פערל. אויף די לאַנגע וויס־געלע הענט מיט די רויטע, לאנגע פינגער־נעגל שימערן עטלעכע בריליאַנטענע רינגען. אויפן מיטלסטן פינגער טראָגט זי אַ רינג פון טונקעלן זילבער, ער באַדעקט איר אַ האלבן פינגער. עטלעכע בראַסלעטן. איינער איז באַזעצט מיט טייערע בריליאַנטן. אַ גרויסע בראָש, וואָס האלט איר צו דעם דעקאָלט איז אויסגעאַרבעט אין אלערליי חיות, פייגל און פיפּערנאָטערס. אויף די פּיסקעס, אויף די פליגל שימערן בריליאַנטן.

— האַללאָ, מיסטער מעלצער — רופט זי אויס אַ פריילעכע.

— האללאָ, מאַדאם צעשאַ. וואָס מאכט איר? גוט זיך אַמוזירט?

— אָן אייך קען מען זיך דען אַמוזירן? — שמייכלט זי שעלמיש און פאַר־מאכט איין אויגל.

די קליענטן קוקן אויף איר, שלינגען זי מיט די אויגן. איינער טוט איר אַפילו אַ פּעטשל בשעת זי גייט פאַרביי. זי פאַררייסט דעם „גאָלדענעם" קאָפּ און שפּאַצירט לאנגזאם אַריין אין שטוב:

— אַך, פּערעלע, קאַכאַנקע מיינע, וויל איך אַ קאָפּ אָף טי?! איך שטארב איינפאַך און הונגעריק בין איך...

פּערעלע גייט אַריין אין פאָדער־הייזל צושטעלן טיי פאַר דער פרוי, וואָס איז איר מומע פון דער מוטערס צד.

— זיץ, ריר דיך נישט! — כאַפּט זי איר אָן ביי ביידע הענטלעך, כ'וועל מיר שוין אַליין מאַכן טיי. דו ביזט שוין גענוג אויסגעמאַטערט, מיין קליינער שאַץ, זיי וועלן דיך דאָ אויסזויגן ביז צום ביין, דו ליבער דומקאָפּ — שלייפּט זי זיך די נעגל און האָט אַפילו נישט אין זינען זיך אַליין צו מאכן טיי. זי דער־זעט פלוצלינג דעם גאַסט.

— אַך, ענטשולדיקן זי, איך האָב זי לײדער נישט באמערקט, עס איסט מיר זער אנגענעם — שטרעקט זי אים אויס אַ לאנגע צעקנאדערטע האנט און גייט אַרײַן אין פאָדערהייזל אָפּוואַשן זיך די הענט. זי דערזעט דעם בארג צו־בראָכענעם פאָרצעלאַן אויף דעם אָפּגעשייערטן טישל. אַ טייל וואַלגערט זיך אויף דער שטיינערנער פאָדלאָגע.

— אוי, דאָס שטיק אומגליק האָט דאָך שוין ווידער אָנגעמאכט שדנות, עס איסט שוין פון איר ווירקלעך נישט צום אויסהאלטן. — קרעכצט זי ווי נישט די קראנקע, נאָר זי וואָלט דאָ געווען די באַלעבאָסטע. און יענע האָט איר שטאַרק בדלות געשטעלט. מיט דער האנט אויף דער אויסדעקאלטירטער בלוזע קומט זי צוריק אַרײַן, טוט אַ בײס פון אַ שטיק קוכן, אַ פריילעכן שפּאַציר מיט די אויגן איבערן טיש מיט די גוטע זאכן און רעדט:

— ווי געפעלט אײַנען מײַן ניכטע?

— אַ פײַן קינד, זער אַ פײַן קינד.

— אַך, וואָס ווייסן זי, ווען איר מאמע וואָלט געלעבט, אַך, לײדער גאָטעס, דאָס קינד איז דאָך געבוירן פאר די פּיאנא, נישט פאר די טעפּ. די ערציאונג, וואָס זי האָט געהאט, די הויכע שולע און דער פּיאַנאָ־לערער. וואָס ווייסן זי, איינער פון די גרעסטע דויטשע פּראָפעסאָרן וואַר איר פּיאַנאָ־לערער. ער האָט געזאָגט, דאָס קינד ווירד איינמאָל שטורמען די וועלט מיט איר טאַלאַנט און איצט מוז זי באַדינען אָט דאָס... — ווייזט זי אָן אויף דער קראנקער — איך ביטע זי, צו וואָס לעבט זאָוואָס, אז קיין קינדער האָט עס נישט, דארף מײַן שוועסטער ליגן אין דר׳ערד און דאָס לעבט. קינדער? קיין אויגן, קיין לײַב, קיין לעבן. טיילמאָל דערשרעקט מען זיך צום טויט. זי פאלט אַוועק מיינט מען שוין, זי ענדיקט שוין. אָבער וואָ....

די קליינע טונקעלע פרוי האָט אַרײַנגעצויגן ביידע באַקן אין מויל אַרײַן. אויסגעזען, ווי זי וואָלט פלוצלינג געקראָגן לעכער אין זיי פון אויסגעמאָגערט־קייט. זי האָט געצופּט דאָס אייגענע פלייש פון די געשוואָלענע הענטלעך און געשמייכלט איר טויטן שמייכל.

אָפּגעגעסן האָט זיך די יידענע קאָקעטיש פארנייגט פארן גאַסט און איז אַרויף אויבן זיך אַביסל צולייגן. פערעלע האָט דערווייל געקאָכט דאָס מיטאָג, וואָס מ׳עסט דאָ אין אָוונט ערשט. זי האָט געדעקט דעם טיש. מעלצער איז אַרײַנגעקומען, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם כאלאט, פארקעמט זיך די האר מיט דעם קעמל, וואָס פערעלע האָט אים געשאָנקען. מ׳האָט זיך געזעצט צום טיש.

מעלצער אויבנאָן, פערעלע ביי זיין רעכטער האַנט, די פרוי ביי דער לינ־קער, נאָך איר דער גאסט און אין סאמע עק פון טיש האָט מען צוגעפירט און אַוועקגעזעצט די באַלעבאָסטע.

די קראנקע האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ קליין שפּיגעלע, זי האָט זיך גלייך געמאַכט די האָר, אָװעקגעלייגט ביידע הענט אויפן טיש, ווי אַ מענטש, וואָס האָט שוין גאָרנישט וואָס צו טון.

— וואָס האָט איר איצט געבערענגט, חבר? — האָט מעלצער געפרעגט ביים מחבר.

— איך האָב נאָרוואָס אָפּגעדרוקט איינס פון מיינע בעסטע ווערק. מיס־טער מעלצער, איך פאַרזיכער אייך, אַז דאָס מאָל טרעף איך מיך אַליין איבער. איר געדענקט מיין לעצט ווערק? ווי וווּנדערבאַר איך האָב דאָרט באַשריבן מענטשן, חיות, די נאַטור, און וואָס נישט? אָבער צום איצטיקן קומט עס נישט. דאָס איז בפירוש אַ „מאַסטער פּיעס", איך שווער אייך, אַז קיין שום יידישער שרייבער האָט נאָך אַזאַ וויכטיק ווערק נישט אָנגעשריבן און איך רעכן אויף אייך, מיסטער מעלצער לעבן, איך ווייס דאָך וואָס פאַר אַן איידעלער מענטש איר זענט, איר זענט דאָך אַ קאָלעגע אויך.

— איך? אַ קאָלעגע? כ'בין דאָך נישט קיין שרייבער.

— ווער זאָגט דאָס? אוודאי זענט איר אַ שרייבער. פון דעם בריוו, וואָס איר האָט אָפּגעדרוקט זעט מען, אַז איר האָט אַ גרויסן טאַלאַנט. איך האָב פּשוט געשטוינט. איז וואָסזשע דענקט איר, איר וועט עפּעס קאָנען פאַרקויפן אַ סך צווישן אייערע קליענטן?

— כ'וועל טון אַלץ וואָס איך וועל קענען. פאַר צוועלף קאָפּיעס גאַראַנטיר איך אייך.

דער מחבר איז אויפגעשטאַנען, אַרויסגענומען אַ בוך פון רענצל, עס דער־לאַנגט דעם באַלעבאָס. דער באַלעבאָס האָט אַ קוק געטון אויף דער אונטער־שריפט, וואָס האָט פאַרנומען אַ היפּשן שטח און אַ צופרידענעם שמייכל געטון. ער האָט צוריק אָנגעטון דעם כאַלאַט און אויף דער שוועל שוין צוגעזאָגט דעם מחבר אַז ער וועט אים אויסשרייבן אַ צעטל פון די היגע יידן און בשתיקה אַריינגעשטופּט אים אין האַנט עטלעכע באַנקנאָטן.

אין אָוונט האָט מעלצער איבערגעדרייט דעם טאָוול אויף דער גלעזערנער טיר מיטן „קלאָוזד" אין גאַס אַריין, אַרויסגענומען זיך אַ שטול פאַר דער טיר ווי תמיד אין זומערדיקע פאַרנאַכטן און אריינגעקוקט אין אַ בוך. נאָר מ'האָט אים נישט געלאָזט לייענען. עס האָבן זיך גענומען קלויבן שכנים פון אַלערליי געסלעך, פאַרפירט מיט אים אַ שמועס, געוואָלט וויסן, וואָס דענקט ער מכוח דעם און דעם ענין, ווי מיינט ער און וואָס האַלט ער, געקוקט אים אין די אויגן אַריין, געוואַרט אויף זיין וואָרט. מעלצער האָט געהאַט אַ גרייטע תשובה אויף אַלץ, פאַר יעדן.

פּערעלע איז אַוועק מיט דער מומען אויף אַ שפּאַציר. זי האָט זיך געוואָלט מיט איר אַדורכרעדן, אָבער די מומע האָט איר נישט געלאָזט קומען צום וואָרט.

— ביסט אַ דומקאָפּ, צעבראָכענע שאַרבנס לעבן איבער גאַנצע טעפּ. אוי־סער דעם, ווי קומט ער צו דיר, ער איז דאָך אַן אַלטער מאַן, כ'וואָלט געשווירן איבער די פּופּציק.

— אָבער מומע, ווער האָט דיר געזאָגט, אַז איך האָב אין זינען עפּעס אַזוינס. דער פעטער האָט מיך ליב ווי אַן אייגן קינד.

— אַך, לאָס שוין, מאַך דיך נישט צום נאַרן, איך האָב גאָט צו דאַנקען, אויגן. אַז מ'איז געווען פאַרהייראַט דריי מאָל, פאַרשטייט מען זיך שוין אויף אַזעלכע זאַכן, ניכט? זאָל ער דיר געבן געלט און פאָר אַוועק קיין אַמעריקע. דיין ברודער וועט דיך דאָרט נישט לאָזן אַרבעטן ווי קיין דינסט. פּיאַנאָ דאַרפסטו שפּילן. דאָס איז דיין באַרוף. נישט קאָכן.

— אָבער ווער וועט אכטונג געבן אויפן פעטער?

— און ווער וועט אויף דיר אכטונג געבן, אַז דו וועסט בלייבן אַ פאַרזעסענע מויד?

— טאַנטע, איך דערלויב דיר נישט...

— נו, זאָג איך עס דיר אָן דיין ערלויבעניש. און ווו איז דאָס הויז, וואָס ער האָט געזאָלט קויפן אויף דיין נאָמען?

— כ'דאַרף נישט קיין הויז.

— דאַרפסט נישט?

— מיין גאָט, איך ווער פאַררירקט — האָט זיך דאָס מיידל אָנגעכאַפּט מיטביידע ברוינע הענטלעך ביים קאָפּ. און גרויסע בלישטשענדיקע טרערן האָבן געציטערט אויף אירע לאַנגע שוואַרצע וויעס. זיי האָבן זיך איינציקווייז אַראָפּגעקייקלט אויף די ברוינע באַקן און געלאָזט ריטשקעלעך אויפן פּודער.

אַהיימגעקומען האָבן זיי געטראָפן מעלצערן שלאָפן אויף אַ באַשריבן צעטל אויפן טיש. נעבן אים איז געזעסן זיין קראַנקע פרוי און אים געגלעט. זי האָט אויסגעזען אַזוי צאַרט און ליב, ווי אַ קליין קינד בשעת עס זויגט פון דער מאַמעס ברוסט.

די קראַנקע האָט דערהערט אַז „זיי" זענען שוין דאָ האָט זי זיך ווי אַ גנב צוריקגעצויגן, צוריק אַוועקגעזעצט זיך אויף איר שטול אין ווינקל. געשמייכלט איר אייביקן שמייכל.

— פּערעלע, בלייב, אַנטלויף נישט, זעץ דיך אַנידער: אָט אַזוי!

די יידענע, וואָס איז געהאַט אַרויף אויבן, איז אַראָפּגעקומען אין אַ ברייטן שלאָף־ראָק מיט אַ סך אויסגעהאַפּטענע בלומען אויף דער אַטלאַסענער פּלייצע, אין אַ פּאָר רויטע, זיידענע שטעק־שיך, מיט אַ ריזיקן בייטל, וואָס זי האָט אויף קיין רגע נישט אַרויסגעלאָזט פון איר האַנט. מחמת זי האָט דאָרטן געהאַט דאָס פאַרמעגן פון אַלע דריי רייכע מענער, וואָס זענען איר געשטאָרבן.

דער מחבר איז אויך צוריקגעקומען, זיך פאַרענטפערט, וואָס ער איז זיך פאַרזעסן. דערציילט מעלצערן, אַז אַחוץ, וואָס ס'קומט אים אַן מיטן טויט צו

פאַרקויפן אַ בוך מוז ער אויסהערן זייערע לעבנס־געשיכטעס. אַלע פאַרזיכערן זיי אים, אַז זיי וואָלטן אליין געשריבן ראָמאַנען, נאָר זיי האָבן נישט קיין געדולד. נו, איז פרעגט שוין גאָרנישט — האָט דער שרייבער שווער אָפּגעזיפצט און זיך געזעצט צום טיש.

— פערעלע, זעץ דיך אַוועק, איך וועל שוין מאכן די טיי — האָט זיך די ייִדינע צוגעזעצט גאָר נאָענט צום טיש, אַזוי נאָענט, אַז סיי מעלצער, סיי דער „מחבר״ האָבן אַריינגעאָטעמט אין זיך דעם ריח פון אלע אירע פאַרפומעס, און שמירעכצער פון כל המינים.

לסוף האָט מען געמאכט נאכט.

מעלצער האָט ארויפגעפירט זיין פרוי אין זייער בשותפותדיקן שלאָף־חדר אַריין. ער איז געלעגן מיטן פנים אַרויף צו דער סטעליע און האָט היינט (נישט ווי זיין שטייגער איז) נישט געלייענט קיין בוך. ער איז געלעגן אַ פאַרטראַכטער, געוואָלט וואַכערהייט נאָך אַמאָל איבערלעבן דעם חלום פונם היינטיקן פאַרנאַכטיקן שלאָף אויפן טיש. די קראַנקע פרוי איז געלעגן נעבן אים, געהאַלטן די שווערע אויגן־דעקלעך אַראָפּגעלאָזט איבער די כמעט אויסגעלאָשענע אויגן און נישט גערירט מיט קיין עבר. שווער און טייגיק און קאַלט איז געלעגן דער ברוין־גראָער גוף אירער ווי אַ טויטע זאַך.

פלוצלינג האָט זי דערהערט דעם מאַנס קול.

— שלאָפסט, פייגעלע ?

— ניין, וואָס עפּעס ? — האָט זי געפרעגט אַ פאַרחידושטע, מחמת עטלעכע יאָר שוין ווי זי ליגט אַזוי נעבן אים אַ וואַכע דורך די נעכט. אַ וואַכע און אַ שטילע און ער לייענט און פרעגט זי גאָרנישט. רעדט נישט אויס צו איר קיין איינציק וואָרט. ווי זי וואָלט געווען בלויז אַ טייל פונם בעט. אַ שטיק האָלץ אַזאַ און פלוצלינג ?

די פרוי האָט מיט אַמאָל דערפילט לעבן אין זיך. ס׳ערשטע מאָל זינט דעם „בליץ״ זינט זי איז אַזוי געוואָרן. זי האָט זיך צעוויינט, געוויינט מיט וואַרעמע טרערן. שטיל און איינגעהאַלטן געוויינט. די טרערן זענען איר געפלאָסן איבער די באַקן און ווי אַ פלאַנץ וואָס איז שוין לאַנג טויט, נאָר דער וואָרצל אין דר׳ערד האָט נאָך עפּעס לעבן אין זיך, ווי אַ פלאַנץ וואָס איז צוליב אַ לאַנגער טריקעניש אָפּגעשטאָרבן און עס הויבט פלוצלינג אָן גיסן אויף איר אַ מחיהדיקער, וואַרעמער זומער־רעגן און עס נעמט זיך באַוויַיזן לעבן. אַזוי האָבן די דריי ווערטער זיינע דערוואַרעמט און אויפגעלעבט דעם קאַלטן, האַלב־טויטן קראַנקן גוף. די ברוסטן, דער בויך, די קניען, וואָס זענען ביי איר תמיד אַזוי געפרוירן האָבן זיך איינציקווייז און ביסלעכווייז דערוואַרעמט און אינם מוח איז איר געוואָרן אַזוי העל, אַזוי ליכטיק. זי פילט זיך צוריק יונג און שפּילעוודיק און שטיפעריש. יאָ, שטיפעריש. זי דערמאָנט זיך די ליבע אירע מיטן מאַן,

וואָס איז איצט פון איר אַזוי פרעמד, אַזוי ווייט, כאָטש אַזוי נאָענט, אַז מער ווי געציילטע ווערטער אַזעלכע ווי: „צייט צו גיין שלאָפן, פייגעלע" אָדער „מאַך דיך נישט נאַריש", אָדער „קריך נישט אַרום איבער די שטובן, כדי מען זאָל דיר גלויבן, אַז דו זעסט", אָדער „פּייניק נישט פּערעלען מיט דיין שמייכל" און פלוצלינג אַזוי צאַרט ווי אין אַמאָליקע יאָרן? ער דרייט זיך אַפילו אויס צו איר, ער ווישט איר אָפּ די טרערן און רעדט:

— פּרווו שלאָפן, פייגעלע.

אָבער זי שלאָפט נישט. זי ליגט וואַך, זי זעט זיך צוריק ביי די עלטערן אין הויז. דער פאָטער בייזערט זיך אויף איר פאַרוואָס זי זינגט. אַ מיידל, זאָגט ער, טאָר נישט זינגען. די מוטער בייזערט זיך, פאַרוואָס ווען זי גייט, גייט זי נישט, נאָר זי טאַנצט ווי אַ משוגענע. זיי בייזערן זיך אויף איר כלומרשט און קוועלן. זי האָט אַפילו אַמאָל אַליין געהערט ווי די מוטער האָט געזאָגט צום פאָטער: זאָרג נישט, מיט אונזער פייגעלען וועט מען אָן נדן אויך קריגן אַ שידוך. זי איז קיין עין הרע אַ יפת־תואר.

זי האָט זיך דעמאָלט צעלאַכט. זי האָט געוווסט, אַז זי דאַרף נישט קיין שידוך. זי האָט ליב בערלען און מיט אים וועט זי חתונה האָבן.

און זי זעט ווי קעגנאיבער זייער וואוינונג, אויפן ערשטן שטאָק ביים פעלדשערס ראַזורע שטייט בערל אין זיין ווייסן בלאַנקנדיקן כאַלאַט, ער רוי־כערט געדיכט פּאַפּיראָסלעך און לאָזט אַרויס דעם רויך דורך דער נאָז אַזוי קונציק, אַז ער דריידלט זיך, דריידלט זיך ווי פייען. דערנאָך בלאָזט ער אים גלייך אַרויף אויפן באַלקאָן אַרויף צו איר ווו זי זיצט מיטן קינד אויף דער האַנט און לאַכט אַריבער צו אים מיט אירע „שוואַרצע ברילאַנטן". אַזוי האָט בערל גערופן אירע אויגן, ווען זיי האָבן זיך בסוד סודות געטראָפן. זי דער־מאָנט זיך אַז אַפילו שטיין אויפן באַלקאָן האָט איר די מוטער נישט גע־לאָזט: — וואָס האָסטו דיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ גולם? ס'איז נישט דיין קינד, האַ? איז וואָס אַרט דיך, אַז דו וועסט עס אַראָפּוואַרפן. אָדער „פייגעלע וואַלגער אויס די קליסקעלעך" אָדער „די מויד איז משוגע, ז'האָט געלאָזט שטיין דעם בעזעם אין מיט שטוב און זיך אַוועקגעשטעלט גלאָצן... אַריין גיי, הערסט?"

זי דערמאָנט זיך, ווי בערל האָט איר אַמאָל אַרויפגעשיקט אַ צעטעלע מיטן לערן יינגל. די מוטער וואָס איז גראָד דעמאָלט געלעגן איבערן וויגל אין אַלקער און אַנגעזויגט ס'קינד איז געקומען הענדום פּענדום, צו לויפן. פון גרויס איילעניש פאַרגעסן צו פאַרקנעפּלען די בלוזקע. אין ברוסט האָט זיך איר נאָכ־געהאָנגען אַ נאַקעטע. זי האָט אַרויסגעשטופּט דעם קליינעם דורך דער טיר און זי, פייגעלע האָט אַזוי געלאַכט, אוי האָט זי אויסגעזען קאָמיש, די מוטער. און דער קליינער האָט אַראָפּלויפנדיק די טרעפּ זיך צעפּייפט ווי אַ שייגעץ. „וואָס האָט ער געוואָלט, זאָלסט מיר שוין זאָגן" האָט די מוטער געוואַלדעוועט. „ער האָט געוואָלט וויסן, ווען מען שטעלט זיך מנחה דאַווענען היינט, דער פעלד־

שער האָט יאָרצייט". „אַזוי גאָר, זעטס, זעטס, אַ יידישע קישקע קאָן מען נישט שאַצן", איז די מוטער צוריק אַריין צום קינד וואָס האָט זיך געריסן. זי הערט אים נאָך איצט שרייען.

אירע מחשבות גייען אַריבער צו פערעלען. זי האָט איר אַריבערגענומען פון דייטשלאַנד. געוואָלט זיין אַ מאַמע און אַ טאַטע צו איר. דער ברודער שטעלט זיך איר פאר די אויגן. פונקט ווי דער טאטע. ער האָט איר אויך תמיד אָפגעטון וואָס נאָר ער האָט געקאָנט. און איצט ס׳טעכטערל. „זי מיינט כ׳פארשטיי מיך נישט אויף איר. די רגע וואָס זי איז אַריבערגעקומען האָט זי מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, מיר איינגערעדט, אַז איך בין בלינד, כאַפּט אלצדינג אין אירע הענט אַריין, אַפילו דעם דאָקטאָר האָט מען אָנגעזאָגט אַז איך בין בלינד, מיינע שונאים אויף צעפלאַצעניש וועל איך זען. כ׳זע איצט אויך. און אַז אַפילו נישט אַזוי ליכטיק. אָבער בלינד? פלוצלינג האָט זי זיך שווער אויסגעדרייט מיטן פּנים צום מאַן. אים אַ ריר געטון ביים אַקסל. מעלצער האָט זיך האסטיק אויפגעזעצט. ער האָט געמיינט, דער פרוי איז עפּעס נישט גוט געוואָרן.

— האַ? וואָס איז? — האָט ער זיך געריבן די אויגן.

— גאָרנישט, גאָרנישט, נאָר כ׳האָב דיך געוואָלט פרעגן, וואָס האָסטו היינט עפּעס אַזוי מאָדנע גערעדט פון שלאָף. האָסט געהאלטן אין איין דערמאָנען „פייגעלע", „פערעלע", פייגעלע", „פערעלע", ס׳האָט זיך דיר עפּעס געחלומט?

— ס׳האָט זיך מיר גאָרנישט געחלומט. לחלוטין גאָרנישט — האָט מעלצער האלב בייז, האלב צערטלעך זיך צוריק איבערגעדרייט.

זי האָט שוין איצט נישט געקאָנט וויינען. זי האָט ווידער אַמאָל דערפילט ווי דער גוף גיסט זיך איר צוריק אָן מיט בליי, ווערט צוריק שווער און טויט כמעט. זי איז אַזוי געבליבן ליגן ווי אַ שטיק צעיורן טייג נעבן דעם מאַן, וואָס איז שוין איצט געשמאַק געשלאָפן. ערשט פארטאָג איז זי איינגעשלאָפן.

אויף שבת האָט מעלצער פארבעטן דעם גאסט צו זיך. נאָכן עסן האָבן זיך די צוויי פרויען אויסגעפּוצט. מעלצער האָט דערווייל געכאַפּט אַ דרימל אויפן טיש, דערנאָך האָט ער געהאָלפן דער פרוי זיינער אָנטון זיך די שבתדיקע בגדים. די קראַנקע האָט זיך בלינדערהייט געפּודערט ס׳פּנים, אָנגעוואָרפן דעם פּודער, פארשפּריצט מיט אים דעם שוואַרצן מאַנטל, די שיך און געקוקט אין שפּיגעלע. זיי האָבן זיך לכבוד דעם גאסט אַוועקגעלאָזט אויף אַ לאַנגן שפּאַציר אין אַן אָמניבוס.

דער אָמניבוס האָט זיך געוויגט, געוויגט און אַרויסגעוויגט זיך אונטער דער שטאָט.

דאָ זענען די פעלדער געלעגן ברייטע, גרינע. סימעטריש פאַרשניטענע. פוןביידע זייטן זענען געשטאַנען ווייס־געפארבטע הייזקעס מיט ציגל־רויטע

דעכער און הערלעכע פראַנט גערטנדלעך אָנגעפּיקעוויט מיט קאָליר מוזיק און גאָלדענער זון. מיידלעך און בחורים האָבן אויף אַ ברייט ארומגעצוימט, שטיק פעלד געשפּילט טעניס. יעדעס מאָל, וואָס אַ באָל איז זיך פארלאָפן, הילכיק זיך צעלאכט. יונגוואַרג איז פארבייגעפלויגן אויף גלאנציקע פערדלעך. געפלויגן אין אַ גאַלאָפּ פריילעך און שטיפעריש, אַלע אין פיין אָפּגעפּאַסטע בריטשעס, אין העל־געלע גלאנציקע שטיוועלעך. ווען נישט די צעלייגטע וואַליקע האָר אויף מיידלשע פּלייצעס וואָלט מען נישט דערקענט ווער ס׳איז ווער.

— פאַרוואָס קויפט איר זיך נישט קיין הויז דאָ? אַ גאַנצע וואָך אַרבעט איר שווער, וואָלט איר אין די וויק־ענדס און אַפילו אין די אָוונטן דאָ ממש אויפגעלעבט. — האָט דער שרייבער געפרעגט. מעלצער האָט אָפּגעזיפצט:

— וויל מיין פרוי וויל נישט.

— וויל נישט? ס׳וואָלט דאָך פאר איר געווען אַ רפואה ממש.

— נו, זעט איר דאָך. זי וויל זיין מיט מיר צוזאַמען אין דער שטיקעניש. זי וויל נישט זיין אַליין. דאָ צווישן די חורבות איז איר „גוט“, זאָגט זי.

— אַליין? פאַרוואָס נישט מיט אייער ניכטע? אַ וואויל מיידל, אַ הארציק מיידל. און די פרוי צעשא, אַ פריילעכע אַזאַ?

— זי פאָרט אַוועק. זי איז דאָ בלויז געווען עטלעכע חדשים. און מיין ניכטע טאָר נישט וווינען אַליין צוזאַמען מיט מיין פרוי. מ׳קען קיין יונג קינד נישט פארמשפּטן אויף לעבן צוזאַמען מיט אַ קראנקן מענטשן.

— אַ שאָד — האָט דער שרייבער אַ זיפץ געטון — ווען איר האָט דאָ אַ הויז וואָלט איר מיר דאָ געקאָנט מאכן אַן אָוונט.

— כ׳וואָלט געמאכט מיט פארגעניגן.

דער אָמניבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט. מאדאם צעשא האָט גענומען דעם שרייבער אונטערן אָרעם. פערעלע איז געגאנגען אין זיין אַנדערער זייט. אַלע דריי האָבן פריילעך געפּלוידערט. פארגעסן אָן מעלצערן, וואָס האָט געמוזט פירן זיין קליינע שווערע פרוי.

זי איז געגאנגען מיט קליינע טריטעלעך, ווי אַ קינד, וואָס לערנט זיך ערשט גיין. ער מיט זיינע צוויי גרויסע פיס האָט זיך געמאטערט איינצוהאַלטן זיי. געלערנט זיי גיין מיט קליינע טריטעלעך. פאָרט איז ער געגאנגען צו גיך פאר אירע כחות. אים איז געווען ענג און הייס און שווער. ער האָט געשוויצט. כסדר געווישט דעם שווייס פונם שטערן און מקנא געווען די דריי, וואָס זענען זיך געגאנגען פריי און אַזוי גיך ווי זיי האָט זיך געגלוסט. די האלב בלינדע, האלב געליימטע פרוי זיינע האָט זיך שווער אָנגעהאנגען אויף זיין מידן אָרעם און אים מיטגעשלעפּט מיט זיך צו דער ערד.